STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04526

MAYN LEBENSVEG

Urke Nachalnik

Permanent preservation of this book was made possible
by Josef Weinstein
in memory of
Morris Shaffer, his Yiddish mentor

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אורקע נאכאלניק

מיין לעבנסוועג

(פון דער ישיבה און תפיסה — ביז צו דער ליטעראטור)

פארלאג:
בוכהאנדלונג ל. שאפירא װארשע

PRINTED in POLAND

Urke Nachalnik

Majn lebnsweg

Warszawa 1938

געזעצט: „קאָלעקטיוו“,
װאַרשע, נאַלעווקי 37, ווי׳ 77.

Druk. „Grafia“, Warszawa

אויסצוגן פון קריטישע אָפּשאַצונגען

(אַנשטאָט אַ הקדמה)

ד״ר זנאַניעצקי, פּראָפעסאָר פון סאָציאָלאָגיע אויף דעם קאָלומביאַ-אוניווערזיטעט אין אַמעריקע (שרייבט אין אַ בריוו צו פּראָפ. קאָוואַלסקי):

„פראַגמענטן פון אורקע נאַכאַלניקס מאַנוסקריפּט האָט ד״ר פּיאָטראָווסקי רעפערירט אויף מיין סעמינאַר און דאָס האָט געמאַכט אויף די סטודענטן אַ געוואַלטיקן איינדרוק. נישט נאָר דער מאַנוסקריפּט איז ווערט מען זאָל אים דרוקן, נאָר מען דאַרף דאָס בוך אויך לייענען״.

פּראָפעסאָר ד״ר בלאַכאָווסקי:

„אַלס פּסיכאָלאָגישער דאָקומענט באַזיצט דער „לעבנסוועג״ פון אורקע נאַכאַלניק אַ ווערט פון גאָר אַ גרויסער באַדייטונג. דער מחבר ווייזט אויך אַרויס דערביי ליטעראַרישע אַמביציעס. דער אופן, ווי אַזוי דאָס מאַטעריאַל איז באַאַרבעט, זאָגט וועגן דער ליטעראַרישער באַאַרבונג פון דעם ווערק, וואָס עס פאַרמינדערט אָבער לחלוטין נישט זיין באַדייטונג אַלס פּסיכאָ-לאָגישער דאָקומענט״.

באָי-זשעלענסקי (אין אַ בריוו צו אורקען):

„אייך איז זייער געלונגען צו באַשרייבן די אונטערוועלט און שילדערן די סביבה, פון וועלכער מיר האָבן ביז איצט גאָר ווייניק געוווּסט. מיט אומגעדולד וואַרט איך אַפּ דאָס דערשיי-נען פון דעם אויטאָרס ווייטערדיקע בענדער״.

י. ע. סקיווסקי („וויאדאמאשטשי ליטעראצקע"):

„די ליטעראַרישע זייט פון אורקע נאַבאַלניקס „לעבנסוועג" איז ערשטקלאַסיק. דער מחבר איז אַ גלענצנדער לעבנס-אָבסער-וואַטאָר, הומאָריסט און שרייבער מיטן פולן מויל. די ווערטער: „פאַרברעכן", „שטראָף" און „תפיסה" נעמען אָן פאַר אונז נאָך דעם איבערלייענען דאָס בוך גאָר אַ נייע באַדייטונג".

פּראָפעסאָר הארקעוויטש („סלאָווא"):

„יעדעס זייטל פון אורקעס בוך איז שטאָף אויף צענדליקער פילמען, דערציילונגען, נאָוועלן און ראָמאַנען. און דערפאַר דאַרף מען אָנווייזן אויף דעם ווערק אַלס אויף איינס פון די אינטערעסאַנטסטע, וואָס זענען דערשינען אין די לעצטע צייטן".

ד"ר ראָמאַן בראַנדשטעטער („אָפּיניאַ"):

„אורקע איז אַ שפּאַנענדער פּראָזאַאיקער, אַ גלענצנדער דער-ציילער. ער קאָמפּאָנירט גוט זיינע ווערק. די האַנדלונג בויט ער ווי אַן אויסגעהאַלטענער און דערפאַרענער דיכטער, וואָס האָט שוין הינטער זיך לאַנגע יאָרן דיכטערישע פּראַקטיק".

ווישאָמירסקי („סלאָוואָ"):

„אורקע נאַבאַלניק, דער פּוילישער ווילאָן פון צוואַנציקסטן יאָר-הונדערט, איז אַ דיכטער, וואָס שרייבט מיט מוח, האַרץ, בלוט, לייב און נערוון. קוקט, לייענט און באַוואונדערט, וואָס דאָס הייסט אויף אַן אמת געשריבענע, נישט איבערגעאַרבעטע, ווירקלעכקייט".

זיגמונט נאָוואַקאָווסקי („אי. ק. צ."):

„דער קינפטיקער ליטעראַטור-היסטאָריקער וועט האָבן זייער אַ שווערע אויפגאַבע, צו וועלכן מין דיכטער ער זאָל פאַררעכענען אורקען, דעם הונדערט-פּראָצענטיקן רעאַליסט. וואָרום אים אין גאַנצן פאַרשווייגן אין דער פּוילישער ליטעראַטור קאָן מען נישט".

י. ע. סקיווסקי („גאַזעטאַ פּאָלסקאַ"):

„אַ גרויסן טעות האָבן די אַלע, וואָס ווילן זען אין אורקען אַ סענסאַציע, אַן אונטערוועלט-טיפּ, וואָס האָט פאַרטוישט דעם „ווימריך" אויף אַ פּעדער. נאָך מיין מיינונג און איבערצייגונג איז אורקע פריער פאַר אַלעמען אַ גרויסער דיכטערישער טאַלענט".

„נאָוואָשטשי ליטעראַצקע":

„אין טאָמאס מאנס ווערק „צויבערבארג" איז דאָ א בילדל, ווי האנס קאסטראָפּ לעבט דורך א גוואלדיקע אויפטרייסלונג, ווען ער זעט דעם מענטשנס קערפּער דורכגעלויכטן מיט רענטגען-שטראלן און ווי דאָס בלוט פליסט דורכן הארץ און אָנגע-גריפענע לונגען. אזא בליק אין דער טיפעניש פון מענטשן איז דאָס ווערק פון אורקע נאַכאַלניק".

„ליטעראַרישע בלעטער":

א וועלט מיט טיפן: מענער, פרויען, רייכע און אָרעמע, הער-שער און אונטערדריקטע, אלערליי צייטן און געשעענישן, העלדישקייטן און פּחדנות, פיינקייט און געמיינקייט, אָפּפערווי-ליקייט און פארקויפטקייט, — גייט דורך די עטלעכע הונדערט זייטן פון אורקעס בוך".

„היינט":

„ווי אין א קאַליידאָסקאָפּ גייען דאָ פארביי מענטשן ארויסגע-שטויסענע פון דער געזעלשאַפט, וואָס זינקען אָפט מאָל קעגן זייער אייגענעם ווילן אין תהום פון פאַרברעכן און דעגענעראַציע".

„פאָרווערטס" (אמעריקע):

„דער דערפאָלג פון אורקע נאַכאַלניק איז אַ קאָלאָסאַלער טריאומף פון דעם אמת".

„פאריזער היינט":

„אורקע נאַכאַלניקס ראָמאַנען האָט דאָס לעבן אַליין געשריבן. דער דיכטער איז אַ גרויסער קענער פון דעם געראַנגל פון דער מענטשלעכער נשמה".

האווארד-זשורנאַל (לאָנדאָן):

„אורקע נאַכאַלניקס מעמוּאַרן איז פאַר דער ווסנשאַפט אַן אומ-דערשעפּלעכער קוואַל, וואָס גיט אַ צוטריט צו דער פארשלאָסע-נער נשמה פון דער סודותפולער פאַרברעכער-וועלט".

„פּיאָן":

„אורקע נאַכאַלניקס ווערק האָט נאָר אַ וויכטיקע הויבע געזעל-שאַפטלעך-סאָציאַלע באַדייטונג".

„אונזער צייט" (רומעניע):

„אורקע האָט אַנטפּלעקט פאַר דער ברייטער וועלט די פאַר־פלאָנטערטסטע קנוילן פון דעם געפאַלענעם מענטשנס נשמה, נישט אַריינפאַלנדיק דערביי אין דער נעץ פון ביליקע פאַרבן און שונד־פאַרמען".

„נאָש פשעגלאָנד":

„אורקע נאַבאַלניקס דערפאָלג איז אַן ערלעך פאַרדינטער. דער דיכטער קאָן רירן דאָס געוויסן פון די אַלע, וואָס קוקן גלייכגילטיק אויף די מענטשן, וואָס שטייען מיט איין טריט אין אָפּגרונט".

„א. ב. צ." (אַן ענטפער אויף אַן אַנקעטע וועגן בעסטן בוך, וואָס איז דערשינען אין דער פוילישער ליטעראַטור אין יאָר 1933):

„אורקע נאַבאַלניקס ווערק איז דאָס בעסטע, וואָס איז דערשינען אין דער פוילישער ליטעראַטור אין יאָר 1933. דאָס בוך איז אָנגעשריבן מיט אַן אמתן דיכטערישן טאַלענט. פאַרשידענע בילדער, די כאַראַקטעריסטיק פון דער סביבה, ווייזן אַ שטאַרקע פעדער מיט אַ ברייטן פאַרנעם, וואָס ווייסט גוט צו וואָס זי צילט".

ק. פרושינסקי („בונט מלאָדיך"):

„לייענענדיק דאָס בוך קאָן מען פאַרשטיין, אַז וואַלאַס און קאָנאַן דאָיל זענען נאָך זייער נאַאיוו קעגן אורקע נאַבאַלניקן"

מאָטאָ:

מען דאַרף האָבן מער מוט מודה צו זיין זיך צום שלעכטן, ווי צו באַגיין די שלעכטע טאַט.

קאַפּיטל איינס

איידער איך וועל צוטרעטן צו דערציילן די געשיכטע פון מיין לעבן, וועלכע איז איינע פון די טרויעריקסטע לעבנס־געשיכטן, האַלט איך פאַר נויטיק כאָטש אין אַ קליינעם קיצור צו זאָגן, וואָסערע אומשטענדן האָבן מיך אַראָפּגעפירט פון דרך הישר. אָבער איך בעט אַנטשולדיקונג ביים לעזער, אויב איך וועל די באַשרייבונג פון די דאָזיקע אומשטענדן אָנהויבן מיט אַ שילדערונג, ווי אַזוי איך בין געקומען אויף דער וועלט.

אָט זע איך ווי דורך אַ נעפּל אַ קליין שטעטל, וואָס ליגט צעוואָרפן ביים ברעג פון נאַרעוו. אין צענטר פון שטעטל, נישט ווייט פון מאַרק, שטייט אַ געמויערט איינשטאָקיק הויז, וואָס מיט זיין אויסערלעכן אויסזען צייכנט עס זיך אויס פון אַנדערע הייזער דערמיט, וואָס עס באַזיצט אַ גאַנעק און צוויי בענק ביים איינגאַנג אין געוועלב. איבערן געוועלב הענגט אַ שילד מיט דער אויפשריפט אויף רוסיש: „טאָרגאָוולאַ מוקי״ אויפן נאָמען פון פרוי נ. ב.

אייגנטימער פון דאָזיקן הויז איז אַ מאַן פון הויכן וווקס, 30 יאָר אַלט, מיט אַ געזונטן אויסזען און מילדע, אָנציענדע אויגן. מיט די דאָזיקע אייגנשאַפטן צייכענען זיך געוויינלעך

אויס מענטשן, וואָס באַזיצן אַן אויסערגעוויינלעכע קראַפט. דאָס ווייב זיינס איז אַ פרוי פון אַ יאָר 25, מיט אַן אינטעליגענטן אויסזען, אַ טיפּישע בלאָנדינקע. דאָס דאָזיקע גאַנץ צוגעפּאַסטע פּאָר געהער צו דער יידישער אינטעליגענץ פון דעם קליינעם שטעטל.

אין אַ שיינעם טאָג פון מאָנאַט יוני 1897 — אַזוי זע איך אין מיין פאַנטאַזיע — איז דאָס געוועלב אין יענעם הויז גע־שלאָסן צוליב דעם, וואָס עס איז געבוירן געוואָרן אַ זון, אַ בכור. איך זע די אומבאַשרייבלעכע פרייד, וואָס הערשט דאָרט, קרובים און באַקאַנטע קומען און ווינטשן די עלטערן.

איך זע, ווי אין שלאָפצימער ליגט אין בעט די מאַמע, אין גאַנצן אין ווייסן, און אַ זיגערישער מוטער־שמייכל שפּילט אויף איר עטוואָס בלייכן געזיכט. איך ליג אין די וויקעלעך ביי איר רעכטער זייט. דער טאַטע שטייט אין מיטן שטוב און נעמט אָן די ווונטשן. ער איז ערנסט און פאַרטראַכט. זיינע אויגן שטראַלן מיט גליק.

איך זע מיט די אויגן פון מיין פאַנטאַזיע, ווי מענטשן קומען אַריין און גייען אַרויס פון דעם הויז, און אויף יעדן פּנים זע איך אַן אויפריכטיקע אָדער אויך אַ גוט פאַרמאַסקירטע צופרידנהייט.

פאַרן הויז זאַמלען זיך אַלץ מער מענטשן, וואָס רעדן אַרום דעם פאַקט פון מיין געבוירן ווערן. איך הער אויך שטי־קער אָפּגעהאַקטע געשפּרעכן: „גאָט האָט זיך מרחם געווען, אויסגעהערט זייערע תּפילות און זיי געגעבן אַ זון". ווייטער הער איך, ווי מען שעפּטשעט זיך: „אַ גביר האָט שטענדיק מזל". איינע אַ יידענע, וואָס הערט זיך צו צו די געשפּרעכן, שאָקלט מיטן קאָפּ און, אויפהויבנדיק פרום די הענט אין דער הויך, זאָגט זי: „אַן אמתער נס; פינף יאָר נאָך דער חתונה, נו, נו. גאָט איז אַ כּל יכול; נישטאָ ביי אים קיין אוממעגלעכע זאַכן". אַן אַנדערע ווידער, אַ בלאַסע יידענע מיט געקרייזלטע האָר און מיטן אויסזען פון אַ פאַרצייטיקער שקלאַפין, קוקט זיך

אַרום אומדרייסט און פאַרשעמט און פרעגט שטילערהייט: „צי איז עס אמת, אַז זי איז געפאָרן נאָך אַ ברכה צום רבין?"

איך זע, ווי אַ דיקע יידענע פירט זי אַוועק אין אַ זייט און זאָגט צו איר מיט אַ געהיימניספולער מינע: „נאָר דער רבי אַליין קאָן באַווייזן אַזאַ נס. מיינע אַ שוועסטערקינד האָט 15 יאָר נישט געהאַט קיין קינדער און אַז זי איז איינמאָל געפאָרן צום רבין, איז זי טאַקע אויפגעריכט געוואָרן און געבוירן אַ זון".

אַזעלכע און ענלעכע געשפרעכן ווערן געפירט וועגן מיין קומען אויף דער וועלט.

אויפן אַכטן טאָג נאָך מיין געבוירן ווערן זע איך אין הויז אַ גערודער און צוגרייטונגען צו אַ גרויסן יום-טוב. אין יענעם טאָג האָט מען עס מיך געדאַרפט איינגלידערן אין די רייען פון יידישן פאָלק. די שטוב בלאַנקט פון ריינקייט, אויף די טישן ברענען ליכט אין מעשענע און זילבערנע לייכטערס. פון צווייטן צימער, ווו עס ליגט די מאַמע, דערטראָגט זיך אַ לאַכן פון פרויען. דאָרט איז פול מיט שכנטעס און קרובות. די מענער זיצן אין ערשטן צימער, אַרום טישן, וואָס זענען אויסגעשטעלט אין אַ האַלב-ראָד. די פליכטן פון אַ באַלעבאָס דערפילט דער טאַטע צוזאַמען מיט די קרובים; זיי באַמיען זיך יעדן גאַסט אַוועקצוזעצן אויף אַ פאַסיקן אָרט, לויט דעם אָרט, וואָס ער פאַרנעמט אין דער געזעלשאַפט פון קליינעם שטעטל.

דער רב מיט דער גרויער, לאַנגער באָרד, מיט די שיין געדרייטע פאות, זיצט אויבן-אָן און זאָגט עפעס הויך אויף אַ קול; אַלע אַרום הערן זיך צו מיט אַ יראת-הכבוד.

מיטאַמאָל עפנט זיך ברייט די טיר און אַ ייד מיט אַ חשובן, פאַטריאַרכאַלן אויסזען טראָגט מיך אַריין אויף אַ קישעלע; און איך, ווי איך וואָלט פאַראויסגעפילט, וואָס מיך דערוואַרט דאָ, שריי און מאַך קולות. דאָס קישעלע מיט מיר גייט איבער פון האַנט צו האַנט. עפעס אַ געלער ייד בויגט זיך אַראָפּ איבער מיר מיט זיין פינקלדיק מעסער און טרעט דאַן צו צו דער אפעראַציע... מיין קינדערשע שטים שטאַרבט אָפּ

אויף מיינע ליפּן, אַ טיפע שטילקייט הערשט אַ ווײַלע אין צי־מער. דער אַלטער רבֿ זאָגט אַ תּפֿילה, שעפּטשענדיק שטיל מיט די ליפּן, און דאַן, ווי ער וואָלט פּלוצלינג אויפגעקומען פון שלאָף, רייסט ער איבער די שטילקייט מיט דעם אויסרוף: „מזל טובֿ! מזל טובֿ!‟ אַלע אין שטוב דריקן דעם טאַטן די האַנט און ווינטשן:

— זאָלסט זוכה זיין אים געזונט צו דערציען!

— זאָלסט זוכה זיין צו פירן אים אונטער דער חופּה!

— זאָלסט זוכה זיין, ער זאָל אויפוואַקסן אַן ערלעכער ייד!

— מיר זאָלן זוכה זיין צו דערלעבן משיחס צייטן!

דער טאַטע נעמט אָן די ברכות מיט אַ צעשטראַלט פּנים און די מאַמע וואַרט אַ ווײַלע און רופט דערנאָך, מען זאָל איר דערלאַנגען צוריק דאָס קינד, וואָס עס ווערט טאַקע באַלד געטאָן, און איך געפין זיך ווידער ביי איר זייט.

נאָכדעם ווי עס ענדיקט זיך די פייערלעכע צערעמאָניע, שטעלט מען אַוועק אויפן טיש פאַרשידענע מאכלים און משקאות. עס הויבט זיך אָן די סעודה. מען האַלט טאָאַסטן פאַר מיין כּבֿוד וועגן, עס שיטן זיך דערביי אויך וויצן, און מען מיידט אויך נישט אויס אַ געלעגנהייט צו פאַרפירן געשפּרעכן וועגן דעם לעבן אין שטעטל און וועגן אַלערליי געשעפטן.

און אַזוי פאַרציט זיך די סעודה ביז שפּעט ביי נאַכט.*)

---

*) די אַלע פּרטים דערציילט דער אויטאָר אויפן גרונט פון דעם, וואָס ער האָט שפּעטער געהערט אַלס דערוואַקסן ייִנגל. באַזונדערס פיל האָט אים דערציילט וועגן דעם די מוטער. זי האָט אים אויך געזאָגט, אַז ער איז געקומען אויף דער וועלט צוליב אַ בּרכה פון אַ רבּין.

קאַפּיטל צוויי

זינט יענעם טאָג, ד. ה. דעם טאָג, ווען איך בין איינ־געגלידערט געוואָרן אין די רייען פון יידישן פאָלק, זענען אַוועק 5 יאָר. דאָס זענען די גליקלעכסטע יאָרן נישט בלויז פון מיין קינדהייט, נאָר אויך פון מיין גאַנץ לעבן. אין יענער צייט איז געפאַלן די אַנטשיידונג וועגן דעם, אויף וואָס פאַר אַן אופן עס זאָל זיך אָנהויבן מיין לערע.

איך געדענק עס אַזוי ווי היינט. אין טאָג, ווען איך בין אַלט געוואָרן פינף יאָר, האָב איך ביי מיטאָג באַמערקט, אַז דער טאַטע און די מאַמע שושקען זיך עפּעס און פירן צווישן זיך אַ שטילן שמועס. פון עטלעכע אויפגעכאַפּטע ווערטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס געשפּרעך גייט וועגן מיר, אָבער אין וואָס עס האַנדלט זיך, האָב איך נישט געוווּסט. שפּעטער בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז דאָס האָבן זיי זיך געשפּאַרט וועגן מיין צוקונפט. דער טאַטע, שטרעבנדיק צו אַנטוויקלען אין מיר דעם פאַרשטאַנד און נישט איינצופלאַנצן אין מיר דעם גלויבן אין אַלערליי נסים, האָט געוואָלט, אַז איך זאָל באַזוכן די פאָלקסשול, וואָס איז געווען אין שטעטל. די מאַמע אָבער, זייענדיק אַ חסידישע טאָכטער, האָט הייליק געגלויבט, אַז גאָט האָט דערפילט איר הייסן באַגער און איר געשאָנקען אַ זון נישט דערויף, אַז ער זאָל דערצויגן ווערן אַ גוי, נאָר ער זאָל זיין אַ היטער פון גאָטס געבאָטן. זי האָט דורכאויס געוואָלט, אַז איך זאָל אַמאָל ווערן אַ רב, און כסדר געזאָגט, אַז איך וועל עס טאַקע ווערן. דערפאַר האָט זי זיך איינגעעקשנט און גע־פאָדערט, אַז איך זאָל, ווי דער מנהג איז, אָנהויבן לערנען אין אַ חדר. נישט קאָנענדיק קומען צו אַ הסכם, האָבן די עלטערן באַשלאָסן צו פרעגן מיך אַליין, וואָס איך וויל, אַ שקאָלע צי אַ חדר.

סיי דער טאַטע סיי די מאַמע, וועלנדיק אַריבערציִען מיך יעדער איינער אויף זיין זייט, האָבן קאָנקורירט צווישן זיך מיט שענקען מיר אַלערליי מתנות און זיסוואַרג. אַזוי אָבער

ווי אין יענעם טאָג, ווען איך האָב באַדאַרפט באַשליסן וועגן מיין גורל, האָט מיר די מאַמע געשאָנקען אַ שיין פערדל און אַ בלייערנעם זעלנער, דערצו נאָך אַ טעוועלע שאָקאָלאַד, ביז איך אַלזאָ געשטאַנען אונטער איר איינפלוס און געגעבן מיין הסכמה צו גיין לערנען אין אַ חדר.

איך געדענק יענעם טאָג, ווען די מאַמע האָט מיך צום ערשטן מאָל געבראַכט צו פירן אין חדר אַריין. איך זע זיך אַליין, ווי דורך אַ נעפּל, אַלס קליין יינגל, ווי איך זיץ אין חדר, איינגעקוועטשט ביי אַ גרויסן טיש צווישן אַ צוויי צענ־דליק קונדסים, וואָס זענען געווען אָנגעטאָן אין פאַרשידנאַרטיקע מלבושים, אָפּהענגיק פונם וווילשטאַנד פון די מענטשן, וואָס האָבן זיי געבראַכט אויף דער וועלט.

מיר זיצן איינגעבויגן איבערן סידור און מיר שרייען אויס מיט פאַרשידענע קולות. אין מיטן חדר, אויף דער שמו־ציקער, ליימענער פאָדלאָגע, זיצן אין פאַרשידענע פּאָזעס עט־לעכע מיידלעך. זיי שפּילן זיך יעדע אויף איר אופן. אין אַ ווינקל פון חדר האָט זיך געצייכנט פון רויך אַרויס די גע־שטאַלט פון רבינס ווייב, וועלכע האָט עפּעס געמורמלט אונטער דער נאָז אויף איר מאַן. די שטוב איז געווען אַ קליינע. די תלמידים, וואָס האָבן שטענדיק אָנגעפילט דאָס צימער, האָבן אַריינגעאָטעמט אין זיך רויך און עיפּוש. דער רויך האָט אומ־ברחמנותדיק געגריזשעט די אויגן, דערביי איז געווען דושנע און הייס נישט צום אויסהאַלטן.

איבער דער דאָזיקער האַפּטע קינדער האָט געקיניגט דער רבי, שטייענדיק אין מיטן חדר, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, כמעט אַ פּאַרכטיקער. אין דער רעכטער האַנט האָט ער גע־האַלטן זיין צעפּטער מיט די צען רימענדלעך, דעם אַלמעכטיקן קאַנטשיק. פון צייט צו צייט האָט דער רבי אויסגעפּרווט זיין אומבאַגרענעצטע מאַכט, שמייסנדיק איבער די פּלייצעס פון די יינגלעך, וואָס זענען געזעסן נעבעטער צו אים, און געטאָן האָט ער דאָס מער פון געוווינהייט, ווי פון נויטווענדיקייט. מיר האָבן זיך דאַן אַלע צונויפגעדרענגט אין אַ קופּקעלע, אַז מען

וואָלט אַ שפּילקע נישט געקאָנט אַריינוואַרפן צווישן אונז. וועלנ־דיק אונז פאַנאַנדערדרוקן, האָט דער רבי געשמיסן מיטן קאַנ־טשיק איבער די קעפּ און געפּאַטשט מיט אים פּאַרכטיק אין דער לופטן.

אַזוי האָט אויסגעזען דער טעמפּל פון וויסן, וואָס האָט געהאַט אין מיין פּאָטער אַזאַ גרויסן קעגנער, אין וועלכן איך האָב אָבער געמוזט צוליב דער הסכמה, וואָס מען האָט אַרויס־באַקומען ביי מיר מיט דער הילף פון מתנות, פאַרברענגען יעדן טאָג פון 8 פרי ביז 9 אין אָוונט. איין טאָג איז געווען ענ־לעך צום צווייטן: קיין שום ענדערונגען. דער רבי האָט קיינ־מאָל נישט דערלויבט צו עפענען די פענסטער, טענהנדיק, אַז ער קאָן פאַרלירן די שטימע, מיט וועלכער ער האָט באַשיינט יעדן שבת דאָס דאַווענען אין שול. די זון האָט אויך קיינמאָל אין אונזער חדר נישט אַריינגעבליקט, וואָרום לעבן חדר איז געווען אַ שטעלעכל, אין וועלכן דער רבי האָט געהאַלטן זיין לעבעדיקן אינווענטאַר, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי ציגן און פיר ציגעלעך. דעם רבינס ציגן זענען געווען אַן אמתע פּלאָג פאַרן גאַנצן שטעטל. די פויערים פון דער אומגעגנט, קומענ־דיק צו פאָרן אין קאָשטשאָל אַריין אָדער נאָך איינקויפונגען אין שטאָט, האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּיאָגן פון די דאָזיקע פּרע־סער. אומעטום איז געווען פול מיט זיי; נישט איינמאָל האָבן זיי אַראָפּגעכאַפּט פון פענסטער אויך דאָס אָנבייסן, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך. דער רבי האָט פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן לייגן דאָס אָנבייסן דווקא אויפן פענסטער; צי ער האָט דאָס געטאָן מיט אַ כיוון, ווייס איך נישט. פאַר די ציגן אָבער האָט דאָס פאַרלייכטערט די סיטואַציע. זיי האָבן אונז צוגע־האָלפן אויפצועסן דאָס אָנבייסן. דער רבי אָבער האָט גע־טענהט, אַז ס׳איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין איידעלערע באַשעפעניש, ווי אַ ציג: קאָרמען דאַרף מען עס נישט און עס גיט געשמאַקע מילך.

דאָס בעטשען פון די ציגן און דער ליאַרם פון די קינ־דער האָבן מיר טיילמאָל אַזוי דאַקוטשעט, אַז כ׳וואָלט גערן

אַנטלאָפן פון דעם דאָזיקן גן־עדן, ווו דער פעפער וואַקסט; אָבער די מורא פאַרן רבין איז געווען גרעסער ווי אַלץ און דאָס האָט מיך צוגעשמידט צום אָרט. עס זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע טעג, ווען מיר האָבן פריי אָפּגעאָטעמט אויף דער פרישער לופט. מיר האָבן זיך דאַן געשפּילט אויפן הויף, און די זון האָט אונז געגומען אונטער איר שוץ, וואַרפנדיק אויף אונז אירע וואַרעמע שטראַלן. ליידער איז אַזעלכע טעג נישט געווען קיין סך. דאָס האָט זיך געווענדט דערפון, אויף וויפל חתונות דער רבי איז געגאַנגען. ער האָט אויף די חתונות געשפּילט נישט קיין קליינע ראָלע: ער האָט געזונגען אַלס בדחן.

אין אַזעלכע טעג האָט ער אונז באַפרייט פון זיין געזעלשאַפט, דערלויבנדיק אונז צו שפּילן זיך אויפן הויף פון חדר. דאָס הויף איז געווען מער ענלעך צו אַ מיסטקאַסטן; אונז אָבער איז עס געווען ליב און טייער, ווייל עס האָט פאַרמאָגט אַלץ, וואָס מיר האָבן באַדאַרפט האָבן צו אונזערע שפּילערייען. עס איז, אַלזאָ, קיין וווּנדער נישט, וואָס מיר האָבן אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט נאָך יעדער נייער ידיעה וועגן עפעס אַ תּנאים אין שטעטל.

שוין דאַמאָלס, נישט קוקנדיק אויף דעם יונגן עלטער, האָט אין אונזערע קעפּ זיך אָנגעהויבן אויסצופּיקן די פראַגע, נאָך וואָס מענטשן האָבן חתונה. יעדער פון אונז האָט דאָס דערקלערט אויף זיין אופן. ביז איינמאָל האָט אַ שוסטערס אַ יינגל, אַלס עלטסטער צווישן אונז — ער איז שוין געווען אין צענטן יאָר — אַוועקגעשטעלט זיך פאַר אונז אַלעמען און אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז ער ווייס, נאָך וואָס מענטשן האָבן חתונה, שטיצנדיק זיך דערביי אויף די באַאָבאַכטונגען, וואָס ער האָט געמאַכט ביי זיינע אייגענע טאַטע־מאַמע. ער האָט דערציילט, ווי אַזוי דער טאַטע און די מאַמע זענען זיך נוהג ביינאַכט. איך פון מיין זייט האָב דאָס בפירוש אָפּגעלייקנט און אים געשטעמפּלט אַלס ליגנער. ישראליק — אַזוי האָט ער געהייסן — האָט זיך אָבער נישט געלאָזט שפּייען אין קאַשע און זיך באַלד גענומען ווייזן, ווי אַזוי מען מאַכט דאָס. זיך

אַליין האָט ער געמאַכט פאַרן „טאַטן" און אַלס „מאַמע" האָט ער אויסגעקליבן איינע פון די מיידלעך. דאָ האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט אַ געוויסע שטערונג: עס איז נישט געווען קיין בעט — און אַ בעט מוז מען האָבן, אַזוי האָט געטענהט ישראליק. מיר האָבן אַלע אָנגעוויזן, אַז דער צעבראָכענער קופער, וואָס שטייט ביים פענסטער, קאָן דרייסט פאַרטרעטן אַ בעט. דאָס מיידל אָבער, וועלכע האָט קיין שום אַנונג נישט געהאַט, אין וואָס עס האַנדלט זיך, האָט נישט געוואָלט הערן. דאַן האָט זי ישראליק אַרומגעכאַפּט און מיט געוואַלט געשטופּט אין קופער אַריין, קעגן וואָס דאָס מיידל האָט זיך געווערט מיט דער גאַנצער פאַרביסנקייט, און ענדלעך, זעענדיק זיין איבערמאַכט איבער איר, האָט זי אויסגעבראָכן מיט אַזאַ הילכיק געשריי, ווי זי וואָלט אונז אַלעמען גערופן צו הילף. נישט פאַרטראַכטנ־דיק זיך אויף אַ רגע, האָב איך זיך גענומען איינשטעלן פאַר איר, פון וואָס עס איז אַרויסגעקומען אַ געשלעג צווישן מיר און ישראליקן. צום סוף בין איך געבליבן דער זיגער און דאָס שפּיל איז נישט צושטאַנד־געקומען.

אַז דער רבי איז צוריקגעקומען און געוואָר געוואָרן וועגן דער מעשה, האָט ער מיר אויפגעציילט צען שמיץ אין אַזאַ טייל קערפּער, פון וואָס — ווי ער האָט געזאָגט — דעם קאָפּ וועט גאָרנישט זיין און אפשר וועט ער נאָך אַריינקריגן אין זיך מער שכל.

די דאָזיקע קליינע פּאַסירונג איז ביזן היינטיקן טאָג גע־בליבן איינגעקריצט ביי מיר אין זכרון, וואָרום יענס מיידל האָט אָפּגעשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין מיין שפּעטערדיק לעבן, וועגן וואָס איך וועל דערציילן ווייטער.

קאפיטל דריי

אין חדר האָב איך זיך, נישט קוקנדיק אויף אַלץ, געלערנט גוט.

דער רבי האָט מיך געליבט פאַר דער מאַמען און מבטיח געווען, אַז עס וועט אַרויסוואַקסן פון מיר אַ „גרויסער מענטש", און די אָרעמע מאַמע איז געווען זיכער אין דעם און האָט דערין הייליק געגלויבט. גראָד אַזוי האָבן אויך די מאַמעס פון אַלע תּלמידים געגלויבט אין די ווערטער פון רבין, וואָרום פּאַקטיש איז דער גורל פון יעדן קינד געווען אָפּהענגיק פון אים. ער איינער האָט פאַראויסגעזאָגט די צוקונפט. יעדן באַזונדער האָט ער פאָרגעזאָגט געוויינלעך: „פון דעם וועט אַרויסוואַקסן אַן אַפּיקורס", — „פון דעם אַ גוי", — „פון דיר וועט שוין קיין רב נישט זיין" א. אַז. וו. און וואָס איז ווידער נוגע די מיידלעך, האָט ער אויף די פראַגן פון די מאַמעס געוויינלעך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַ מורמעל געטאָן עפּעס אומפאַרשטענדלעכע ווערטער אונטער דער נאָז, אַזוי ווי וועגן אַזאַ באַשעפעניש וואָלט זיך אַפילו נישט געלוינט צו רעדן.

שלעכטע נביאות האָט דער רבי געזאָגט אויף די קינדער, וועמעס עלטערן האָבן נישט געצאָלט רעגולער שכר־לימוד; אַזוי אָבער ווי מיינע עלטערן האָבן געצאָלט צו דער צייט און טיילמאָל זאָגאַר פאָראויס, האָט ער מיך אַלזאָ גערימט, אַז איך „באַווייז וווּנדער" אין לערנען. וואָס אַן אמת, איך האָב אויך נישט איינמאָל אַריינגעכאַפּט אַ שטאָרך, ער האָט אָבער דערקלערט, אַז דאָס איז אַ מוז, טענהנדיק, אַז איטלעכער דערציער, וואָס זאָרגט באמת וועגן גורל פון תּלמיד, מוז אים שלאָגן, וואָרום אַז נישט, וועט ער אויסוואַקסן אַ „גוי".

איינמאָל האָט געטראָפן אַ צופאַל, וואָס האָט מיר געעפנט די אויגן; פון יענער מינוט אָן האָב איך גענומען צווייפלען אין דעם אמת פון רבינס רייד. געבראַכט דערצו האָט אָט וואָס: איינע אַ מאַמע האָט געבראַנגט צו פירן אין חדר

אריין אַ ייִנגל פון זעקס יאָר, מיט געקרייזלטע האָר און אַ צאַרט פּנימל. נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגערעדט די באַדינגונגען און איז אַרויס פון חדר, איז דאָס ייִנגל געבליבן שטיין אויף זיין אָרט, ווי פאַרשטיינערט; ער האָט ברייט אויסגעשטאַרטשעט די אויגן און די ליפּן האָבן ביי אים נערוועז געציטערט. עס איז געווען אַ טרויעריק בילדל; אַ רחמנות האָט מיך אַרומגענומען אויף דעם ייִנגל, ווען איך האָב געזען, ווי די קינדער רינגלען אים אַרום און ווי ישראליק נעמט צו ביי אים דאָס קליינע פּעקעלע, אין וועלכן עס איז געווען צוויי זעמל און אַן עק פון אַ הערינג. דערפון האָט ישראליק אַראָפּגענומען די גרעסערע העלפט, געבנדיק צו פאַרשטיין, אַז יעדער איינער מוז געבן פאַרן „געלן" אַ טייל פון זיין מאָלצייט.

דאָ מוז איך אָבער אויפקלערן, ווער אַזעלכעס עס איז געווען דער „געלער". דאָס איז געווען אַ גרויסער, אויסגעפּאַשעטער קאָטער. פאַר דעם דאָזיקן קאָטער האָבן מיר יעדן טאָג געמוזט אָפּטיילן פון אונזער עסן אַ מין מעשר. אָפּגענומען האָט דאָס ביי אונז ישראליק, וועלכער האָט געהאַט דערויף אַ פול־מאַכט פון רבין. ישראליק איז אַלזאָ געווען דער אפּוטרופּס פון „געלן". און אַזוי ווי מיר האָבן פאַר אים מורא געהאַט, האָבן מיר אָן שום טענות ומענות דערלויבט צוצונעמען ביי אונז אַ געוויסן טייל פון אונזער שפּייז. דער דאָזיקער ישראליק איז געווען אַן אומגעוויינלעכער שמאָדער, מיט כיטרע אויגן, מיט אַ מיאוס פּנים. הערנדיק בלויז וועגן אים, האָט שוין יעדעס קינד דערפילט אַן עקל, און דאָך האָט איטלעכער איינער גע־מוזט יעדן אין דער פרי זיך טרעפן מיט אים, וואָרום ווי נאָר ער איז אָנגעקומען, האָט ישראליק גלייך גענומען מאַכן אַ רע־וויזיע און קאָנטראָלירן, וואָס איינער פאַרמאָגט. טייל קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פלע־שעלע מילך, פון וועלכן זיי האָבן אָן אַ ווידערשפּעניק וואָרט גלייך געמוזט אָפּגיסן די גרעסערע העלפט אין אַ גרויסער, בלע־כערנער שיסל אַריין. דעם דאָזיקן טאָג־טעגלעכן מעשר פון פיל קינדער האָט כלומרשט געזאָלט איינשלינגען אין זיך דער

קאָטער, אין וואָס, זעלבסטפאַרשטענדלעך, מיר אַלע זענען גע־
ווען היילִיק איבערצייגט.

און אַט, זעענדיק, ווי ישראליק נעמט־צו דאָס אָנבייסן
ביי דעם ניי־אָנגעקומענעם יינגל און פאַרקירעוועט זיך דערמיט
אין צווייטן צימער אַריין, וווּ עס איז אין גאַנצן קיין פענסטער
נישט געווען און וווּהין פאַר אונז אַלעמען, אַחוץ פאַר ישראליקן,
איז דער איינטריט געווען פאַרבאָטן, בין איך נאָכגעלאָפן נאָך
אים, באַשליסנדיק אָפּצורעכענען זיך מיט ישראליקן פאַר זיין
געמיינער טאָט.

אין יענעם צימער, וואָס איז גיכער געווען ענלעך צו אַ
נאָרע, האָט דער רבי געהאַלטן זיינע יורשים, וואָס זענען
באַשטאַנען פון פינף זין און צוויי טעכטער. דער עלטסטער פון
די יינגלעך איז אַלט געווען 10 יאָר און אויסגעזען האָט ער
אויף 6; פון די מיידלעך איז איינע אַלט געווען 6 יאָר, די
אַנדערע 4; זיי זענען אין גאַנצן נישט געווען ענלעך צו די
ברידער; זיי זענען געווען גענוג שיין, ווי אויף קינדער, וואָס
זענען אויפגעצויגן געוואָרן אין אַזאַ שטינקענדיקער נאָרע.
אַריינקומענדיק אומבאַמערקט נאָך ישראליקן אין דעם דאָזיקן
פינסטערן צימער אַריין, האָב איך דערזען אַ פיינלעך בילד. אין
שטיבל האָט געברענט אַ לאָמפּ אָן אַ גלאָז, אַן אַזוי גערופענער
„קאָפּעטש”. אין דעם דאָזיקן שוואַכן ליכט האָב איך קוים
געקאָנט אונטערשיידן די זאַכן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען.
אין אַ ווינקל ביים בעט זענען געזעסן אויף דר׳ערד דעם רבינס
קינדער אין שמוציקע העמדלעך, און ישראליק, וועלכער איז
נאָר וואָס דאָ אַריינגעקומען, איז געזעסן אין דער מיט און אַלץ,
וואָס ער האָט צונויפגעקליבן ביי די תלמידים, האָט ער צע־
טיילט אויף גלייכע טיילן. איטלעכן קינד האָט ער געגעבן איין
פּאָרציע, פאַר זיך אָבער האָט ער איבערגעלאָזט די „קאָנטרי־
בוציע”, וואָס ער האָט גענומען ביי דעם נייעם תלמיד. דאָס,
וואָס איך האָב געזען פאַר מיינע אויגן, האָט מיר גענוג קלאָר
געגעבן צו פאַרשטיין די האַנדלונג פון רבין; נישט לאַנג גע־
קלערט, בין איך צוגעשפרונגען צו ישראליקן און אים גענומען

מכבד זײַן מיט די פויסטן. עס איז געוואָרן אַ קוויטשערײַ און אַ יללה. דערהערנדיק דאָס, איז דער רבי אַרײַנגעפאַלן אין צימער, אָנגעכאַפּט מיך פאַרן קאָלנער און, באַשיטנדיק מיך מיט קלעפּ, אַרויסגעשלעפּט פון צימער און געוואָרפן אין אַ ווינקל אַרײַן, דראָענדיק, אַז ער וועט מיך נאָך אָנלערנען.

דאָס ייִנגל, וואָס צוליב אים איז דאָס אַלץ אַרויסגעקו־מען, איז געשטאַנען נאָך מער צעטומלט; ער האָט אויסגעגלאָצט אויף מיר זײַנע גרויסע שוואַרצע אויגן, ווי ער וואָלט פרעגן, וואָס איז דאָס פאַר אַ מהומה און וואָס ער זאָל טאָן. פּלוצ־לונג האָט אים דער רבי אָנגערופן בײַם נאָמען. דאָס ייִנגל האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף מיר און, נישט רירנדיק זיך, ווײַטער געבליבן שטיין אויף זײַן אָרט. דאַן איז דער רבי צוגעגאַנגען צו אים מיט אַ גוטן שמייכל, און, אָננעמענדיק דאָס דערשראָקענע ייִנגעלע בײַ דער האַנט, האָט ער אים צוגע־פירט צום טיש, גענומען אים אויף די קני און ווײַזנדיק אויף דעם אָפענעם ספר, וואָס איז געלעגן פאַר אים, האָט ער געפרעגט:

— וואָס איז דאָס?

אָנשטאָט צו ענטפערן, איז דאָס ייִנגל אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

דער רבי האָט אים גענומען באַרואיקן:

— נו, נו, האָב נישט קיין מורא. קוק, דאָס איז אַ סידור.

— סידור... — האָט נאָכגעזאָגט דאָס ייִנגל.

ווײַזנדיק דאַן אויף די אותיות, האָט דער רבי געזאָגט:

— און דאָס איז אַן אַלף.

— אַלף... — האָט איבערגעחזרט דער קליינער.

דער רבי האָט אים ווײַטער געלערנט:

— און דאָס איז אַ בית.

דאָס ייִנגל האָט זיך ווידער צעוויינט. כּדי אים צו באַ־רואיקן, האָט אים דער רבי געטרייסט און געזאָגט:

— בערעלע, וויין נישט. אַז דו וועסט זיך גוט לערנען, וועט דיר דער מלאך גבריאל אַראָפּוואַרפן פון הימל אַ קאָפּיקע אויף צוקערלעך.

דער דאָזיקער צוזאָג האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט, באַזונדערס דערפאַר, ווייל איטלעכן נייעם תּלמיד האָט דער רבי צוגעזאָגט די זעלבע מתּנה פון מלאך גבריאל, און, מערק־ווירדיק, די הבטחה איז טאַקע שטענדיק מקוים געוואָרן. וואָס אַן אמת, איך האָב שטאַרק געצווייפלט אין די דאָזיקע וווּנ־דערבאַרע געשעענישן; דער צווייפל איז ביי מיר נאָך שטאַר־קער געוואָרן פון דער מינוט אָן, ווען איך האָב זיך איבער־צייגט, ווער עס עסט אויף דעם מעשר. אַלזאָ, זיצנדיק אין ווינקל, פון קיינעם נישט באַמערקט, האָב איך אָנגעהויבן גענוי באַאָבאַכטן דעם רבין, קוקנדיק גלייכצייטיק אויפן סופּיט אַרויף, כּדי זיך צו קאָנען איבערצייגן, פון וואַנען די קאָפּיקע פאַלט אַראָפּ. דער צווייפל אין דער אמתדיקייט פון רבינס רייד האָט נאָך פאַרגרעסערט מיין וואַכזאַמקייט. און פּלוצלונג, אוי ווײ! מיט די אייגענע אויגן האָב איך געזען, ווי דער רבי האָט זיך אַרויפגעלעגט אויף דער יאַרמאָלקע אַ קאָפּיקע, אַרומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטן, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און די קאָפּיקע איז מיט אַ קלונג אַראָפּגעפאַלן אויפן טיש ביים סאַמע סידור.

— נעם זי! — האָט דער רבי געזאָגט צום יינגל. — דאָס האָט דיר מלאך גבריאל אַראָפּגעוואָרפן אויף צוקערלעך, און אַז דו וועסט זיך גוט לערנען, וועט ער דיר געבן נאָך.

דער קליינער האָט אַ צופרידענער גענומען די קאָפּיקע, באַקוקט זי פון אַלע זייטן, ווי ער וואָלט נישט געגלייבט אין דעם נס, און אין אַ ווײלע אַרום האָט ער געזאָגט:

— איך האָב אויך אַזאַ קאָפּיקע אין דער קעשענע. די מאַמע האָט מיר געגעבן. און פון וואַנען האָט דער מלאך גבריאל גענומען אַזאַ קאָפּיקע, ווי די מאַמע?

דער רבי האָט פאַרשנדיק אַ קוק געטאָן אויף דעם קליינעם, אַראָפּגעלאָזט אים פון די קני און אַ מורמל געטאָן:

— דו ביזט מיר צו קלוג, קיין רב וועט שוין פון דיר נישט זיין...

קאַפּיטל פיר

נאָכן דאָזיקן געשעעניש האָב איך מער נישט געוואָלט גיין אין דעם חדר און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך אים טאַקע פאַרלאָזט אויף שטענדיק. מען האָט מיך אָנגעדונגען אין דעם באַרימטן חדר פון רבי רב יאַנקל. ער איז געווען אַ חומש־מלמד און די קינדער האָבן מורא געהאַט פאַר אים ווי פאַר פייער.

אויב די קינדהייט מיינע און די צייט פון לערנען אין ערשטן חדר זענען נישט געווען גליקלעך, זענען אָבער די ווייטערדיקע יאָרן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין אַנדערע חדרים, געווען אַ סך טרויעריקער; אָבער פונאַנדערצושרייבן זיך וועגן דעם וויל איך נישט. איך וועל נאָר זאָגן בדרך כלל, אַז קיין קינד פון קיין שום פאָלק גייט נישט אַדורך אַזוי פיל געברענטע צרות אין די שולן, ווי אַ יידיש קינד אין די דאָזיקע אַלטפרענקישע חדרים. און מען דאַרף וויסן, אַז איין חדר איז ענלעך צום צווייטן ווי צוויי טראָפּן וואַסער.

איך האָב פאַרבראַכט אין די חדרים ביזן צוועלפטן יאָר פון מיין לעבן. דורך דער דאָזיקער גאַנצער צייט האָב איך זיך אַפילו נישט דערוווּסט, וויפל וועלט־טיילן עס איז פאַראַן. וועגן דעם האָט מען מיך קיינמאָל נישט געלערנט.

דורך דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב געלערנט אין די חדרים, איז דער טאַטע קיין איינציק מאָל נישט געקומען אין חדר אַריין אַ קוק טאָן און האָט מיך קיינמאָל נישט געפרעגט, ווי איך לערן זיך און וואָס איך קען שוין. און דאָך האָט ער זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט, אַז איך זאָל ווייטער גיין אין חדר. דערפאַר האָט די מאַמע זיך באַמיט אַרויסצורופן ביי אים אַן אינטערעס צו מיר און האָט אים אָפטמאָל דערציילט וועגן מיינע פאָרטשריט אין לערנען, דערביי האָט זי אים פאַרזיכערט, אַז איך לערן זיך גוט. און דאָס איז געווען אין אַ געוויסער מאָס אמת, וואָרום איך האָב טאַקע באַגערט צו לערנען.

נאָכדעם ווי איך בין אַלט געוואָרן 12 יאָר, האָט די מאַ־

מע באַשלאָסן אַוועקצושיקן מיך לערנען ווייטער. איך האָב גע־זאָלט פאָרן אין דער באַרימטער ישיבה אין דער שטאָט ל. דער טאַטע האָט דערויף פולשטענדיק מסכים געווען, ווארום ער האָט זיך מער נישט געוואָלט מישן אין די פראַגן פון מיין גייסטיקער דערציאונג. ער האָט זיך בלויז געזאָרגט וועגן מיין פיזישער אַנטוויקלונג. איטלעכע פרייע מינוט, ווען ער איז נאָר געווען אין דער היים — ווייל די פאַרצווייגטע געשעפטן האָבן אים אָפטמאָל געצוווּנגען אַוועקצוגיין פון שטוב — האָט ער גע־ווידמעט פאַר מיר, איינאָרדנענדיק סיי ווינטער סיי זומער אין די שיינע טעג קליינע רייזעס אָדער שפּאַציר־גענג. בעת די דאָזיקע שפּאַציר־גענג האָט ער מיך, אויף זיין אייגענעם אופן, געלערנט מאַכן גימנאַסטישע איבונגען, און ער האָט מיך אויך אויסגעלערנט שווימען.

פון יענע חדר־יאָרן געדענק איך נאָך אויך, אַז איך האָב שטענדיק געפילט אַן עקל צו אַלע לאַבוזעס און שטיפער. איך האָב זיך אויפגעפירט געטנוג אַנשטענדיק און מוסטערהאַפט. איך האָב קיינמאָל נישט פאַרשווענדעט די צייט. דאָס מין לײדיק־גיין איז מיר אין גאַנצן געווען פרעמד, ווארום אין די פרייע מינוטן אין דער היים האָב איך געהאָלפן דער מאַמען אין געוועלב. איך האָב זי ליב געהאַט מער ווי אַלץ און זיך באַ־מיט צוצוהעלפן איר מיט וואָס איך האָב נאָר געקאָנט. איך האָב זי נאָך מער ליב באַקומען פון יענער צייט אָן, זינט זי האָט אָנגעהויבן צו קרענקען אויף האַרץ־אַטאַקן. די דאָזיקע קראַנקהייט איז איר געקומען פון איבערשרעקן זיך. און די גע־שיכטע דערפון, ווי אַזוי זי האָט זיך איבערגעשראָקן, איז נישט איינפאַך, און איך וויל זי טאַקע דאָ דערציילן.

איך בין דאַמאָלסט אַלט געווען אַכט יאָר. איינמאָל אין אַ פרייטאָג־צו־נאַכט, ווען מיר זענען געזעסן ביים עסן אין אַ שבתדיקער שטימונג, איז פּלוצלונג אין צימער אַריינגעלאָפן מיט שרעק די דינסט; זי האָט געהאַט אַן אויפגעריסן מויל, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס זאָגן, אָבער דאָס קול איז איר גע־בליבן שטעקן איי דער קעל. איידער דער טאַטע האָט באַ־

וויזן אויפצושטעלן זיך פון שטול, זענען אַריין אין שטוב צוויי באַנדיטן מיט רעוואָלווערן אין די הענט און, צושטעלנדיק זיי דעם טאַטן צום פּנים, האָבן זיי געפאָדערט, אַז ער זאָל זיי אַרויסגעבן דאָס געלט. דערזעענדיק די אומגעריכטע געסט, זע־נען מיר געבליבן ווי געליימט; דער טאַטע אַליין איז געבליבן קאַלטבלוטיק און האָט זיי געפרעגט, וואָס דאָס האָט צו באַ־דייטן. דער ענטפער איז געווען: „מיר פאָדערן צען טויזנט רובל, אויב נישט וועלן מיר אַלעמען אויסהרגענען". דער טאַ־טע האָט מיט דער פולסטער רואיקייט געזאָגט:

— אַזוי פיל האָב איך נישט אין שטוב, אָבער דריי טויזנט רובל קאָן איך גלייך געבן.

די באַנדיטן האָבן אויף דעם טאַטנס פאָרשלאָג מסכּים געווען מיטן באַדינג, אַז דער טאַטע וועט וועגן דער גאַנצער זאַך נישט מעלדן דער פּאָליציי. דער טאַטע האָט מסכּים גע־ווען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון טיש און, ווייזנדיק אויפן צימער דערביי, האָט ער געזאָגט:

— אַזוי ווי עס איז איצט שבת, האָב איך נישט דאָס געלט ביי זיך, נאָר איך האָב עס ליגן אין שלאָף־צימער.

פאַר די אומגעבעטענע געסט איז דאָס קיין גרויסע שטע־רונג נישט געווען; נישט לאַנג געטראַכט, האָבן זיי זיך גע־הייסן אַריינפירן אין צווייטן צימער. מיר זענען ווייטער גע־בליבן זיצן פאַרגליווערט, נישט וויסנדיק, וואָס דאָ קומט פאָר. פּלוצלונג זענען אין שלאָף־צימער געפאַלן שאָסן. דאָס האָט אונז אויפגעוועקט פון דער הינערפּלעט. עס איז געוואָרן אַ גע־שריי און אַן אומבאַשרייבלעכע מהומה. די מאַמע איז געפאַלן אין חלשות, און דער ברודער מיט דער שוועסטער, וועגן וועל־כע איך האָב נאָך ביז איצט נישט דערמאָנט, זענען צוגעפאַלן צו דער געחלשטער מאַמען און געוויינט. איך, אַלס עלטערער, האָב איבערגעשריגן אַלעמען. די דינסט איז די ערשטע צו זיך געקומען און זיך אָנגענומען מיט ענערגיע. זי האָט גע־כאַפּט אַ לייכטער, צוגעשפּרונגען צום פענסטער און, אויסהאַ־קענדיק די שויבן, האָט זי גענומען שרייען נאָך הילף.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז שוין דאָס הויז געווען פול מיט מענטשן, און אין דער שפּיץ איז געשטאַנען אַ זשאַנדאַרם. די מאַמע האָט מען אָפּגעמינטערט. ביים טאַטן איז דאָס פּנים געווען בלייך. די מהומה האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט, און אָט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער טאַטע האָט זיך גע־וואָרפן מיט אַ רעוואָלווער אויף די אומפּאַרזיכטיקע באַנדיטן טאַקע אין דער צייט, ווען ער האָט זיי דערלאַנגט דאָס געלט. די באַנדיטן זענען געווען געצווונגען צו אַנטלויפן, דערביי האָבן זיי אָפּגעגעבן עטלעכע שאָסן. צום גליק האָבן זיי נישט געטראָפן. די דאָזיקע פּאַסירונג האָט אויף דער מאַמעס שוואַכע נערוון געווירקט אומגעהייער שלעכט און געבליבן זענען איר דערפון די אָפטע האַרץ־אַטאַקן.

אַז איך האַלט שוין דערביי, ווען איך דערמאָנען, אַז נאָך יענער מעשה זענען פאָרגעקומען אויך אַנדערע אָנפאַלן אין דער אומגעגנט. זיי זענען אַלע אויסגעפירט געוואָרן אויס־שליסלעך אויף יידישע הייזער. כמעט דאָס גאַנצע יאָר 1905 האָבן מיר כסדר געלעבט אין שרעק. אַז מיר, קליינוואַרג, האָבן נישט געוואָלט גיין שלאָפן, האָט אונז די דינסט גלייך גענומען שרעקן מיט גנבים און באַנדיטן. דאָס האָט טאַקע גע־ווירקט און מיר זענען שנעל געלאָפן אין בעט אַריין.

און דאָך האָט דער גורל אָפּגעטאָן מיר אַ שפּיצל!...

קאַפּיטל פינף

אין יאָר *1910*, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס 13־טע יאָר פון מיין לעבן, האָב איך שוין געהאַט דערוואָרבן אַזוי פיל וויסנשאַפט, אַז איך האָב גוט געקענט חומש, תנ״ך, אַביסל גמרא און פאַרשידענע אַנדערע שבע חכמות, וואָס זענען צו־טריטלעך נאָר פאַר אַ זון פונם אַתה־בחרתנו־פאָלק. איך האָב אויך געקענט שרייבן יידיש און לשון־קודש. פון וועלטלעכע

לימודים האָב איך געקענט חיבור, חיסור, חילוק און כפל, וואָס עס דאַרף שוין זיין גענוג פאַר אַ יידן ביי זיין לעבן אויף דער זינדיקער ערד. דאָס אַלץ האָט מען געלערנט אין חדר אָן שום פּלאַן, וואָרום וואָס נאָך האָט מען מיר געקאָנט אויס־לערנען, אויב דער רבי אַליין, ווי איך בין זיכער, האָט נישט געקענט קיין דיקדוק און אַפילו נישט רעכט יידיש? דאָך איז גענוג געווען דאָס, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אין חדר, אַז מען זאָל מיך האַלטן אין שטעטל פאַר אַ שטיק תּלמיד־חכם; דעריבער האָבן די עלטערן באַשלאָסן צו שיקן מיך לערנען ווייטער אין דער שוין דערמאָנטער באַרימטער ישיבה אין דער שטאָט ל.

עס איז געקומען דער טאָג פון דער אָפּרייזע, און אין אונזער הויז האָט געהערשט אַ געהויבענע שטימונג. די מאַמע האָט געשטראַלט פון גליק, וואָס אירע חלומות ווערן ביסלעכ־ווייז מקוים. עס האַלט טאַקע דערביי, אַז איר זון דער בכור זאָל אויסוואַקסן אַ צדיק און ווערן אַ רב. זי האָט מיר אַליין אָנגעמאָסטן די צוויי אַנצוגן און די פּאַלטאָס, וואָס אונזער הויז־שניידער האָט מיר אויפגעגנייט צו דער רייזע. די דינסט, וואָס אויף אירע הענט האָב איך זיך אויפגעהאָדעוועט, האָט זיך געפּאָרעט אַרום מיר און אָנגעפּאַקט מיר אַ פולע וואַליזקע מיט די פיינסטע מאכלים און נאַשוואַרג; זי האָט געבראַכט צו שלעפּן אַזוי פיל, אַז די מאַמע האָט זי אַזש געמוזט אָפּהאַלטן פון איר אייפער, וואָרום עס איז נישט געווען ווו דאָס אַלץ אַהינצוטאָן.

דער ברודער, מיט צוויי יאָר יינגער פאַר מיר, האָט גע־קוקט אויף מיר מיט קנאה. ער האָט אָבער פאַרבאַהאַלטן זיינע געפילן און צוזאַמען מיט דער 9־יאָריקער שוועסטער באַטראַכט איטלעכע זאַך, וואָס מען האָט אַריינגעלייגט אין דער וואַליזקע. די הכנות צו דער רייזע האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי איך וואָלט נישט געפאָרן אין אַ שטאָט, וואָס ליגט אין גאַנצן 21 קילאָמעטער ווייט, נאָר ערגעץ אין אַן אָרט אויפן צווייטן האַלב־קוגל פון דער וועלט.

ענדלעך איז געקומען די מינוט פון דער אָפּרייזע. די אָרעמע מאַמע איז די גאַנצע לעצטע נאַכט נישט געשלאָפן; זי האָט פאַרבראַכט ביז אין דער פרי לעבן מיין בעט, געקושט מיך און מיט טרערן אין דער שטים געגעבן מיר פּראַקטישע אָנווייזונגען, ווי אַזוי איך זאָל זיך אויפפירן אין לעבן, אַז גאָט און לייט זאָלן זיין פון מיר צופרידן.

איך געדענק, עס האָט שוין געטאָגט, ווען זי האָט מיך אַרומגענומען ביים האַלז און, קוקנדיק מיר מיט ליבשאַפט אין די אויגן אַריין, האָט זי געוואָלט עפּעס זאָגן, זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין מוט; זי האָט זיך ווייטער איינגעקוקט אין מיר, אַזוי אַז איך האָב נישט געקאָנט אויסהאַלטן איר בליק און האָב אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. מיטאַמאָל האָט זי מיך אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט און מיט אַ געענדערטער שטים גערעדט צו מיר:

— זון מיינער... אַז איך האָב דיך ליב און דו ביזט מיר טייערער ווי אַלץ אין דער וועלט, דעריבער וויל איך דיר זאָגן דאָס, וואָס אַן אַנדער מוטער וואָלט אפשר נישט געזאָגט אַ צוועלף־יאָריק יינגל; אָבער איך ווייס און איך האָב דאָס פאַרגעפיל, אַז דו ביזט גייסטיק און קערפּערלעך אַנטוויקלט מער ווי לויט דיינע יאָרן און דו ביזט נישט קיין מיאוס קינד. געדענק־זשע! — זיי געוואָרנט, נישט צו האָבן צו טאָן מיט קיין פרויען, וואָרום דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז גראָד דערפון שטייט דיר פאַר דאָס גרעסטע אומגליק. אַז דו וועסט אַלט ווערן 18 יאָר, וועל איך דיר געבן אַ שיין מיידל, וואָס וועט זיין ווערט צו געווינען דיין האַרץ, ביז דעמאָלט מייד אויס וועלכע עס איז פרוי! — מייד אויס!... פאַרשטייסט? ערשטנס איז דאָס אַן אומגעהייערע זינד און צווייטנס קאָן מען דערפון קראַנק ווערן אויף אַזאַ קראַנקהייט, צו וועלכער עס איז נישטאָ קיין שום רפואה און פון וועלכער מען מוז אין יסורים און פּיין אַוועקגיין פון דער וועלט. גיב זיך ליבער די מי צו לערנען זיך גוט, כדי דו זאָלסט ווערן אַ מענטש. געדענק, איך זאָל זיך נישט אָפּנאַרן מיט דיר, וואָרום איך וואָלט אַזאַ

חרפה נישט איבערגעלעבט; ווייל דו ווייסט דאָך, דער טאַטע מאַכט חוזק פון אונז, זע, אַז ער זאָל נישט שפּעטער קאָנען לאַכן פון אונז. — דיין טאַטע איז אַ גוטער און וויל דיין טובה גראָד אַזוי ווי איך, אָבער ער פאַרשטייט מיך נישט. — אָ, גיב אַ קוק, — האָט זי געזאָגט, ווייזנדיק מיר די פאָטאָגראַפיע פון איר פאָטער, וואָס איז געהאַנגען איבער מיין בעט, — דאָס איז דיין זיידע, ער זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן. ער האָט זיך אויסגעצייכנט פון אַנדערע מיט זיין גוטסקייט און ערלעכקייט. ער האָט געקענט די גמרא פון אויסנווייניק. גיי אין זיינע דרכים, און זאָל זיין נשמה וואַכן איבער דיר און דיך אָפּהיטן פון אַלדאָס בייז און פון אַלע פּרוּוונגען פון דער זינדיקער וועלט.

און זי האָט אַראָפּגענומען פון דער וואַנט די פאָטאָ־גראַפיע פון איר טאַטן, אַ קוש געטאָן און מיר אויך געגעבן אַ קוש צו טאָן.

...איצט, ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז אַזאַ פרומע פרוי, ווי מיין מוטער איז געווען, האָט זיך נישט געקווענקלט אויפ־צוקלערן מיר, וואָס איך בין נאָך דעמאָלט קיין דרייצן יאָר נישט אַלט געווען, ווי שווידערהאַפט עס קאָנען אַמאָל זיין די פאָלגן פון אַ לייכטער ליבע־שפּיל און האָט מיר אויך געוואָרנט קעגן דעם, — מוז איך גלויבן דעריך, אַז מיין מוטער האָט מסתּמא אין אַ מינוט פון רוח־הקודש פאָראויסגעפילט, פונוואַנען עס דראָט איר קינד די גרעסטע געפאַר, און ווירקלעך, אין מיין אויסגליטשן זיך און פאַלן זענען שולדיק הויפּטזעכלעך די פרויען.

יאָ, טייערע מוטער; דיינע וואָרנונגען זענען געווען ריכ־טיק, זיי האָבן אָבער קיין שום פּעולה נישט געהאַט: איך, דער בן סורר ומורה, האָב נישט געהערט דיינע נביאישע רייד... זיי מיר מוחל, טייערע מאַמע, וואָס ערשט איצט, אַלס דער־וואַקסענער מענטש, גיב איך זיך אָפּ אַ דין וחשבון דערפון, וואָס איך האָב אַלס דרייצן־יאָריקער יינגל נישט פאַרשטאַנען...

אין דרויסן איז שוין געשטאַנען דער פרימאָרגן און די

זון האָט שוין אַריינגעקוקט דורך די פענסטער, ווען די טיר פון מיין צימער האָט זיך געעפנט און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן די געשטאַלט פון מיין טאַטן; ער האָט אונז גע־טראָפן אין אַ גערירטער שטימונג. ער האָט בלויז איראָניש אַ שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן צו דער מאַמען:

— אפשר שוין גענוג מוסר? זאָל ער זיך גרייטן, ווארום אין אַ שעה אַרום פאָרן מיר אָפּ.

איך האָב זיך שנעל אָנגעטאָן, און די מאַמע איז אַוועק צוגרייטן דאָס אָנבייסן. בעת איך בין געזעסן און אָפּגעגעסן, האָט מיך דער טאַטע אויפמערקזאַם באַטראַכט און, זעענדיק, ווי איך איל זיך מיטן עסן, האָט ער קורץ אַ זאָג געטאָן, אַז פון היינט אָן דאַרף איך רואיק און טאַקטיש זיך האַלטן ביים טיש, ווארום איך וועל זיך באַקעסטיקן ביי פרעמדע מענטשן. דערביי האָט ער מיר געמאַכט אַ פּאָר באַמערקונגען, ווי אַזוי איך דאַרף זיך אויפפירן ביים טיש אין אַ פרעמד הויז. איידער מיר האָבן געענדיקט דאָס אָנבייסן, איז שוין די בריטשקע געווען גרייט צום אָפּפאָרן.

דער טאַטע האָט זיך אויפגעשטעלט פון טיש און זיך גענומען גרייטן צו דער רייזע; באַלד האָב איך אויך געטאָן דאָס זעלבע. אין דער בריטשקע האָט דער פערדס־יונג איינ־געשפּאַנט אַ שיינעם בולאַנער, דעם טאַטנס ליבלינגס־פערד. די שטוב־מענטשן און די שכנים האָבן זיך אַרומגעשטעלט אין אַ ראָד, געזעגנדיק זיך מיט אונז זייער האַרציק, און עטלעכע חברים פון חדר האָבן זיך געזעגנט מיט מיר פשוט מיט טרערן אין די אויגן. מיטן תירוץ, אַז זי האָט מיר פאַרגעסן עפּעס צו געבן, האָט מיר די מאַמע אָפּגערופן אין אַ זייט און מיר דערלאַנגט עפּעס אַ פּעקעלע. זי האָט זיך געזעגנט מיט מיר מיט די ווערטער:

— זון מיינער, דאָ האָסטו איין רובל אויף קליינע אויס־גאַבן און אין אַ פּאַפּירל האָסטו צען רובל אין גאָלד. באַהאַלט זיך דאָס אַלס אָנדענקען פון דיין מאַמען; און דו זאָלסט זיי קיינמאָל נישט אויסגעבן, סיידן אין דער גרעסטער נויט. אַז

דו וועסט אַהיימקומען, זאָלסטו זיי מיר שטענדיק ווייזן, דאָס וועט זיין פאַר מיר אַ סימן, אַז דו היטסט אָפּ מיין ווילן.

צום סוף האָט זי מיר געבענטשט און מיך באַשאָטן מיט קושן. דאָס דאָזיקע האַרציקע געזעגענען זיך האָט ערשט איבער־געריסן דער טאַטע, צוויילנדיק צום אָפּפאָרן. שלוכצנדיק הויך אויף אַ קול, האָב איך זיך אַריינגעזעצט אין בריטשקע און דער טאַטע האָט קוים מיט צרות אָפּגעשטופּט די אַלע, וואָס האָבן זיך ווידעראַמאָל געזעגנט מיט מיר. ענדלעך, ביים פאָכען מיט טיכלעך און ביי פאַרשידענע ווינטשונגען און גרוסן, האָבן מיר גערירט פון אָרט.

קאַפּיטל זעקס

עס איז געווען אַ שיינער, פרילינגדיקער פרימאָרגן. פאַרנ־דיק איבערן שאָסיי, האָב איך זיך מיט נייגעריקייט אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. דאָס צוויטשערן פון די פויגעלעך גראָד אַזוי ווי דאָס פריילעכע שימערירן פון די זון־שטראַלן האָט מיך אַריינגעבראַכט אין עפּעס אַ באַזונדערע יום־טובדיקע שטימונג. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט שמייכלט צו מיר און אַז די זון שיינט אַזוי העל נאָר לכבוד מיר. זייענדיק אַזוי אָפּטימיסטיש געשטימט, האָב איך געקוקט אויף דער וועלט מיט פיל גלויבן און צוטרוי, און די לאַנדשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרבייגעגליטשט פאַר מיינע אויגן, האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ טרוימערישע שטימונג.

איך האָב געזען, ווי איך קום צו פאָרן אַהיים שוין אַלס רב, מיט אַ שטריימל אויפן קאָפּ, ווי איך שטיי אין דער שול און האַלט אַ פייערדיקע דרשה פאַרן עולם. אַלע הערן מיט גרויס כוונה און די מאַמע אין דער ווייבער־שול קאָן די אויגן נישט אָפּרייסן פון מיר, דעם זון אירן, און אַלע ווייבער אַרום קוקן אויף איר מיט גרויס כבוד אַלס דעם רבס מאַמען. איך

האָב איך געזען דעם טאַטן, וועלכער איז איצט געזעסן מיט מיר אויף דער בריטשקע און נישט געגלויבט אין דעם אַלעם, וואָס די מאַמע האָט פון מיר געהאַפּט, — איך האָב געזען, ווי ער שטייט אין שול און ווי זיין פּנים, וואָס איז איצט געווען אָנגעכמורעט שטראַלט פון פרייד.

די דאָזיקע טרוימען האָבן מיר אונטערגעגעבן חשק צו טאָן דעם ווילן פון דער מאַמען און, טראַכטנדיק וועגן דעם, האָב איך באַשלאָסן, אַז איך מוז ווערן אַ רב דעם טאַטן צו להכעיס, כּדי ער זאָל נישט טריאומפירן. פּלוצלונג איז אויפגעשטאַנען אין מיר עפּעס אַ ספק. צי בין איך טאַקע באַרופן צו ווערן אַ רב? צי וועל איך קאָנען אויסמיידן דאָס בייז און אַנטקעגנשטעלן זיך די שלעכטע מחשבות, וואָס האָבן זיך געוועקט אין מיר, ווי איך האָב געפילט, קעגן מיין ווילן?

איך ווייס נישט און ביזן היינטיקן טאָג קאָן איך זיך דאָס נישט דערקלערן, פאַרוואָס, זייענדיק נאָך אַ קליין ייִנגל, האָב איך געפילט עפּעס אַן אומדערטרעגלעכן דראַנג צו דעם, וואָס אַנדערע האָבן מיר שטרענג פאַרבאָטן און געוואָרנט, אַז דאָס טאָר מען נישט טאָן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך גיי נישט אויפן ריכטיקן וועג און אַז עס וועט גאָרנישט ווערן דערפון, וואָרום אין האַרצן האָב איך בלויז געפילט אַן עקל צום חדר. און צי וועט מיט דער ישיבה, וווהין איך פאָר איצט, נישט זיין דאָס זעלבע, וואָס מיטן חדר? פאַרקערט עס האָט זיך מיר איצט געוואָלט גיין דווקא אין אַ וועלטלעכער שול און מיט קנאה האָב איך זיך דערמאָנט וועגן מיין שוועסטערקינד, וואָס איז געווען אין די זעלבע יאָרן וואָס איך און וועלכער איז געגאַנגען אין דער האַנדל־שול; אַז ער איז אַהיימגעקומען אויף וואַקאַציעס אָדער אויף יום־טוב, האָב איך ניט אָפּגעטרעטן פון אים אויף אַ טריט. אויסהערנדיק די פאַרשידענע מעשיות, וואָס ער האָט מיר אַרויסגעלייענט פון ביכלעך. טיילמאָל האָט ער מיר געבאָרגט עטלעכע ביכלעך אין דער ייִדישער שפּראַך, צומייסט אָבער האָט מיר אימפּאָנירט זיין היטל מיטן גרינעם לאַמפּאַס, דאָס

שוואַרצע מונדירל און דער מאַנטל מיטן גרינעם באַשלאַג.

אין האַרצן האָב איך פולשטענדיק געגעבן גערעכט דעם טאַטן, וואָרום ער האָט מיך געוואָלט שיקן אין דער זעלבער שול, אָבער איך האָב צו שטאַרק ליב געהאַט דער מאַמען, אַז איך זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן איר ווילן. טראַכטנדיק וועגן דעם אַלעם, האָב איך זיך דערמאָנט וועגן דעם געלט, וואָס די מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן אויפן וועג. אַזוי ווי איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיינע הענט אַזאַ סומע נישט געהאַט, האָבן זיך מיר אָנגעהויבן פאַרשידענע פראַגן, וואָס מען קאָן אַלץ קויפן פאַר דעם געלט. עס זענען מיר געקומען פאַרשידענע געדאַנקען. צווישן אַנדערע האָב איך געטראַכט וועגן דעם, צי איך וועל נישט קאָנען פאַר דעם געלט גיין אַמאָל אין אַ קינאָ אָדער אַ טעאַטער, כאָטש איך האָב וועגן די דאָזיקע זאַכן געוווסט זייער ווינציק, איך האָב בלויז געוווסט דאָס, וואָס איך האָב געהערט וועגן דעם פון מיין שוועסטערקינד. גלייכצייטיק זענען אַנטשטאַנען אין מיר ספיקות, צי עס פּאַסט פאַר מיר, אַלס צוקונפטיקן רב, צו גיין אין טעאַטער אַריין. אויך נאָך פיל אַנדערע נסיונות, וועגן וועלכע איך האָב געהערט פון מיין שוועסטערקינד, האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פאַר מיר און מיך געצויגן צו זיך...

אַזעלכע מיני מחשבות זענען מיר דורך דורכן קאָפּ און מיט אַזעלכע טראַכטונגען איז מיר אַוועק די צייט פון דער רייזע. די געדאַנקען האָבן מיך נישט אָפּגעלאָזט אפילו דאַמאָלסט, ווען מיר זענען שוין אַריינגעפאָרן צווישן די פאָרטן, דורך וועלכע מען האָט געדאַרפט דורכפאָרן איידער מען איז אַריינגעקומען אין שטאָט ל., און אויך דערנאָך, ווען מיר זענען אַריבערגעפאָרן די בריק איבערן נאַרעוו.

דער טאַטע האָט זיך די גאַנצע צייט פון דער רייזע נישט אָנגערופן צו מיר מיט קיין וואָרט. אָבער ביים אַריינפאָר אין שטאָט, ווען איך האָב אים אָנגעהויבן אויסצופרעגן וועגן דאָס און יענס, האָט ער מיר גערן געגעבן דערקלערונגען. און פראַגן זענען געווען אָן אַ שיעור, וואָרום אַלץ, וואָס

איך האָב געזען, אַריינפאָרנדיק אין שטאָט, איז פאַר מיר געװען אַ װוּנדער. װאָס אַן אמת, איך האָב שוין עפּעס װאָס געלייענט װעגן גרויסע שטעט, אָבער איך האָב זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן קיין גרעסערע שטאָט אין דער װעלט, װי די, אין װעלכער מיר זענען אַריינגעפאָרן.

די 3־ און 4־שטאָקיקע הייזער האָבן מיר שטאַרק אימפּאָנירט מיט זייער אויסזען; איך בין געװען גרייט צו שװערן, אַז קיין גרעסערע הייזער איז אפילו אין אַמעריקע נישטאָ. מיט איין װאָרט, די שטאָט ל. איז אַזוי ריזיק אויסגעװאַקסן אין מיין פאַנטאַזיע, אַז איך האָב זיך אַזש אינסטינקטיװ אָנגעכאַפּט פאַרן טאַטנס אַרבל, װי איך װאָלט מורא געהאַט, אַז די כמאַרע מענטשן, װאָס איך האָב דערזען, װעט מיך מיטרייסן מיט זיך.

די דאָזיקע שרעקעװדיקייט איז מיר פאַרבליבן נאָך פון חדר, װוּ מען האָט דערצויגן און געקאָרמעט מיט אַלערליי שרעק פאַרן שטן, װעלכער נעמט אָן די געשטאַלט פון אַ שייגעץ פרוי, כּדי אַראָפּצופירן דעם מענטש פון װעג, און פאַר טייװלאָנים, װאָס טוען זיך איבער אַלס דייטשלעך אין ציליגדערס. אַזעלכע לעגענדעס זענען אין חדר געװאָרן כּסדר איבערגעחזרט און מען האָט זיי דערציילט כּמעט איטלעכן טאָג.

מיר זענען אָנגעקומען אין דעם זאַיאַזד אויפן אַלטן מאַרק און איך בין אַריין דער ערשטער. איך בין אויפגענומען געװאָרן דורך אַ דיקע יידענע. זי איז געװען אַזוי צופרידן, אַז זי האָט נישט געװוּסט, װוּ מיך אַװעקצוזעצן. אין אַ װיילע אַרום איז אַריינגעקומען דער טאַטע; ער האָט מיך געפרעגט, צי איך בין הונגעריק, און איך האָב געזאָגט, אַז ניין. ער האָט מיך אַלזאָ איבערגעלאָזט אַליין, װאָרום תּיכּף ומיד האָבן אים אַרומגערינגלט סוחרים, מיט װעלכע ער האָט גענומען שמועסן װעגן האַנדל און פאַרשידענע אָנגעלעגנהייטן. אַלע האָבן אים אויסגעהערט מיט נייגעריקייט.

אין דעם זאַיאַזד, װוּ מיר זענען פאַרפאָרן, איז פאָרגעקומען אַ תּבואה־בערזע. ביים זאַיאַזד איז אויך געװען אַ ריי

מאגאַזינען פאַר מעל, צוקער און אַנדערע סחורות. דאָס זענען געווען הויפּטזעכלעך סקלאַדעס פון אונזערע און פון אַנדערע פירמעס. אַ חוץ דעם האָט דער טאַטע אויך געהאַט אַ פּאָר פּיליעס אין די אַרומיקע שטעטלעך.

מיט צוויי שעה שפּעטער, ווען דער טאַטע האָט שוין געהאַט דערליידיקט די וויכטיקערע געשעפטן, זענען מיר אַוועק אין דער ישיבה. דער ראש־הישיבה האָט אויפגענומען דעם טאַטן מיט דער געהעריקער אַכטונג, אַלס אַ מענטשן, וואָס האָט געשטיצט מיט זיינע נדבות די ישיבה; מיך אָבער האָט ער דורכגענומען מיט אַזאַ פאַרשנדיקן בליק, אַז אַ ציטער איז מיר אַדורך דורכן גאַנצן לייב. דאָס איז געווען אַ מאַן אין די על־טערע יאָרן, נישקשהדיק דיק, מיט אַ גרויסער געלער באָרד ביז צום גאַרטל, וואָס איז שוין געווען דורכגעפלאָכטן מיט אַ סך זילבערנע האָר. ער האָט מיר געגעבן די האַנט, וועלכע איך האָב אָנגענומען אומדרייסט, טראַכטנדיק ביי זיך: „שוין ווידער אַ געלער". איך האָב געהאַט מזל צו געלע מלמדים, און דער בלויזער אָנבליק פון אַ געלער באָרד האָט אַרויסגע־רופן אין מיר עפּעס אַן אומדערקלערלעכע מורא.

נאָך דעם ווי ער האָט מיך אַ ווייילע באַטראַכט, האָט ער מיך אָנגעהויבן אויסצופרעגן, וואָס איך האָב געלערנט, און דערהערנדיק, ווי אַלט איך בין, האָט ער זיך שטאַרק געחידושט, וואָרום אין דער אמתן האָב איך אויסגעזען אויף אַ יאָר 16 און אַפילו 17, אַזוי שטאַרק בין איך געווען געבויט. דערנאָך האָט ער מיר דערלאַנגט אַ גרויסע גמרא און מיר געהייסן לערנען אַ פּרק.

אַ שעה צייט האָב איך געלערנט פאַר זיך, דערנאָך האָב איך פאַר אים איבערגעחזרט דעם פּרק, אַליין נישט גלויבנדיק, אַז איך זאָג ריכטיק. וואָרום אין די חדרים האָט דער רבי קיינמאָל זיך נישט געזאָרגט, אַז מען זאָל דאָס לערנען פאַר־שטיין, עס איז אים מער געגאַנגען דערין, אַז מיר זאָלן נאָכ־זאָגן וואָרט ביי וואָרט דאָס, וואָס ער האָט אונז פאַרטייטשט, מער נישט.

אַז איך האָב געענדיקט דעם פּרק, האָט דער ראש־הישיבה אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, עפּעס אַ מורמל געטאָן מיט די ליפּן און זיך געריבן די באָרד. דערפון האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט צופרידן. דער טאַטע, ווייזט אויס, האָט פאַרשטאַנען מיין לאַגע, וואָרום ער האָט אַרויסגענומען דעם פּאָרטפעל, אַוועקגעלייגט צוויי פּאַפּירלעך צו 25 רובל אַלס נדבה פאַר דער ישיבה, און דערמיט האָט ער פאַרגלעט דאָס, וואָס עס האָט קאַליע געמאַכט דער עקזאַמען. און איך בין אָנגענומען געוואָרן אין דער ערשטער מחלקה, ווהין עס איז נישט געווען אַזוי לייכט אָנצוקומען אין מיין עלטער. גאָט, ווהין מען קאָן זיך אַלץ אַריינקריגן פאַר געלט!

זיי האָבן נאָך געשמועסט צווישן זיך אַ פּאָר מינוט צייט, דערנאָך האָבן מיר זיך געזעגנט און אומגעקערט זיך אין דער אַכסניא אויף מיטאָג.

די גאַנצע צייט, זינט מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון דער היים, האָט דער טאַטע, ווי איך האָב שוין באַמערקט, בלויז געענטפערט אויף מיינע פראַגן. איצט האָט ער אָנגעהויבן אויפמערקזאַם צוצוקוקן זיך צו מיר און ערשט מיט אַ היפשער ווילע שפּעטער האָט ער אַרויסגערעדט צו מיר די פּאָר ווערטער:

— איך דערקען לויט דיר און איך ווייס, אַז דו האָסט נישט קיין חשק צו לערנען ווייטער. דו וואָלסט מסתמא בעסער ווען זיצן אין דער היים און צוהעלפן אין האַנדל. אָבער וואָס קאָן מען טאָן? די מאַמע דיינע האָט זיך איינגעשפּאַרט און וויל דורכאויס, אַז דו זאָלסט זיין אַ רב. וואָס אָנבאַלאַנגט מיר, ווייס איך פאָראויס, אַז דאָס איז נישט פאַר דיר; אָבער געדענק, וואָס דו האָסט צוגעזאָגט דער מאַמען. לערן זיך גוט, טו דאָס פאַר איר. אפשר איז זי גערעכט און זעט בעסער דיין באַרוף, ווי איך.

נאָכן מיטאָג האָט מיך דער טאַטע אַוועקגעפירט אויף דער סטאַנציע, וואָס ער האָט פאַר מיר אויסגעקליבן צום וווינען. איבערלאָזנדיק מיר נאָך עטלעכע נוצלעכע באַמערקונגען און אָנווייזונגען, האָט ער זיך מיט מיר געזעגנט און געפאָרן אַהיים.

לאָזנדיק מיך אַליין ביז צום קומענדיקן זונטאָג. נאָכן טאַטנס אַוועקפאָרן האָט מיך באַהערשט אַ טרויער; איך האָב שוין געבענקט אַהיים.

אויפן צווייטן טאָג אַכט אַ זייגער אין דער פרי האָב איך שוין געמוזט זיין אין דער ישיבה ביים דאַוונען. נאָכן דאַוונען האָט מען געלערנט גמרא, און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין מיין לעבן.

קאַפּיטל זיבן

דער בנין, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען די ישיבה, איז געשטאַנען אומגעפער אין מיטן שטאָט אויף אַ גרויסן, אויסברוקירטן פּלאַץ, דערביי האָט זיך געפונען די דירה פון ראש-ישיבה. די ישיבה גופא איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן זאַל, אַזאַ גרויסן, אַז כדי אונטערצוהאַלטן דעם סופיט, האָט דער אַרכיטעקט אַוועקגעשטעלט אַ ריי סלופּעס. ביי דער וואַנט קעגנאיבער דער איינגאַנגס-טיר איז געשטאַנען אויף טרעפּלעך אַן אָרון-קודש און נישט ווייט פון אים — אַ בעלעמער. פוןביידע זייטן זאַל זענען געווען אויסגעסדרט שורות בענק, אויף וועלכע מען האָט געקענט זען, סיי בייטאָג סיי ביינאַכט, ישיבה-בחורים פון פאַרשידענע עלטער, אַפילו יונגעלייט מיט בערד, זיצן פאַרטיפט אין די גמרות.

אין דער דאָזיקער ישיבה זענען געווען פיר כיתות. יעדע כיתה האָט געהאַט איר שיעור-טאָג. אַזוי האָט די ערשטע כיתה געלערנט יעדן טאָג אַ שיעור, די צווייטע כיתה - יעדן צווייטן טאָג, די דריטע כיתה — צוויי מאָל אַ וואָך, און די פערטע כיתה איז באַשטאַנען פון ישיבה-בחורים, וואָס האָבן על-פי-רוב געלערנט שוין פאַר זיך. צווישן די לעצטע זענען געווען אַפילו אַזעלכע, וואָס וואָלטן שוין געקאָנט זיין רבנים. נישט איינמאָל האָב איך מקנא געווען די ישיבה-בחורים מיט די אויסגעדאַרטע פּנימער, ווייל נישט אַזוי גיך האָט מען געקאָנט אַריבער פון דער ערשטער כיתה אין דער פערטער; אין יעדער מוז מען לערנען מינדעסטנס אַ פּאָר יאָר.

מיט דער ערשטער כיתה האָט געלערנט אַלס מלמד אַ זקן מיט אַ גרויער באָרד און זייער אַ פאַראיידלט פּנים. ער האָט געזאָגט דעם שיעור פּאַמעלעך, פאַרטייטשנדיק יעדעס וואָרט, און ווען מיר זענען געקומען צו אַן אָרט אין דער גמרא, ווו עס האָט זיך גערעדט וועגן עניני אישות, וועגן דער באַציאונג פון מענער צו פרויען, האָט ער געהייסן איבערהיפּערן איינעם אָדער צוויי דפים, כדי מען זאָל דעם דאָזיקן ענין נישט באַרירן. מיר אָבער פון אונזער זייט האָבן נישט געקאַרגט קיין מי, כדי בסוד צו דערגיין, וואָס דאָרט שטייט. מיט פּחד און אַנגסט האָבן מיר דורכגעקוקט די פאַרבאָטענע שטעל, אָבער ליידער, נישט תמיד האָבן מיר עס פאַרשטאַנען און דעריבער האָבן מיר זיך דעם ענין פאַרשידן מפרש געווען. אומגליקלעך איז אָבער געווען דער, וואָס דער רבי האָט אים געכאַפּט ביים אַריינקוקן און פאַרטיפן זיך אין אַזעלכע מקומות; יעדער האָט זיך דעריבער געהיט אויף וויפל ער איז נאָר געווען ביכולת און זיך געהאַלטן זייער פאָרזיכטיק, אַזוי ווי ער וואָלט באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן.

דער דאָזיקער זקן איז נישט געווען קיין אויסטערלישער מענטש דערמיט, וואָס ער האָט מיט אונז אַזעלכע זאַכן נישט געלערנט. אין דער ישיבה איז געווען אַ מנהג נישט צו רעדן וועגן דעם, וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר נישט צוגענגלעך פאַר די תלמידים. די מנהיגים האָבן געהאַלטן, אַז באַרירן דראַסטישע ענינים איז נישט געזונט פאַרן ישיבה־בחור, ווייל אָנשטאָט אָפּצוהיטן פון אַן עבירה, ווייזט מען אים נאָך אָן אַ לייכטערן וועג צו איר. זיי האָבן געזען דעם גרעסטן חטא אין דעם אַלעם, וואָס האָט אַ שייכות צו אַזאַ באַשעפעניש, ווי עס איז געווען אין זייער השגה אַ פרוי...

טראָץ אַלעם איז מיר שטאַרק געפעלן די שטימונג און דער סדר, וואָס האָט דאָרט געהערשט. שטאָלץ בין איך געווען דערפון, וואָס פון צוויי הונדערט ישיבה־בחורים בין איך געווען דער ייִנגסטער לויט די יאָרן. נישט ווייניקער נחת האָב איך געהאַט פון דעם באַוווסטזיין, אַז איך בין ביי מיינע חברים

באַליבט. אָבער נאָך אַלעם האָב איך געבענקט צו דער זון, וואַלד און דעם טייך נאַרעוו, וואָס איך האָב פאַרלאָזט. דאָס געצווונגענע כסדרדיקע זיצן איבער דער גמרא האָט מיך אומגעהייער פאַרמאַטערט; איך האָב געלעכצט נאָך אַפּרוּ און איך האָב זיך געפילט גליקלעך, ווען איך האָב נאָכן „זמן" פאַרלאָזט די אומעטיקע מויערן פון דער ישיבה.

די פאַמיליע, ביי וועלכער איך האָב מיך אויפגעהאַלטן, איז געווען אַ קינדערלאָזע. די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַ זיבעציק-יאָריקן פרומען מאַן און זיין ווייב, וועלכע איז קוים אַלט געווען ניין און צוואַנציק יאָר. זי האָט געשטאַמט פון אונזער שטעטל, און זי האָט אַפילו געוווינט אין הויז פון מיינע עלטערן; דעמאָלט האָט זי זיך פאַרנומען מיט לערנען מיידלעך יידיש און לשון-קודש. מיט פיר יאָר צוריק האָט זי חתונה געהאַט מיט דעם זקן, וואָס האָט גענומען אַ פרייש ווייב אויף צו להכעיס זיינע דערוואַקסענע אייניקלעך. זיי האָבן אים פונדעסטוועגן גאַנץ אָפט באַזוכט, דען עס האָט זיי געלאָקט זיין פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן זיך געריכט צו ירשענען, און דאָס פאַרמעגן איז געווען זייער אָנזעעוודיק: עס איז באַשטאַנען פון אַ געמויערט דריישטאָקיק הויז און אַ גרויסער גאַלאַנטעריע-קראָם.

אָט דער זקן האָט חתונה געהאַט, ווי ער האָט דערקלערט, נאָר צוליב דעם, ער זאָל האָבן אַ נייעם יורש, אַ ווייניקער צודרינגלעכן. דער דאָזיקער ציל האָט אים צוגעגעבן מוט, כדי מיט דער הילף פון שדכן און פון זיין פאַרמעגן חתונה צו האָבן מיט אַזאַ יונגער פרוי, וואָס איז געווען גאָר נישט קיין מיאוסע און אויך אַ געבילדעטע.

זי איז געווען אַ חברטע פון מיין מוטער, און דעריבער האָב איך מיך געפונען אונטער איר אויפזיכט. איר מאַן האָט גאַנצע טעג פאַרבראַכט אויסער דער היים, ווייל ער האָט נישט געטרויט זיינע קינדער, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט אין קראָם. די ווידער, ווי אַ שטיף-מוטער, האָט נישט געלעבט מיט זיי בשלום און האָט זעלטן ווען באַזוכט די קראָם.

אין אָוונט, ווען דער דאָזיקער עובר־בטלדיקער זקן איז אַהיימגעקומען, האָט ער געקוקט מיט חשד אויף זיין אוצר און אויף מיר; ווי עס ווייזט אויס, איז ער מיט מיר נישט געווען צופרידן, און אָפטמאָל האָט ער מיר דייטלעך אַרויסגעוויזן זיין אומגונסט. וואָס אַן אמת, האָט זי זיך פאַרנומען מער מיט מיר, ווי מיטן מאַן. האָב איך מיך טאַקע געפילט נישט שלעכט אונ־טער איר אַפּוטרופּסות. אָפטמאָל האָט זי זיך אין זיין קעגנ־וואַרט אַזוי וואַרעם צו מיר באַצויגן, אַז דער זקן האָט אויף מיר געקוקט מיט אַזעלכע אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט טרעפן אונזערע געדאַנקען און דערגיין די סיבה, וואָס האָט אונז אַזוי דערנעענטערט, און אָנגעהויבן מורא צו קריגן. נאָר איך האָב דעמאָלט נישט געקאָנט פאַרשטיין, וועגן וואָס עס גייט אים...

די דאָזיקע זאָרגפולע אויפזיכט פון איר זייט האָט ביי מיר אַרויסגערופן דאַנקבאַרקייט, שפּעטער — צוגעבונדנקייט און ענדלעך האָט עפּעס אָנגעהויבן אויפצוּוועקן זיך אין מיין האַרץ אַזוינס ווי ליבע.

אין די מינוטן, ווען מיר האָבן זיך געפונען אַליין, האָט מיין אַפּוטרופּוסטע מיך אָנגעהויבן אויף אַ לייכטן אופן צו באַ־קענען מיט דעם ענין פון ליבע. נאָך אַ געוויסער צייט האָבן די דאָזיקע געשפּרעכן אָנגעהויבן אויף מיר צו ווירקן אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב איר אָנגעהויבן נאָכגיין ווי אַ לונאַטיק. אין אַ געוויסן טאָג — דאָס איז געווען פאַר ראש־השנה — ווען יידן גייען נאָך האַלבער נאַכט צו סליחות, איז דער אַל־טיטשקער, וואָס האָט ס׳גאַנצע לעבן אָפּגעהיט אַלע יידישע מנהגים, אויפגעשטאַנען אַביסל פריער און זיך אָנגעהויבן אָנטאָן. ער האָט אויך נישט פאַרגעסן אָן מיר. ער האָט זיך באַמיט מיך אויפצוּוועקן, איך זאָל אויך גיין אין ישיבה אַריין צו סליחות. ליידער, איך בין געווען אַזוי פאַרשלאָפן, אַז איך האָב אים נישט געקאָנט פאַרשטיין, וועגן וואָס עס גייט. ער איז אַזוי געשטאַנען אַ צייט איבער מיר. און זעענדיק, אַז איך האָב

מיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט, מיטן פּנים צו דער וואַנט, האָט ער מיך אָפּגעלאָזן און איז אַליין אַוועק צו סליחות. פּלוצלונג האָב איך דערפילט אויף מיר עמיצנס האַנט. כ׳האָב אַ קוק געטאָן, דאָס איז געווען מיין אַפּוטרופּוסטע אין נאַכט-העמד; די בריסטן זענען געווען אין גאַנצן אויפגעדעקט; זי האָט געשמייכלט שעלמיש און מיר געזאָגט מיט אַ פּיעשטשענדיק קול — „פאַרוואָס ביזטו נישט געגאַנגען צו סליחות?" און באַרירנדיק מיט דער האַנט מיין קאָפּ, האָט זי צוגעגעבן: „זע נאַר, וואָס פאַר אַ היץ עס שלאָגט פון דיר! דער קאָפּ טוט דיר אַוודאי וויי?"

איך האָב איר גאָרנישט געענטפערט; נאָר איך האָב געפילט, אַז עס נעמט מיך אַרום אַ מחייהדיק געפיל, און גלייכצייטיק האָט זי זיך אין דער מינוט מיר אויסגעוויזן אַזוי שיין, אַז איך האָב נישט געקאָנט פון איר אָפּרייסן די אויגן.

זי איז אַזוי געזעסן אַ לענגערע צייט אויפן עק פון בעט אין דער אויפרייצנדיקער פּאָזע. ענדלעך האָט זי גענומען מיין קאָפּ און צוגעדריקט צו דער ברוסט. אומבאַוווסט, ווי געשטויסן דורך עפּעס אַ קראַפט, האָב איך זי געקושט און אָנגעהויבן בלאָנדזשען מיט די פינגער איבער איר לייב; איך האָב דאָס אָבער געטאָן מיט עפּעס אַ מורא אין האַרצן, אַזוי ווי איך וואָלט מיך געפונען אין די אָרעמס פון לילית. דאָס געוויסן האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס, וואָס איך טו, איז אַ מוראדיקע עבירה... מיין „אַפּוטרופּוסטע" אָבער האָט מיך נישט געלאָזט לאַנג פאַרזינקען אין די דאָזיקע רעיונות, זי האָט מיך אָן אויפהער געפּיעשטשעט, דערקלערנדיק מיר, וואָס עס איז אַזוינס ליבע...

די דאָזיקע באַציאונגען מיט איר האָבן מיר אַזוי צוגעבונדן צו איר, אַז אויף יעדן אירן ווונק בין איך געווען גרייט צו שפּרינגען אין פייער אַריין. מאַנכעס מאָל אָבער, ווען איך בין געזעסן אין דער ישיבה ביי דער גמרא, האָט זיך אין מיר דערוועקט אַן עקל צו אַזעלכע פאַרוויילונגען. איך האָב געהאַט

בדעה אַלץ צו דערציילן דעם טאַטן אָדער מיין רבין. ליידער, איין בליק אירער איז גענוג געווען, אַז איך זאָל זיך איבער־געבן אין אירע אָרעמס.

קאַפּיטל אַכט

אַזוי איז דורך דאָס ערשטע האַלבע יאָר אין דער ישיבה. איך האָב מיך געלערנט מיט התמדה, און דער רבי האָט גע־זאָגט, אַז אויב איך וועל מיך ווייטער אַזוי לערנען, וועל איך בקרוב אַריבערגיין אין דער צווייטער כיתה.

יעדן טאָג פיר אַ זייגער האָב איך פאַרלאָזט די ישיבה, ווייל עס איז געווען די מיטאָג־שעה, און יעדער ישיבה־בחור איז אַוועק צו זיין „טאָג" עסן מיטאָג. עס איז ביי אונז גע־ווען איינגעפירט, אַז די אָרעמע ישיבה־בחורים עסן יעדן טאָג ביי אַן אַנדערן באַלעבאָס. און פאַר די, וואָס האָבן נישט אַלע „טעג" אין דער וואָך, קאָכט זיך אין דער ישיבה אַ ספּעציע־לער קעסל. די דאָזיקע אָרעמע ישיבה־בחורים, וואָס דער קעסל שפּייזט זיי, זענען אויס זייער שלעכט, ווייל די קעסל־מיטאָגן זענען געשמאַלצן העכסטנס מיט ציבעלע און פּיעטרושקע. אַרום דעם דאָזיקן עסן גייען־אום אַ סך וויצן צווישן די ישיבה־בחורים. צווישן אַנדערע געדענק איך דאָס:

— משה, האָסט היינט אַ מיטאָג?

— ניין, איך עס היינט פון קעסל.

— דו ווייסט, וואָס עס איז היינט דאָ אויף מיטאָג?

— כ'ווייס נישט — און דו ווייסט?

— איך זאָל נישט וויסן? — ענטפערט מיט פאַרביטע־רונג דער לץ מיטן איינגעדאַרטן פנים, דאָס פיר־יאָריקע קעסט־קינד פון קעסל.—היינט אויף מיטאָג איז דאָ די זופּ געשמאַלצן מיט ציבעלע־טרערן.

כדי צו האָבן אַ פולשטענדיק בילד פון דער ישיבה, מוז

איך נאָך דאָ ווידמען אַ פּאָר ווערטער דעם שמש, וואָס שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אונזער לעבן. דער שמש איז געווען אַ באַוועגלעך יידל, מיט אַ שוואַרצע „קאָזע״־בערדל, בלינד אויף איין אויג, וואָס האָט אָבער פונדעסטוועגן אַלץ געזען. אָפּטמאָל האָט פּאַסירט, אַז ער האָט דערטאַפּט אַ הונגעריקן אָרעמען ישיבה־בחור, וואָס האָט זיך מקדים געווען „אויסצוטרינקען״ זיין מיטאָג און זיך נאָכאַמאָל אַוועקגעשטעלט אין דער ריי, כּדי צו כאַפּן אַ צווייטן טעלער.

אָט דער דאָזיקער שמש האָט אַ חוץ זיין אָפיציעלע מיסיע צו פאַרוואַלטן מיטן קעסל, אויך געפירט אַן אייגענעם האַנדל, וואָס איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס מען האָט אונז מתיר געווען צו עסן אויף אָנבייסן.

נאָך דעם, ווי מען האָט געענדיקט אין דער פרי דאָס דאַוונען, וואָס האָט געדויערט איבער אַ שעה, זענען אַלע צוועק צו דער חורבה אין ישיבה־הויף, וואָס איז כּמעט ביז דער העלפט געשטאַנען איינגעזונקען אין דער ערד. רעכטס ביים איינגאַנג אין דער חורבה האָט זיך געפונען אַ ריזיקע שטוב, אין וועלכער עס איז געווען מער אויסגעהאַקטע שויבן, ווי גאַנצע. אין דער דאָזיקער שטוב זענען געשטאַנען אַ פּאָר אייזערנע בעטן מיט ברודיקע שעניקעס. דאָס איז געווען אַ סטאַנציע פאַר היימלאָזע ישיבה־בחורים, אָדער, בעסער געזאָגט, פאַר געזיכערטע קאַנדידאַטן אויף רבנים. לינקס האָט זיך געפונען דאָס קרעמל פון שמש, אָדער דער „בופעט״. יעדן פרימאָרגן האָט מען געקאָנט טרעפן שטיין הינטערן בופעט דעם שמשס ווייב, אַ דיקע שווערע יידענע. זי האָט תמיד ירא־שמימדיק געקרעכצט, ווי אַ רשע פאַרן שטאַרבן. עס האָט איר מיטגעהאָלפן אין דעם מסחר איר אַכצן־יאָריקע טאָכטער זעלדע, וועלכע האָט יעדן באַדינט מיט אַ געהיימניספולן שמייכעלע אויף די ליידנשאַפטלעכע ליפּן.

די קונים האָבן געגעסן דאָס אָנבייסן, וואָס איז באַשטאַנען פון ברויט, מילך, קאַווע, זעמל, פּוטער אָדער הערינג, שטייענדיקערהייט. פיש און געזונטע לעבערלעך האָבן שוין

געהערט צום נאַשוואַרג. אויף די קונים פון די לעצטע מאכלים האָט מען געקוקט ווי אויף גרויסע נאַשערס, נאָך ערגער, ווי אויף הולטאַיעס. אָפּטמאָל האָט מען געקאָנט טרעפן אַזאַ אביון, וואָס אָנשטאָט אַ „טאָג״ ביי אַ באַלעבאָס, האָט ער פון אים געקריגן פינף קאָפּיקעס פאַר אַ גאַנצן טאָג קעסט. דאָס פּרי־שטיק פון אַזאַ „גביר״ איז על פי רוב באַשטאַנען פון געזאָ־טענע אַרבעס, וואָס ער האָט געקויפט פאַר צוויי גראָשן.

יעדן זונטאָג, ווען מיין טאַטע איז געקומען קיין ל., האָט ער אָפּגעגעבן אַ פּאָר מינוט מיך צו באַזוכן. אויב ער איז ביז פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג נישט געקומען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נישט קיין צייט. איך בין דעמאָלט אַליין אַוועק אין האָטעל אַריין, און אין זיין צימער איז שוין אויפן באַ־שטימטן אָרט געלעגן פאַר מיר אַ פּעקל, וואָס די מאַמע האָט מיר געשיקט. דאָס איז כמעט תמיד געווען נאַשוואַרג.

בעת זיינע באַזוכן ביי מיר איז דער טאַטע תמיד, ווי זיין שטייגער, געווען פאַרטראַגן אין זיינע געשעפטן, אַזוי אַז ער האָט נישט באַמערקט דעם גרויסן שינוי, וואָס איז אין מיר פאָרגעקומען און ווי שלעכט איך האָב אויסגעזען.

עס איז אַוועק אַ האַלב יאָר. עס זענען אָנגעקומען די ימים־טובים. ס׳רוב ישיבה־בחורים זענען אַוועקגעפאָרן אַהיים אויף יום־טוב, און איך האָב געבענקט נאָך דער מינוט, ווען איך וועל דערזען מיין טייערע מאַמע. ענדלעך האָט מען אין דער ישיבה מודיע געווען, אַז ווער עס וויל, קאָן אַהיימפאָרן. און אין דעם אייגענעם טאָג בין איך געווען איינער פון די פּאַסאַזשירן, וואָס איז אַהיימגעפאָרן צו זיינע עלטערן.

דער וועג איז געווען זייער אַ לאַנגווייליקער; די פור, אין וועלכער איך בין געפאָרן מיט פופצן פאַרשוינען, האָט זיך געשלעפּט איבער די פעלדער, געצויגן פון אַ פּאָר פערדלעך, ריכ־טיקער שקאַפּעס. דער באַלעגאָלע, אַ גוטער באַקאַנטער מיינער, וועמענס עלטער־זיידע האָט שוין אויף דעם דאָזיקן וועג גע־פירט פערד און וואָגן, האָט כמעט אַ גאַנצן וועג געשיט מיט טויטע קללות אויף די אויסגעדאַרטע פערדלעך. ער האָט נישט

געזשאַלעוועט קיין בייטש, ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. עס איז מיר געווען אַ צער־בעלי־חיים אויף די געפייניקטע באַשע־פענישן, און כדי צו פאַרלייכטערן זייער גורל, בין איך מער געגאַנגען צו פוס, ווי געפאָרן, דרעפטשענדיק אין דער בלאָטע נאָך דער פור.

די פּאַסאַזשירן זענען מיר אַלע געווען באַקאַנט, און איך האָב מיך געמוזט פאַר זיי באַווייזן מיט מיין לומדות, וואָס כ'האָב מיך אָנגעזאַפּט אין דער ישיבה. זיי האָבן מיר געשטעלט אַ סך האַרבע לומדישע קשיות; מיט נישט קיין גרויסן חשק האָב איך אַלע קשיות געמוזט פאַרענטפערן.

די דאָזיקע נסיעה איז פאַר מיר געווען אַן אמת אָפּקו־מעניש און כ'האָב מיך געוווּנדערט, ווי אַזוי מענטשן קאָנען פאָרן אויף אַזאַ אופן. צום גנאי פון די דאָזיקע פּאַסאַזשירן מוז איך זאָגן, אַז קיין איינער פון זיי איז נישט אַראָפּגעקראָכן, אַפילו ווען מען איז געפאָרן באַרג־אַרויף, כאָטש זיי האָבן גע־זען, ווי איך האָב צוזאַמען מיטן באַלעגאָלע געשטופּט דעם וואָגן, כדי צו פאַרלייכטערן די פערד. צו וואָס האָבן זיי דאָס געזאָלט טאָן, האָבן זיי דען נישט באַצאָלט קיין 25 קאָפּיקעס פאַר דעם דאָזיקן פאַרגעניגן?

דער אָרעמער באַלעגאָלע האָט זיך געבעטן רחמים, זיי זאָלן אַראָפּ פון וואָגן. שפּעטער האָט ער געסטראַשעט. ביז זיי האָבן זיך קעגנזייטיק פאַרשיט מיט זידלערייען און קללות.

נאָך אַזאַ 5־שעהדיקער נסיעה האָט זיך ענדלעך באַוויזן דער קירכן־טורעם פון אונזער שטעטל, וואָס מען האָט שוין דערזען 3 וויאָרסט פאַרן שטעטל. ערשט דאָ האָב איך מיר אַרויפגעזעצט מיטן באַלעגאָלע, און די פערד האָבן עפּעס אָנ־געהויבן צו שפּאַנען מיט מער קוראַזש. זיי האָבן זיך אַוודאי דערמאָנט די פּאַשע, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט.

ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון מיין היים, איז שוין געווען שפּעטע נאַכט.

קאַפּיטל ניין

דער ערשטער מענטש, וואָס האָט מיר געעפנט די טיר, איז געווען, פאַרשטייט זיך, די מאַמע. באַגריסנדיק מיך, האָט זי כסדר געזאָגט: „אוי, מיין טייער קינד, איך האָב געהאַט דאָס פאָרגעפיל, אַז איך וועל דיך היינט דערזען. איך האָב נישט געקאָנט איינשלאָפן". צוטוליענדיק מיך צו זיך, האָט זי צוגעגעבן: „קום, לאָמיך דיך באַטראַכטן ביים ליכט, ווי דו זעסט אויס", און ווען זי האָט מיך נענטער אָנגעקוקט, האָט זי אויסגעשריגן: „רבונו של עולם, זע נאָר ווי שוואַרץ דו ביזט, ווי אויסגעצערט; וואָס איז דיר?" פון די דאָזיקע קולות האָבן זיך אַלע שטוב־מענטשן אויפגעכאַפּט, נישט וויסנדיק, וואָס עס איז געשען. דער טאַטע האָט מיך קאַלט צוגערופן און געטענהט: „וואָס האָסטו זיך אַזוי מקדים געווען, האָסט נ'שט געקאָנט וואַרטן אויף מיר? זונטאָג וואָלט איך דאָך דיך סיי־ווי־סיי אַהיימגענומען". דערביי האָט ער מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס מיט פאַרשלאָפענע אויגן. כ'האָב נישט באַוויזן אָפּצוענטפערן, איז שוין געשטאַנען אַ שיסל מיט וואַ־סער, ווייל איך בין באמת געווען אין גאַנצן אויסגעשמירט און פאַרבלאָטיקט.

נאָכן אָפּוואַשן און איבערטאָן זיך האָט מיך די מאַמע אַוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע ביים אויוון און זי האָט זיך אַרומגעפּאָרעט ביים נאַכט־עסן, באַטראַכטנדיק מיך כסדר פון אַלע זייטן, אַזוי אַז איך האָב נישט געקאָנט איר בליק אויס־האַלטן; דערביי האָט זי געפּרוווט מיט מיר צו פאַרקניפּן אַ שמועס, וואָס האָט מיך אומגעהייער געררייצט. צי האָט זי זיך משער געווען, וואָס פאַר אַ באַציאונגען עס האָבן מיך פאַר־קניפּט מיט איר חברטע? ביים בלויזן געדאַנק וועגן דעם האָב איך געציטערט. די מאַמע האָט געפּרוווט געגנוג אומגעלומפּערט פאַרשידענע וועגן, כדי מיך אויסצופאָרשן. איך אָבער, אַרומ־גענומען פון חרפּה און מורא, האָב געשוויגן, וואָס עס האָט זי נאָך מער גערייצט און באַשטעטיקט אירע השערות.

נאָך אַ צוויי־שעהדיקן געשפּרעך מיט דער מאַמען האָב איך מיך געלייגט שלאָפן. איך האָב אָבער נישט געקאָנט איינ־שלאָפן. עס איז מיר עפּעס שווער געווען אויף דער נשמה, ווייל, זייענדיק שטאַרק צוגעבונדן צו דער מאַמען, האָב איך איר בשום־אופן נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין יסורים און אויפ־קלערן די סיבה, פאַרוואָס איך זע אַזוי שלעכט אויס. איך האָב מיך דערמאָנט, ווי זי האָט מיך געוואָרנט פאַר פרויען. דאָס האַרץ איז מיר אָפּגעשטאָרבן פאַר ווייטאָג און שאַנדע אויפן בלויזן געדאַנק, אַז איך, דאָס ליבלינגס־קינד פון דער מאַמען, האָב נישט געפאָלגט אירע וואָרענישן. אמת, איך בין נישט פעאיק געווען געהעריק אָפּצושאַצן דעם חטא, וואָס גורם דער־צו איז געווען דעם זקנס ווייב. דאָך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס האָט מיט מיר פּאַסירט עפּעס אַזוינס, וואָס ווען די מאַמע וואָלט דערפון געוווסט, וועד ווייסט, וואָס פאַר אַ פּאָלגן עס וואָלט דערפון אַרויסגעקומען און ווי זי וואָלט זיך אַנטוישט מיט איר חברטע, וועמען זי האָט אָנגעטרויט מיטן גאַנצן גלויבן איר קינד.

איך האָב מיך איבערגעדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער, ווי איך וואָלט געלעגן אויף הייסע קוילן; איך האָב בשום־אופן נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. פון צווייטן צימער איז צו מיר דערגאַנגען דער געררויש פון אַ געשפּרעך, וואָס איז געוואָרן וואָס אַמאָל שאַרפער. דאָס איז געווען אַ מחלוקה צווישן טאַטן מיט דער מאַמען. איך האָב אויפגעשפּיצט די אויערן און כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דער סיכסוך גייט וועגן מיר, אָבער דעם אינהאַלט האָב איך נישט געקאָנט אויפכאַפּן. פאַר־זונקען אין רעיונות, בין איך איינגעשלאָפן, נאָר דער שלאָף איז געווען אַן אומרואיקער, ווייל עס האָבן מיך אָנגעהויבן צו פּייניקן קאָשמאַרן. אין אַ צייט אַרום האָב איך מיך אויפגע־כאַפּט, ציטערנדיק אין גאַנצן, און ערשט פאַרטאָגס בין איך ווי־דער איינגעשלאָפן, אָבער איך בין ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ לאַבירינט פון אויסטערלישע חלומות. איך האָב מיך אויפגע־כאַפּט אַן אָפּגעגאָסענער מיט אַ קאַלטן שווייס, אין גאַנצן אַ גיי־

סטיק־צעבראָכענער. די מאַמע איז געשטאַנען איבער מיר אַן איבערגעשראָקענע. איך האָב געפּלאָפּלט משמעות נישט געשטוי־גענע, נישט געפּלויגענע זאַכן. זי האָט געפרעגט, צי איך בין נישט געזונט. נישט ענטפערנדיק, בין איך איינגעשלאָפן צום דריטן מאָל.

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אַ שווערער קראַנקהייט. מען האָט גערופן דעם באַקאַנטן דאָקטאָר ק. פון ל. נאָכן באַ־טראַכטן מיך האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז איך בין אויסגעמאַ־טערט און איך ברויך זיך אָפּצורוען. ער האָט פאַרשריבן אַ מעדיצין. איך האָב זי אָבער נישט געוואָלט נעמען אין מויל אַריין. די מאַמע האָט איר גאַנצע פרייע צייט פאַרבראַכט ביי מיין בעט און האָט שטיל געוויינט; משמעות, זי האָט זיך געהאַלטן פאַר שולדיק אין דעם אַלעם, וואָס עס איז געשען.

עס האָט זיך אָנגערוקט דער האַרבסט און מיט אים די יידישע ימים־טובים. אונזער שטעטל האָט אַ סך פאַרלאָרן פון זיין צויבער. אומעטום איז געווען פול מיט בלאָטעס און זומפּן. ביסלעכווייז בין איך צוריקגעקומען צו די כוחות; איך בין שוין אַפילו אויפגעשטאַנען פון בעט. עס איז אָבער אין מיר פאָרגעקומען אַ גרויסער שינוי. איך בין אַרומגעגאַנגען שווייגנ־דיק און מיסטעריעזיש; די שפּורן דערפון זענען געבליבן אין מיין ווייטערן לעבן.

זינט אַ פּאָר וואָכן בין איך שוין געווען אַ בר־מצווה. איך האָב אָבער נישט געלייגט קיין תפילין, ווייל איך האָב נישט געהאַט, צוליב מיין קראַנקהייט, די נויטיקע ידיעות און הכנות. איך האָב דעריבער יעדן טאָג אָנגעהויבן גיין אויף צוויי שעה צום מורה־הוראה, וועלכער האָט מיך געלערנט, וואָס עס הייסט תפילין־לייגן און וואָס פאַר אַן אחריות עס פאַלט אויף מיר מיטן מאָמענט, ווען איך בין אַלט געוואָרן דרייצן יאָר. די מאַמע האָט אויך געגאַרט, אַז איך זאָל מיך אויס־לערנען אַ דרשה, וואָס איך זאָל האַלטן צו מיין בר־מצווה־סעודה.

דער מורה־הוראה האָט מיר צווישן אַנדערן אָנגעוויזן,

אַז בין צו דער בר־מצווה זענען אַלע עבירות, וואָס איך האָב געטאָן, געגאַנגען אויפֿן חשבון פֿון מײַנע עלטערן, און פֿון איצט אָן בין איך פֿאַר מײַנע מעשים־רעים פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן אויבערשטן מיט מײַן אייגענעם קאָפּ. ער האָט מיר אויך פֿאַרטײַטשט דעם „חיי־אדם" און וואָס עס איז אַן עבירה און וואָס נישט. ער האָט מיר דערבײַ דערציילט אַזעלכע מוראדיקע זאַכן, אַז די האָר פֿון קאָפּ האָבן זיך מיר אויפֿגעשטעלט. ער האָט, למשל, געזאָגט, אַז אויב איך וועל נאָר עובר זײַן אויף דעם אויבערשטנס געבאָט, וועל איך זײַן פֿאַרלאָרן אויף אייביק... דאָ האָט ער זיך אַ ווײַלע ווי פֿאַרטראַכט און ווײַטער געדרשנט: — „גאָט האָט אַזוי געזאָגט דעם מענטש: צווײ וועגן האָב איך דיר געגעבן, דאָס לעבן און דעם טויט, ובחרת בחיים, קלײַב אויס דאָס לעבן! דעם מענטשנס לעבן איז אין אויבערשטנס הענט, דען פֿון מענטשנס קאָפּ ציט זיך אַ נישט־זעבאַרער פֿאָדעם ביז צום כּסא־הכּבֿוד; ווען ער זינדיקט, קאָן דער אויבערשטער באַשטראָפֿן מיט „כּרת", ד. ה. ער שנײַדט־איבער דעם פֿאָדעם, און דער מענטש שטאַרבט אין אויגנבליק".

הערנדיק דאָס, האָב איך מיך נישט ווילנדיק געכאַפּט פֿאַרן קאָפּ. ער האָט מיר אויך געשילדערט די גאַנצע שרעק פֿון גיהנום, און ווען ער האָט באַמערקט, אַז איך בין בלאַס געוואָרן פֿאַר אַזאַ פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, האָט ער מיך גענומען טרייסטן:

„דער גאַנצער עונש קומט דעמאָלט, ווען דו וועסט נישט מקיים זײַן די מצוות, אָבער ווען אַ מענטש פֿירט אַן אָפּגעהיטן לעבן, איז דער שׂכר אַזאַ גרויסער, אַז ווי אַ תּנא האָט געזאָגט: ס'איז בעסער איין שעה פֿון די תּענוגי־עולם־הבא, ווי דאָס גאַנצע לעבן אויף דער וועלט".

דאָ האָט ער מיר געשילדערט דאָס אויסזען פֿון גן־עדן מיט אַזאַ התלהבֿות און איבערצײַגונג, ווי ער וואָלט אָקאָרשט געווען פֿון דאָרט צוריקגעקומען. „יעדער צדיק, — האָט ער

ווייטער געדרשנט,—באַקומט פון אויבערשטן ש״י עולמות, 310 וועלטן״.
איך האָב אים נאַאיוו געפרעגט, פון וואַנען וועט דער אויבערשטער נעמען אַזויפיל וועלטן; דער רבי האָט אויף מיר אַ וואָרף געגעבן אַזאַ שאַרפן בליק, אַז איך האָב באַשלאָסן אין די געדאַנקען קיינמאָל נישט צו שטעלן מער אַזעלכע קשיות. בּאַלד האָט ער אָבער געענטפערט: „דער אויבערשטער קאָן אַלץ״!
דער דאָזיקער לימוד האָט צום גליק נישט געדויערט מער ווי אַ חודש; ווער ווייסט, צי מיינע נערוון וואָלטן עס לענגער אויסגעהאַלטן. איך האָב מיך אָנגעהערט אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן בעת די דאָזיקע לימודים, אַז ווען איך דערמאָן זיך בלויז וועגן דעם, פיל איך זיך אומהיימלעך.
נאָך דעם חודש האָב איך זיך געפילט אַזוי צעבראָכן, אַז איך בין ווידער קראַנק געוואָרן אויס מורא פאַרן עונש, וואָס מיך דערוואַרט.
די קראַנקהייט האָט אָבער דאָס מאָל נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. די מאַמע האָט מיך געפּייניקט, דאָ מיט סטראַשוּנקעס, דאָ מיט גוטן, אַז איך זאָל זאָגן, וואָס עס איז מיר, ווייל דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז עס איז מיר גאָרנישט, און איך לייד בלויז „מאָראַליש״, אויף וואָס עס איז נישטאָ קיין רפואה.

קאַפּיטל צען

ענדלעך איז אָנגעקומען דער טאָג פון דער בר־מצווה־סעודה.
אין שטוב האָט ווידער געהערשט אַ יום־טובדיקע שטימונג. כ׳האָב געהאַלטן אַן אויסגעלערנטע דרשה, וואָס כ׳האָב זי אַליין קוים פאַרשטאַנען. דערפאַר האָט מען מיר דערלאַנגט פאַרשידענע מתנות און עס האָבן זיך געשיט ווונטשן. דער טאַטע האָט מיר געשענקט אַ זילבערן זייגערל מיט אַ גאָלדן קייטל, און די מאַמע האָט מיר, אַ שטראַלנדיקע, מבטיח געווען, אַז אויף מיין חתונה וועט זי מיר שענקען אַ גאָלדענעם זייגער.
די סעודה האָט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט, און ווען כ׳האָב געדאַרפט גיין שלאָפן, האָט די מאַמע מיר געגעבן אַ

קוש און געבעטן, כ'זאָל איר צוזאָגן, אַז באַלד נאָך פּסח וועל איך צוריקפאָרן אין דער ישיבה אַריין. איך האָב עס איר מיט פאַרגעניגן פאַרשפּראָכן.

כ'מוז מיך מודה זיין, אַז נישט דעריבער האָב איך מסכּים געווען, ווייל עס האָט אין מיר געברענט דער חשק צו לערנען, נאָר עס האָט מיר געלאָקט דאָס, וואָס כ'וועל צוריקקומען אויף דער זעלבער סטאַנציע. די אַזהרות פון רבין, אַז איצט בין איך פאַר אַלע עבירות אַליין פאַראַנטוואָרטלעך, כאָטש זיי האָבן אַביסל אָפּגעקילט מיין ברען, דאָך האָבן זיי נישט געקאָנט מנצח זיין מיינע געפילן.

כאָטש כ'האָב געוווּסט, אַז אַפילו בלויז דאָס קוקן אויף אַן אשה איז אַ מוראדיקער חטא, ווער שמועסט נאָך דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף מיין סטאַנציע, — דאָך האָב איך זיך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז פאַר די אַלטע עבירות וועלן אָפּקומען מיינע עלטערן. דאָ ווידער האָט מיך צייטנווייז אַרומגענומען אַ חרטה, אַז מיינע עלטערן קאָנען ווערן נישט פאַרדינטערהייט באַשטראָפט פאַר מיינע חטאים, און ס'האַרץ האָט מיר וויי געטאָן. נאָר דאָס לעבן אויף דער סטאַנציע איז עפּעס געווען אַזאַ מחייהדיקס, און דעריבער, נישט פאַרנעמענ־דיק קיין שום אינערלעכע חרטה־שטימען, האָב איך מיך דעצי־דירט צוריקצופאָרן.

פיל האָב איך נאָכגעדענקט, פאַרוואָס זאָל דאָס אַזוי זיין, אַז אַלץ, וואָס איז אַזוי אָנציִענדיק און כּישופדיק, איז אַן עבירה און פאַרבאָטן. מיידלעך, למשל, זענען אַזעלכע ליבע באַשעפענישן און עס איז, לויט די הייליקע ספרים, אָסור אפילו אַ קוק צו טאָן אויף זיי, אויב מען וויל נישט אייביק ברענען אין גיהנום.

אָדער מיט פראַנעקן, אַ שטייגער, לאָזט מען מיך זיך נישט חברן, ווייל ער איז אַ גוי. בשום אופן האָב איך עס נישט געקאָנט משיג זיין, וואָס איז דען די נפקא־מינה? אָפטמאָל האָב איך אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס מיטן געדאַנק, אפשר וועל איך באַמערקן אַ חילוק צווישן מיר און אים. אָבער

ווו אין וואָס? ער לאַכט און וויינט, פונקט אַזוי ווי איך. ער האָט די אייגענע איברים, וואָס איך, ער רעדט יידיש נישט ערגער פון מיר. וואָס־זשע איז די נפקא־מינה צווישן מיר און פראַ־נעקן? פראַנעק איז דאָך דעם קיילערס זון, וואָס וווינט מיט אונז אין שכנות; איך קען זיין טאַטן, די מאַמען און זיין שוועסטער, וולאַדקאַ. זיי זענען ווילע מענטשן.

בשום אופן האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס די מאַמע פאַרביט מיר דאָרט עפּעס טועם צו זיין. מען טאָר נישט, ווייל עס איז חזיר. וואָס אַן אמת האָב איך עס נישט טועם געווען נישט אַזוי צוליבן איסור פון דער מאַמען, ווי דעריבער, וואָס איך האָב הייליק געגלויבט, אַז ווען איך וועל צורירן צו מיין מויל חזיר, וועל איך תיכף דערוואָרגן ווערן. דער פחד פאַר דעם עונש איז געווען שטאַרקער פון אַלץ.

איינמאָל האָבן מיר פראַנעק מיט דער שוועסטער בגוואַלט געוואַלט אַריינשטופּן אַ שטיק חזיר אין מויל אַריין. כ׳האָב מיך געווערט מיט אַלע כוחות. פאַר כעס, וואָס כ׳וויל נישט עסן, האָבן זיי מיר אָנגעריבן מיט חזיר־פעטס ס׳גאַנצע פּנים. — גאָט מיינער, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן! — אַז איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון זייערע הענט, האָב איך געוואַשן ס׳פּנים אפשר צען מאָל; אַפילו מיט זאַמד האָב איך געפּרווט צו שייערן, איך האָב אָבער באַלד אויפגעהערט, ווייל עס האָט מיך שרעק־לעך ווייי געטאָן.

ווען די מאַמע האָט זיך דערפון דערוווסט, האָט זי מיר לעצטגילטיק פאַרבאָטן אַהין צו גיין. בלויז מיין טאַטע, צוזאַמען מיט פראַנעקס טאַטן, ווען זיי האָבן מיך נאָר דערזען, האָבן זיי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן. פונדעסטוועגן האָט מיך עפּעס צו דעם פראַנעקן ווידער געצויגן. עס איז נישט אַוועק אַ וואָך צייט פון דער אַוואַנטורע און שוין האָב איך מיך מיט אים און מיט זיין שוועסטער געגליטשט איבערן נאַ־רעוו. איך האָב פשוט נישט געקאָנט לעבן אָן זיי; אַפילו דעם רבינס קאַנטשיק האָט נישט געהאָלפן. דער רבי האָט גאָרנישט געפועלט. מיט פראַנעקן בין איך אַלץ געווען אַ נישט־צעשייד־

בּאַרער חבר. אויף אונזער חברשאַפט האָבן די שטעטלדיקע יידן געקוקט מיט חשד.

מיט דעם איסור, אַז איך זאָל מיך נישט חברן מיט פראַנעקן, האָב איך מיך בשום אופן נישט געקאָנט איינלעבן. ביז איינמאָל אין חדר האָב איך מיך אָנגעטאָן אַ כּוח און געפרעגט דעם רבין, וואָס פאַר אַ חילוק עס איז פון אַ גוי ביז אַ ייד. דאָ האָט אונז דער רבי אויסגעטייטשט: — „ווען די וועלט וועט אונטערגיין, וועט קומען משיח. ער וועט שטיין מיט איין פוס אויפן בית־עולם און מיטן צווייטן אויף דער שול און וועט בלאָזן שופר, אַז די גאַנצע ערד וועט ציטערן. מיט אַ מעכטיק קול, וואָס וועט געהערט ווערן פון איין עק וועלט ביזן צווייטן, וועט ער אויסרופן: „מתים, שטייט אויף תחית־המתים״! באַלד וועט אַ פּחד אַרומנעמען אַלע לעבעדיקע. צייכנס וועלן זיך באַווייזן אויפן הימל און אויף דער ערד. דער מלאך גבריאל וועט פירן די יידן קיין ארץ־ישראל, און די יידישע מתים וועלן דורך גילגול־מחילות קומען קיין ארץ־ישראל. קיין שום גוי וועט אָבער נישט אויפשטיין״.

דאָ האָט ער געוואָרפן אויף אונז אַ טריאומפירנדיקן בליק, שטאָלץ דערמיט, וואָס ער האָט מגלה געווען פאַר די תּלמידים דעם גרויסן סוד, און גלעטנדיק זיך די גראָע באָרד, האָט ער צוגעגעבן: — צווישן אַ גוי מיט אַ ייד איז נאָך דאָ אַן אונטערשיד, וואָס קיין שום גוי האָט נישט קיין נשמה. נאָכן טויט וואַנדערט ער גלייך אין גיהנום אַריין. דעריבער דאַוונען מיר אַלע אין דער פרי: — „שלא עשני גוי!״

דער לעזער וועט מסתּם פאַרשטיין, אַז פון דעם טאָג אָן, ווען דער רבי האָט מיר מגלה געווען דעם סוד וועגן די נשמות, איז ממילא מיין חברשאַפט מיט פראַנעקן אָפּגעקילט געוואָרן.

— זיי מיר מוחל, טייערער פראַנעק, וואָס איך האָב דעמאָלט מיך געמיאוסט מיט דיין איידעלער פריינטשאַפט, דען איך בין געווען הייליק איבערצייגט, אַז דו האָסט נישט קיין נשמה. איך ווידער, וואָס האָב אַ נשמה, צי האָב איך געקאָנט

זיין אַ חבר פון אַזעלכן ווי דו, אַ מענטש אָן אַ נשמה?...

נאָכן איבערקומען די קראַנקהייט בין איך דערווייל אין דער ישיבה אַריין נישט צוריקגעפאָרן. איך האָב געזאָלט פאַרבלייבן ביז פרילינג אין דער היים. דורך דער צייט האָב איך מיך געלערנט העברעאיש און יידיש ביי אַ פּריוואַטן לערער. עס איז כּדאי, מיר זאָלן זיך מיט דעם דאָזיקן אָריגינעלן מענטש אַביסל נענטער באַקענען.

דאָס איז געווען אַ מענטש פון מיטעלן וווקס, 46 יאָר אַלט, מיט אַ שיטער, רונדיק, שוואַרץ בערדל. די אויגן זיינע האָבן געפינקלט מיט אַן אומעטיקן, רחמנותדיקן גלאַנץ. געטראָגן האָט ער תּמיד די אייגענע מלבושים: אַן אויסגעריבענעם ווייכן קאַפּעליוש, אַן אָפּגעטראָגענעם אנצוג און אַ ברודיקן קראַגן מיט אַ קראַוואַט, געהעריק אויסגעבונדן, ווינטער האָט ער מוסיף געווען צו די מלבושים אַ פּאַלטאָ מיט אַ סאַמעטענעם קעלנערל, וואָס איז שוין געווען אַזוי אַלט, אַז אַ פאַכמאַן וואָלט נישט געווען אימשטאַנד פעסטצושטעלן די פאַרב.

אין שטעטל זענען וועגן אים אומגעגאַנגען פאַרשידענע לעגענדעס. ער איז געווען געבילדעט און האָט באַהערשט איבער צען שפּראַכן. דאָך האָט קיינער נישט געוווּסט זיין אָפּשטאַמונג. צוליב זיין משונהדיקער פירונג האָבן אים אַלע געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם. פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט צוטריט צו די רייכסטע הייזער, ווו ער האָט געגעבן לעקציעס, נעמענדיק פאַר אַ לעקציע דריי רובל אַ חודש. האָבנדיק אַן ערך צוואַנציק לעקציעס, האָט ער געקאָנט פיין לעבן, דאָך האָט ער געלעבט אין דחקות. דאָס געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט, האָט ער צעטיילט דעם ערשטן בעסטן. מען האָט אים דעריבער אויסגעזוכט אַן אַלטע פרוי, זי זאָל אויף אים השגחה האָבן און אָפּנעמען ס'געלט, וואָס עס קומט אים. ער גופא האָט קיינמאָל נישט געמאָנט קיין געלט.

אין די פרייע מינוטן האָט ער זיך אויסגעוויילט אַלס שפּאַציר־אָרט דעם יידישן און קאַטוילישן בית־הקברות. דאָרט האָט ער באַטראַכט אַלטע מצבות, אָדער גערעדט צו זיך, און

ווי מענטשן האָבן דערציילט, האָט ער גערעדט מיט די מתים. אין שטוב פלעגט ער רעדן צו זיך מיט אַ שטימע, וואָס האָט אַנטהאַלטן פיל ליידן. נישט איין מאָל זענען מיר געשטאַנען הינטער זיינע פענסטער, אונטערצוהערן, וואָס ער רעדט. ליידער האָבן מיר גאָרנישט געקאָנט תופס זיין. ווען איך דערמאָן זיך היינט וועגן אים און זיין לעבן, פאַרגעס איך מיינע אייגענע ליידן. יאָ! דער מענטש איז דורכגעגאַנגען אין לעבן עפּעס אַ דראַמע, וואָס האָט אים לעצטגילטיק צעבראָכן. דעם דאָזיקן מענטשן האָב איך פיל צו פאַרדאַנקען: ער האָט אין מיר געוועקט דאָס געפיל פאַר דער נאַטור־שיינהייט און פאַר דער פּאָעזיע פון מיינע אָבות.

דער לימוד ביי דעם דאָזיקן איידעלן מענטש האָט נישט לאַנג געדויערט, ווייל ער איז אין קורצן געשטאָרבן פון גאַלאָפּירנ־דיקער שווינדזוכט. דער אומברחמנותדיקער טויט האָט אים פון אונז אַוועקגענומען אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק יונגן עלטער. ער איז אַוועק אויפן עולם־האמת. אפשר האָט ער דאָרט גע־פונען אַ רעטונג פון זיינע ליידן און ער וועט זיך קאָנען אָפּ־רעדן ס׳האַרץ פאַר אַזעלכן, וואָס וועט אים פאַרשטיין.

דאָס גאַנצע שטעטל, אָן אונטערשיד פון גלויבן, האָט געטרויערט נאָך אים. די אַלע, וואָס האָבן אים געקענט ביים לעבן, האָבן אים אומגעהייער באַדויערט. מיט זיין פאַרמעגן וואָס איז באַשטאַנען פון וויסנשאַפטלעכע כתבים, האָט זיך פאַרנומען די פּאָליציי. צווישן אַלטע חפצים האָט מען אויך געפונען אַ פּאָר אויסלענדישע דיפּלאָמען פון הויכשולן. מען האָט אים קובר געווען, דעם דאָזיקן איידעלן מענטש, אויפן אַלטן יידישן בית־עולם, ביים סאַמע ברעג פון נאַרעוו, ווו ער האָט ביים לעבן אָפט פאַרבראַכט. איצט, קאָן זיין, דערמאָנט אים שוין מער קיינער נישט.

— טייערער לערער, און דאָך וועל איך, איינער פון דיינע אומגליקלעכסטע תלמידים, ביזן קבר דיך נישט פאַרגעסן. דו ביזט געווען דער איינציקער מענטש, וואָס האָט מיך, דעם שוואַכן און בלאָנדזשענדיקן בחורל, פאַרשטאַנען. ווען דער טויט

יואָלט אַזוי גיך דיך נישט אַרויסגעריסן פון די רייען פון די לעבעדיקע, אפשר וואָלט איך היינט נישט געווען אַזוי אומגליקלעך. דו וואָלסט זיכער אַן אַנדער ריכטונג געגעבן מיין לעבן.

— ערע דיין אָנדענקען!

קאַפּיטל עלף

עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1911. דאָס לעבן אין דער היים איז זיך געגאַנגען זיין געוויינלעכן גאַנג. איך בין שוין געוואָרן פולשטענדיק געזונט. האָב איך שוין אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון שטוב, כדי אַריינצוזעטעמען די פרישע לופט פון נאָנטן פרילינג. איך האָב אויך נישט פאַרזוימט אַוועקצולויפן צום ברעג פון נאַרעוו, צוצוקוקן זיך, ווי דער אייז־דעק הויבט זיך אָן רירן. עס האָט זיך שוין געהערט דאָס געצוויטשערײ פון פויגל און די וועלדער האָבן ביסלעכווייז געענדערט זייער פאַרב. די נאַטור האָט זיך געריסן צום לעבן. דאָס זענען געווען די לעצטע טעג פון מערץ. אין שטאָט איז געוואָרן אַ שטאַרקע באַוועגונג. אַרום און אַרום האָט זיך געטראָגן דער געשמאַק פון מצה. עס איז אָנגעקומען דער טראַדיציאָנעלער יום־טוב פסח. אויפן שטעטלשן מאַרק האָבן געוווינט לויטער יידן; יעדע מינוט האָט מען געקאָנט זען, ווי מען טראָגט אַרויס פון אַ הויז קוישן מיט מצה, גרויסע און קלענערע, פאַרדעקט מיט אַ ווייס ליילעך. יעדעס צענטע הויז באַקט־אויס מצה און דאָס געזאַנג מיט די געלעכטערס פון די יונגע מיידלעך, וואָס אַרבעטן ביי די מצות, האָבן זיך געטראָגן אויף דער גאַס אַרויס.

דאָס יידישע „געטאָ״ רייסט זיך צום לעבן. אַפילו דער אָרעמסטער איז צופרידן פון חג־המצות, ווייל ער באַקומט בחנם אַלץ, וואָס מען דאַרף. אויך אליהו הנביא פאַרשעמט נישט דעם אָרעמאַן און קומט אַריין צו אים אויסטרינקען זיין כוס ביליקן ווײַן,

אַזוי ווי ביים גביר דעם „כּרמל". ביי אונז אין שטוב איז אַ שטאַרק געוואָרן גערודער. אויך איך שטיי נישט אָפּ און העלף צו די הויז־מענטשן.

דער טאַטע מיינער זיצט איצט כּמעט שטענדיק אין דער מיל, וואָס שטייט זיבן ווערסט פון אונזער שטעטל. דריי טעג פאַר יום־טוב איז ער אַהיימגעקומען. ער איז עפּעס געווען שטאַרק אויפגערעגט. ער האָט געשריגן און געזידלט אויף אַלע זייטן, און ביי דער מינדסטער געלעגנהייט האָט ער זיך דע־נערווירט; מיך האָט עס שטאַרק געוואונדערט, ווייל דאָס איז נישט געלעגן אין זיין כאַראַקטער. מיך, דעם עלטסטן פון די קינדער, האָט ער זיך עפּעס ווי עקסטרע אויסגעקליבן, כּדי מיך אויף יעדן שריט צו פאַרפאָלגן און צו שרייען אויף מיר „ישיבה־בחור". ווען די מאַמע האָט אים געפּרוווט איינשטילן, האָט ער זי אַפילו איינמאָל אָפּגעשטופּט אַזוי ברוטאַל, אַז זי איז אַנידערגעפאַלן און געחלשט. ווען איך האָב דאָס דערזען, האָט זיך מיין גאַנצע פערצן־יאָריקע נשמה געבונטעוועט קעגן טאַטן. ביזן היינטיקן טאָג האָט דאָס דאָזיקע בילד איבערגע־לאָזט אין מיין זכרון אַ נישט פאַרגעסלעכן איינדרוק. וואָס אַן אמת, האָט דער טאַטע באַלד דערנאָך איבערגעבעטן די מאַמע, און די דאָזיקע הייליקע פרוי האָט אים מוחל געווען. איך אָבער האָב אים אין דער טיפעניש פון מיין נשמה קיינמאָל נישט מוחל געווען.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער ערשטער טאָג יום־טוב. אָנשטאָט אַ יום־טובדיקע שטימונג, איז די שטוב געווען פאַר־הילט אין אַן אָנגעשטרענגטער אַטמאָספערע. דער טאַטע איז מיט עפּעס געווען געוואַלטיק פאַרנומען. גאַנצע אַכט טעג איז ער אַרומגעגאַנגען ווי משוגע. אָן אויפהער האָט ער איבערגע־קוקט פאַרשידענע חשבונות און ביכער. די מאַמע האָט אויך עפּעס דאָרטן געהאַלטן אין איין רעכענען.

ענדלעך האָב איך זיך דערוווסט, וואָס עס איז געווען די סיבה פון דער אויפרעגונג: דער טאַטע איז געשטאַנען פאַר דער געפאַר פון אַ באַנקראָט; זיין ברודער, וואָס איז געווען

מיטן טאַטן פאַרבונדן געשעפטלעך, האָט זיך פולשטענדיק רוי־אינירט און איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. אַלס פועל־יוצא האָבן עטלעכע בעקערייען דערקלערט באַנקראָט. יעדער באַנקראָט האָט אָנגערירט דעם טאַטן מיט אַ פּאָר טויזנט רובל. דער עפּי־לאָג פון דעם אַלעם איז געווען דאָס, וואָס מען האָט אַרויס־געשטעלט אויף אַ ליציטאַציע דעם פעטערס ציגעלניע מיטן וואַלד און אַלע בנינים. נאָכן מאַכן אַלץ צו געלט האָט נאָך געפעלט 15 טויזנט רובל צו דעקן דעם פעטערס חובות. דער טאַטע האָט אַלזאָ אָנגעהויבן צו פאַרהאַנדלען מיט די בעלי־חובות. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען ביי אונז אין שטוב און עס האָט דערביי נישט געפעלט קיין סקאַנדאַלן.

זעענדיק דאָס, זענען אויך דעם טאַטנס בעלי־חובות גע־קומען צולויפן נאָך זייער געלט. איך געדענק, אַזוי ווי היינט, אָט דעם טרויעריקן טאָג. דאָס איז געווען שבת־צו־נאַכטס. די בעלי־חובות זענען געקומען מיט אַמאָל נאָך די חובות. אַלע שטובן זענען געווען פול מיט מענטשן. זיי האָבן געהאַט אָנ־פאַרטרויט דעם טאַטן זייערע אָפּגעשפּאָרטע געלטער אויף פּראָ־צענט, דען מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ ייד אַ גביר. איצט, ווען זיי האָבן דערהערט וועגן די באַנקראָטן, נישט אָריענ־טירנדיק זיך אַפילו אין דער לאַגע און נישט פרעגנדיק, צי דער טאַטע געהערט אויך צו דער גרופּע פון די געפאַלענע סוחרים, זענען זיי אַלע געקומען צו לויפן און געשריגן, מען זאָל זיי תיכף ומיד צוריקגעבן זייערע שווער פאַרהאָרעוועטע געלטער.

דעם טאַטן האָט מען נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, און ווער ווייסט, ווי דאָס וואָלט זיך געענדיקט, ווען עס וואָלט באַצייטנס נישט אָנגעקומען דער גלח כ.... אַן אַלטער מאַן, וואָס דאָס גאַנצע שטעטל, אַפילו יידן, האָבן אים זייער גע־שעצט; נישט געווען קיין שום וויכטיקע פאַסירונג אין שטעטל, וואָס ער זאָל זיך דערמיט נישט פאַרנעמען.

אַז מען האָט אים באַמערקט, זענען אַלע מיטאַמאָל שטיל געוואָרן און האָבן געווענדעט זייערע אויגן אין דער זייט פון אַריינגעקומענעם. נאָך דעם ווי דער גלח האָט זיך האַרציק

באַגריסט מיט די פאַרזאַמלטע, האָט ער זיך באַזונדער פאַר־שטענדיקט מיטן טאַטן. דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו די אַנוועזנדיקע און געזאָגט:

— מיינע הערן, באַדענקט אייך! די מורא, אַז איר זאָלט נישט פאַרלירן אייער געלט, האָט אייך אַזוי ווייט צעמישט, אַז איר ווייסט אַליין נישט, וואָס איר טוט. ה׳ פ... איז פולשטענ־דיק בכוח צו דעקן אַלע זיינע פאַרפליכטונגען יעדע מינוט. איר קאָנט אַלזאָ אַהיימגיין, און מאָנטאָג 6 אויף דער נאַכט זאָל יעדער, אויב ער וויל אַרויסציען זיין געלט, ברענגען די וועק־סלען, אָדער די קוויטעס, וועט ער קריגן זיין חוב מיט פראָצענט.

איינער דעם צווייטן האָט אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערטע בליקן, מיט אַ געוויסן מיסטרויען, צווייפלענדיק, צי עס וועט שוין נישט זיין צו שפעט. אַז דער פעטער — האָבן זיי גע־טראַכט — האָט באַנקראָטירט, מוז דאָס אייגענע אויך טרעפן דעם טאַטן. באַמערקנדיק דעם מיסטרויען, האָט דער קשיאָנדז נאָכאַמאָל זיי פאַרזיכערט, אַז יעדער וועט באַקומען זיין חוב און אַז ער נעמט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט דערפאַר. דאָס האָט זיי לעצטגילטיק באַרואיקט. איינער נאָכן צווייטן האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרלאָזן די שטוב. נאָך דעם פאַרפאַל זענען אין שטוב פאַרבליבן עטלעכע צעבראָכענע שטולן...

מאָנטאָג אין דער אָפּגערעדטער שעה האָט דער טאַטע אָנגעהויבן אויסצאָלן זיינע בעלי־חובות אַלע פאַרפליכטונגען. יעדער האָט באַקומען דאָס זייניקע ביז צו אַ גראָשן. דער גרעסטער טייל האָט געבעטן דעם טאַטן, ער זאָל צוריקנעמען דאָס געלט אויף פראָצענט; דער טאַטע האָט אָבער אַנטשידן אָפּגעזאָגט.

דערמאָנענדיק זיך גאַנץ אָפט די אומאָנגענעמע לאַגע פון טאַטן אין דעם דאָזיקן שבת, האָב איך מיר געשטעלט די פראַגע, צי דער דאָזיקער ערגווירדיקער זקן, וואָס האָט מציל געווען דעם טאַטן פון דער קלעם און פאַרהיט פון אַ גרויסן סקאַנדאַל, צי האָט ער אויך נישט געהאַט קיין נשמה, ווי דער קורצזיכ־

טיקער רב מיינער האָט דערקלערט. איך האָב שטאַרק גע־צווייפלט אין דער ריכטיקייט פון רבינס רייד.

גאַנץ אָפט האָב איך מיך אויף פאַרטראַכט וועגן דער דאָזיקער סתירה, וואָס פאַרביט יידן צו שליסן נענטערע פריינט־שאַפט מיט גויים, דאָך איז אין לעבן געווען אַנדערש: מען באַפריינדעט זיך מיט זיי און מען אַרבעט מיט זיי צוזאַמען. איך האָב עס געזען טאָג־טעגלעך. אין אונזער הויז האָבן פאַר־קערט שטענדיק קריסטלעכע געסט, דאָך זענען זיי געווען גערן געזען, ווייל פון זיי זענען געווען אָפהענגיק אונזערע געשעפטן.

וועגן נאָך איינעם אַזאַ מענטש מוז איך דאָ דערמאָנען; זיין איידלקייט האָט אויף מיר איבערגעלאָזן אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. דאָס איז געווען דער גראַף ק., אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ. אָט דער גראַף האָט ביי אונז אין שטעטל אָרגאַניזירט די פייערלעשער, פון וועלכע ער איז אַליין געווען דער קאָמענדאַנט.

זיין אַריינקומען צו אונז איז געוויינלעך געווען פאַר־בונדן מיט אַ געוויסער צערעמאָניע: ווען ער איז אָנגעקומען מיט זיין קאַרעטע, וואָס איז געווען געשפּאַנט אין פיר שיינע פערד, איז דער לאָקיי געשטאַנען פאַרן גאַנעק, און דער גראַף, נישט אַראָפּשטייגנדיק, האָט מיט אַ געהויבענער שטימע אָנגע־רופן דעם טאַטנס נאָמען און דעם נאָמען אַפילו אויסגעזונגען אַזוי לאַנג מיט אַ ניגון, ביז עמיצער האָט נישט דערהערט. דאַן האָט דער טאַטע מיט דער מאַמען געאיילט צו דער טיר, באַגריסנדיק אים אומגעפער מיט די דאָזיקע ווערטער: „דער נידעריקסטער דינער פון הויכגעשטעלטן פאַן כראַביע”, און זיי האָבן דאָס איבער־געחזרט ביים עפענען די טירן פון די פיל צימערן, פירנדיק אים אין סאַלאָן אַריין. דער כראַביע האָט געשפּאַנט מיט פאַמע־לעכע טריט, ביז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן פאָטעל, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט. בעתן געשפרעך פלעגט ער זיך וויצ־לען, שיטנדיק מיט פעטע אויסלענדישע וויצן, וואָס זענען אָפט דורך די צוהערער נישט פאַרשטאַנען געוואָרן.

די דאָזיקע באַזוכן זענען געווען גאַנץ אָפטע, דען דער כראַביע האָט פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון יאָר אין מאָנטע־

קאַרלאָ. ער איז אַלזאָ געצוווּנגען געווען צו אונז גאַנץ אָפט אַריינצוקומען. זיין וויזיט ביי אונז האָט לענגער נישט גע־דויערט, ווי 20 מינוט. די דאַזיקע צייט האָט ער רעגולירט דורך אָוועקלייגן דעם גאָלדענעם זייגער אויפן טיש. ער איז געווען זייער פּינקטלעך. זיין פּינקטלעכקייט האָט אָפטמאָל פאַר־שאַפט דעם טאַטן עגמת־נפש. דאָס איז פאָרגעקומען דעמאָלט, ווען דער גראַף האָט געדאַרפט גרעסערע סומען אויף אַ באַ־שטימטן טערמין.

אויך דער יום־טוב איז שוין אַוועק. דער פרילינג האָט זיך געשטעלט וווּנדערשיין. אַלע זענען נאָך געווען אונטערן איינדרוק פון דעם ערשט מיטגעמאַכטן יום־טוב. די אָרעמעלייט האָבן אויפגעגעסן די רעשטלעך מצה, און די גבירים זענען געלאָפן צום דענטיסט, צו היילן זיך די ציין; דאָס איז געווען אַ געצוווּנגענע קוראַציע נאָך די מצות, וועלכע זיי האָבן אַכט טעג געגעסן.

אין אַ געוויסן טאָג פאַרנאַכט האָט זיך די מאַמע ווידער גענומען צו מיר. איך האָב געמוזט ווייזן דעם גאָלדענעם צען־רובל־שטיק, וואָס איך האָב פון איר באַקומען. באַטראַכטנדיק די דאַטע פון יאָר, האָט זי מיר אים צוריקגעגעבן, זי האָט מיר נאָך צוגעגעבן אַ רובל פאַרן אייגענעם געברויך, דערביי האָט זי מיר מודיע געווען, אַז דאָס מאָל וועט זי אַליין מיט מיר פאָרן קיין ל. און זי וועט זען, ווו זי האָט מיך איינצוקוואַרטירן. דערביי איז דער אָפּפאָר געוואָרן באַשטימט אויף צומאָרגנס.

איך האָב געפּרווּט דעליקאַט צו דערמאָנען, אַז כ'וואָלט געוואָלט ווייטער בלייבן אויף דער אייגענער קוואַרטיר. נאָר די מאַמע האָט פאַרשנדיק געקוקט אויף מיר און באַטאָנט, אַז איידער זי וועט באַשליסן, מוז זי פריער רעדן מיט מיין גע־וועזענער אַפּוטראָפּוסטע; איצט ווייסט זי גאָרנישט. זי האָט מיר דערביי פאַרזיכערט, אַז כ'קאָן זיין רויִק, כ'וועל קריגן אַ גוטע סטאַנציע.

קאַפּיטל צוועלף

צום צווייטן מאָל קומען פאַר אין אונזער הויז די הכנות צו מיין נסיעה. פון פאַרשידענע מקורבים פון אונזער שטוב האָב איך ווידער אויסגעהערט מוסר־רייד. נאָר שוין מיט ווייניקער ברען האָט די אייגענע דינסט פאַר מיר געבראַכט די נוטע מאכלים; דאָס מאָל האָט די מאַמע זי געמוזט דערמאָנען, וואָס זי האָט צוצוגרייטן; דאַכט זיך מיר, אַז זי האָט דאַן די ערשטע געצווייפלט אין מיין רבנישן שטערן. אָט די ערלעכע פרוי איז געווען די איינציקע אָנהענגערין פון מיין מאַמען און זי האָט תמיד צוגעבאָמקעט צו אירע רייד. צי האָט זי מיך דערקענט דורך און דורך און געוווסט, אַז פון דער מאַמעס פּלענער וועט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם?...

אין טאָג פון דער אָפּרייזע איז דער פרילינג שוין געשטאַנען אין גאַנצן גלאַנץ און האָט פאַרשפּרייט אַ פּרעכטיק בילד. די וועלדער האָבן געשמעקט מיט פרישקייט, און איך האָב צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען אַן אמתע וואַלד־חיה, ווי זי איז געשיקט אַרומגעשפּרונגען פון איין בוים אויפן צווייטן. די מאַמע האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס איז אַ וויעוויאָרקע, וואָס עס איז מיר איבעריקנס געווען גלייכגילטיק. איך וואָלט מיך אַפילו נישט איבערגענומען מיטן נאָמען פון אַ לייב, ווייל איך האָב נישט געוווסט נישט פון ערשטן און נישט פון צווייטן; אין חדר און אין דער ישיבה, וווהין איך האָב איצט צוריקגעקערט, רעדט מען נישט וועגן אַזעלכע „שטותים".

די צווייטע נסיעה מיינע, שוין אין דער געזעלשאַפט פון דער מאַמען, האָט מיך ווייניקער באַגייסטערט. עפּעס בין איך געווען גלייכגילטיק צו דער סביבה. די וועלט האָט זיך מיר דאָס מאָל אויסגעוויזן ווייניקער אַנטציקנד. די גאַנצע צייט בין איך געווען פאַרנומען מיט איין געדאַנק און איך האָב געפּרוווט טרעפן, צי די מאַמע האָט באַשלאָסן מיך ווידער איבערצוגעבן אונטער דער אויפזיכט פון איר חברטע. איך האָב געפילט, אַז זי וועט דאָס נישט טאָן. די פּרוון פון דער מאַ־

מען צו פאַרפירן מיט מיר אַ געשפרעך אַרום דעם ענין האָבן צו גאָרנישט געבראַכט. אַזוי זענען מיר אַ גאַנצן וועג געפאָרן, נישט רעדנדיק כמעט צווישן זיך אַ וואָרט.

עס איז שוין געווען נאָך מיטאָג, ווען מיר זענען געקומען קיין ל. מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן אין אַן אַכסניה. נאָך דעם ווי די מאַמע האָט זיך באַגריסט מיט דער דיקער באַלעבאָסטע פון דער אַכסניה, זענען מיר גלייך אַוועק צו מיין פריערדיקער סטאַנציע. די חברטע האָט זיך געוואָרפן אויף מיין מאַמען מיט אָפענע אָרעמס, און דערנאָך האָט זי זי געקושט אַזוי האַרציק, אַז די מאַמע האָט זיך קוים באַפרייט פון אירע שטאַרקע אָרעמס. נאָך דער דאָזיקער באַגריסונג האָט זי געכאַפט אַ קוק אויף מיר, ווי זי וואָלט מיך ערשט איצט דערזען, און דערלאַנגענדיק מיר די האַנט, וואָס איך האָב קווענקלענדיק אָנגענומען, האָט זי מיך געפרעגט: „און וואָס איז מיט דיר?... פע!" — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ געלעכטערל — „אַוועקוואַרפן ס'לערנען און קראַנק זיין, איז נישט שיין. ווער עס וויל זיך לערנען, פטרט נישט קיין צייט מיט קיין קראַנקהייטן". דאָס זאָגנדיק, האָט זי זיך הויך צעלאַכט. די מאַמע האָט פון אונז נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. די באַלעבאָסטע האָט אונז פאַרבעטן אין דער צווייטער שטוב אַריין און האָט זיך אַזוי פיל אויסגעפרעגט, אַז די מאַמע האָט נישט געקאָנט קומען צום וואָרט. שפּעטער אַביסל איז אַריינגעקומען דער אַלטיטשקער; זיין פרוי האָט אים פאָרגעשטעלט דער מאַמען. דער אַלטער, ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך פאַרכמורעט, און דערנאָך האָט ער געפרעגט די מאַמע, צי זי האָט בדעה מיך איבערצולאָזן אויף דער סטאַנציע, און ווען די מאַמע האָט געענטפערט, אַז זי וויל רעגולירן די חשבונות און צונעמען מיינע זאַכן, האָט זיך זיין פנים אויגנבליקלעך אויסגעלייטערט. די אפּוטרופּוסטע דאַקעגן, הערנדיק דאָס, האָט זיך צעברוגזט און, נישט שעמענדיק זיך פאַר אונז, האָט זי זיך אָנגעהויבן אַרומרייסן מיטן מאַן וועגן עפּעס אויסינגלעך.

דער ווייטערדיקער געשפּרעך פון די חברטעס אויף פּיר אויגן האָט געמוזט זיין זייער אַ שאַרפער, דען ווען די מאַמע איז אַרויס פון צימער, ווו זי איז אַריין אויפן פּאַרטרוילעכן געשפּרעך, האָט זי מיך אַ כאַפּ געגעבן פאַר דער האַנט און געגעבן אַזאַ שטאַרקן שלעפּ מיט זיך, אַז איך האָב מיך דערשראָקן. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וויל מיך שיצן פון שלעכטס; די אַפּוטרופּוסטע דאַקעגן האָט אַ וואָרף געגעבן אויף מיר אַזאַ פיל זאָגנדיקן בליק, אַז איך האָב מיך געוואָקלט, צי זאָל איך גיין מיט דער מאַמען, צי זאָל איך מיך בעסער וואַרפן צו אירע פיס. זי איז געווען אין דער מינוט טייוולאָ־ניש שיין.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזן די וווינונג, האָט דער אַלטיטש־קער מיר נאָכגעוואָרפן אַ קללה.

ביז היינט איז פאַר מיר פאַרבליבן אַ סוד, וואָס עס האָבן גערעדט צווישן זיך די חברטעס, נאָר פון דער מינוט האָב איך באַמערקט, אַז די מאַמע איז געוואָרן צו מיר עפּעס אַן אַנדערע... פון דעמאָלט אָן האָט זי מיט מיר נישט גע־רעדט אַזוי האַרציק און זי האָט מיך נישט געפּיעשטשעט מיט די קושן ביים געזעגענען זיך, אַזוי ווי פריער.

אין דער ישיבה בין איך אָנגעקומען אין דער זעלבער כיתה. ביים אַוועקפאָרן האָט די מאַמע מנדב געווען דריי זעק מעל פאַר „מענטשן אָן אַ טאָג״. איך האָב געוווינט אין דער אַכסניא, אין וועלכער עס האָט זיך געוויינלעך אויפגעהאַלטן מיין משפּחה, ווען זי איז געקומען קיין ל. אין דער וואָכנס האָב איך געגעסן ביי אַ געוויסן בעקער, וועמען דער טאַטע האָט צוגעשטעלט מעל, און שבת—ביי איינעם פון טאַטנס ידידים.

דאָס צימער, אין וועלכן איך האָב געוווינט, איז געווען אַ שיינס, אָבער אַן אומהיימלעכס; אָפטמאָל האָב איך פּשוט מורא געהאַט איינצושלאָפן.

יעדן זונטאָג פלעגט דער טאַטע, ווי געוויינלעך, קומען צו פאָרן און געבראַכט מיר פאַרשידענע גוטע זאַכן. זינט אַ געוויסע צייט האָב איך באַמערקט, ווי דער טאַטע איז שטאַרק

פאַרביטערט. איך האָב אים געפרעגט, וואָס איז די מעשה. דער ענטפער, וואָס ער האָט מיר געגעבן, איז געווען פאַר מיר זייער אַ שמערצלעכער: די מאַמע פאָרט קיין אויסלאַנד זיך קורירן; זי האָט זיך שלעכט געפילט. איך האָב געבעטן דעם טאַטן, ער זאָל מיר דערלויבן אַהיימצופאָרן זען די מאַמען, נאָר דער טאַטע האָט זיך קעגן דעם אַנטשידן אַנטקעגנגעשטעלט, פאַרזיכערנדיק מיר, אַז די מאַמע וועט פאָרן אַוועקפאָרן זיין ביי מיר, ווייל אַזוי צי אַזוי מוז זי דורך דאַנען דורכפאָרן.

גיך האָב איך געהאַט ביי מיר די מאַמען. זי איז געקומען צו מיר זיך געזעגענען. זי האָט געוויינט אָן אויפהער. איך האָב זי באַשיט מיט קושן און מבטיח געווען זיך צו לערנען מיט התמדה. זי האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ווער ווייסט, צי זי וועט דערלעבן דעם טאָג, ווען איך וועל ווערן אַ רב. זי האָט אַפילו צוגעגעבן, אַז דאָס וועט זי זיכער נישט דערלעבן. איך האָב שטאַרק געוויינט און געשוואָרן, אַז איך וועל זיך באַמיען צו פאַרזיסן איר לעבן. זי האָט צו מיר פון אויסלאַנד אָפט געשריבן.

פון דעמאָלט אָן זענען אַוועק צוויי חדשים. די מאַמע האָט אין אירע בריוו פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל שרייבן וועגן זיך וואָס מער. איך האָב איר נאָכגעגעבן.

אין דער ישיבה בין איך שוין געווען אַזוי איינגעלעבט, ווי ביי זיך אין דער היים. איך האָב געהאַט חברים, נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב געהאַט געלט. אַמשטאַרקסטן האָב איך מיך געגרויסט מיט מיין זייגערל. אַ געלעגנהייט האָב איך געהאַט דערצו, ווייל יעדע מינוט האָבן מיר די חברים געפרעגט, ווי שפעט ס'איז.

צווישן די חברים האָב איך געהאַט איינעם פון דער דריטער כיתה, אַ פאַבריקאַנטס אַ זון פון לאָדז. ער איז געווען מיט דריי יאָר עלטער פון מיר, און עס זענען וועגן אים אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז ער שפּאַצירט מיט מיידלעך און ראַזירט זיך די באָרד. איך האָב, וואָס אַן אמת, נישט געגלויבט די בילבולים, וואָס מען האָט אויף אים געוואָרפן. נאָר

ווי גרויס איז געווען מיין פאַרוווּנדערונג, ווען אויף דער פראַ־גע, צי עס איז אמת, וואָס מען רעדט אויף אים, האָב איך באַקומען פון אים אַ תשובה, אַז עס איז אמת, נאָך מער — ער האָט זיך פאַר מיר מודה געווען, אַז נישט בלויז ער טוט עס אַליין, נאָר ער ראַזירט אויך אַנדערע. נאָך דער דערקלערונג האָט ער נישט פאַרגעסן מיך אויספּירלעך צו באַקענען מיט דעם ענין, וואָס איז לויטן יידישן דת אַזוי שטרענג פאַרבאָטן.

אַ געוויסן פרייטאָג האָט ער מיך אַרויפגעפירט אויפן סאַ־מע בוידעם פון דער ישיבה, ווו עס זענען שוין געזעסן אַכט ישיבה־בחורים פון דער דריטער און דער פערטער כיתה. נאָכן פאַרריגלען די טיר, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן ראַזירן איינער נאָכן אַנדערן, בעטנדיק מיך, איך זאָל זיי איינזייפן, ווייל אַליין האָב איך מיך נישט געהאַט בדעה צו ראַזירן.

לכתחילה האָב איך זיי געפרווּוט דערמאָנען, אַז עס איז אַ שרעקלעכע עבירה זיך צו ראַזירן, אָבער זיי האָבן מיר אויסגעלאַכט, און אויף מיין חבר, וועלכער איז געווען דער הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר פון דער רעזורע, האָבן זיך געשיט טענות, פאַר וואָס ער דערציילט אַזעלכע זאַכן פאַר אַזאַ שוטה, ווי איך בין. איך קאָן עס נאָך אויספּלוידערן. נאָר דער לאָדזער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז ער קען מיך און עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן; איבעריקנס, איז ער בטוח, אַז בקרוב וועל איך מיך אַליין אויך ראַזירן, וואָס איך האָב קאַטעגאָריש אָפּ־געלייקנט.

די זאַך איז צוגעגאַנגען געגנוג לאַנג. יעדן פרייטאָג זע־נען די חברה־לייט רוישלאָז געקראָכן איבער די טרעפּ, ביז אויפן סאַמע בוידעם. דאָרט האָט זיך געפונען אַ צימער, באַ־שטימט אויף אַלטע ספרים. מען האָט עס געעפנט מיט דער הילף פון אַ נאָכגעמאַכטן שליסל. קיינעם האָט מען דאָרט נישט אַריינגעלאָזן אָן אַ פּאַראָל, און אַ פּאַראָל איז יעדן פרייטאָג געווען אַן אַנדערער. ראַזירן האָבן זיי זיך אָנגעהויבן ערשט דעמאָלט, ווען אַלע זענען שוין געווען פאַרזאַמלט. אָט דאָס צימער האָט געדינט נישט בלויז פאַר אַ ראַזירעריי, נאָר מען

האָט דאָרט אויך געוויכערט פּאַפּיראָסן. מען האָט דאָרט אַפילו געשפּילט אין קאָרטן. די עלטערע האָבן דערביי געשמועסט וועגן פרויען, ברענגענדיק ראיות פון דער גמרא, אַז דער תּענוג, וואָס אַ פרוי גיט אַ מאַנספּאַרשוין, איז געגליכן צו די תּענוגים פון גן־עדן.

זיי האָבן פון מיר חוזק געמאַכט, ווייל איך בין געווען דער יינגסטער און איך האָב מיך גערויטלט, הערנדיק דעם ניבול־פה. זיי האָבן נישט געוווסט, אַז איך ווער רויט פאַר חרפּה, ווען איך דערמאָן זיך מיין איינשטיין אויף דער ערשטער סטאַנציע. אין האַרצן האָב איך מיך אויסגעלאַכט פון זיי, וואָס זיי רעדן פון אַזעלכע זאַכן, פון וועלכע זיי האָבן נישט קיין השגה, און דעריבער פאַנטאַזירן זיי בלויז — מער נישט.

אָפט האָט זיך איינער פאַרן צווייטן אויסגערעדט ס׳האַרץ. אַז מען שדכנט אים אַ שיין מיידל — וועגן אַ מיאוסע האָט קיינער נישט דערמאָנט — און אַז ער האָט זי אַפילו געזען אָן איר וויסן, נאָר זי האָט ווייניק נדן. איין בחור האָט געטענהט, אַז ווען ער וואָלט באמת ליב געקריגן אַ מיידל, וואָלט ער אַפילו חתונה געהאַט אָן נדן; נאָר אַלע האָבן אים באַלד אויסגעלאַכט.

איינער פון די בחורים האָט שוין געשריבן ליבעס־לידער און ער האָט זיי געלייענט פאַר אונז בסוד. ווען ער האָט אויס־געטייטשט דעם זין פון ליבע, האָט ער זיך אַזוי צעקאָכט, אַז מיר האָבן אים געמוזט באַרואיקן, מורא האָבנדיק, עס זאָל אונז עמיצער נישט אונטערהערן. ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיי־נונג, אַז נישט בלויז שיינע און צניעותדיקע קאָן מען ליבן, נאָר אַפילו מיאוסע און אויסגעלאַסענע. איין בחור האָט גע־שוואָרן, אַז ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען אין וואַרשע אַ זונה און אַז זי האָט אים אַפילו פאַרבעטן צו זיך אין שטוב אַריין. — „שיין איז זי געווען, — האָט ער דערציילט, — און דער יצר־הרע האָט מיך אַזוי באַוועלטיקט, אַז איך בין שוין גרייט געווען צו גיין מיט איר, אָבער פּלוצלונג איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן די מאַמע, וואָס איז פאַראַיאָרן גע־

שטאַרבן, און איך האָב געמוזט אַנטלויפן מיטן גאַנצן כוח, איך זאָל נישט באַזיגט ווערן דורך דער תאווה".

צו דער דאָזיקער דערציילונג האָבן מיר זיך צוגעהערט מיט מיסטרויען; עס איז אים אָבער צו הילף געקומען אונזער פּאָעט און אויפגעוויזן, אַז דער אויבערשטער גיט אין דער שלעכטער מינוט עפּעס אַ צייכן, כדי אָפּצוהיטן דעם מענטש פון שלעכטס. וועגן אַזאַ פאַל ווערט אַפילו געבראַכט אין דער גמרא. מיר זענען אים אַלע באַפאַלן, ער זאָל אונז דערציילן די מעשה, ער האָט גערן מסכים געווען, ווייל נישט שטענדיק האָבן מיר אים געוואָלט אויסהערן.

— עס האָט אַמאָל געלעבט אַ מאַן, וואָס איז געווען שטענדיק נזהר אין טראָגן ציצית. ער האָט דערהערט, אַז אין איינעם פון די לענדער, וואָס געפינען זיך מעבר לים, וווינט אַ פּרויענצימער, וואָס גיט זיך אָפּ פאַר 400 גאָלדשטיקלעך, צו צאָלן פריער־אויס. האָט ער איר אַוועקגעשיקט דעם באַשטימטן סכום, באַשטימענדיק דעם טאָג פון זיין קומען. ווען ער איז געשטאַנען פאַר איר טיר, האָט די דינערין געמעלדעט איר באַפעלערין. האָט זי געהייסן, מען זאָל אים תיכף אַריינפירן. און אַז ער איז אַריין, האָט ער דערזען זיבן בעטן, איינס איבערן צווייטן: זעקס פון זילבער, וואָס זענען געווען פאַרבונדן צווישן זיך מיט אַ זילבערן לייטערל, און איין בעט אַ גאָלדנס, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט יענע בעטן מיט אַ גאָלדן לייטערל. די פרוי איז אַרויף אויפן אויבערשטן בעט און אויסטועגדיק זיך, האָט זי דערוואַרט דעם גאַסט. דער גאַסט האָט אָנגעהויבן קריכן אויף דעם לייטער; דאָ האָבן אים זיינע ציצית אַ שמיץ געטאָן אין פּנים. איז ער גיך אַראָפּ און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. זעענדיק דאָס, האָט זי אויסגערופן: איך שווער דיר, אַז פריער וועל איך דיך נישט אָפּלאָזן, ביז דו וועסט נישט זאָגן, וואָס פאַר אַ חסרון האָסטו דערזען ביי מיר".

דערויף האָט ער געענטפערט:

— איך שווער דיר, אַז אַזאַ שיינע פרוי ווי דו האָב איך אין לעבן נישט געזען. נאָר מען האָט אונז געגעבן אַ

מצווה, וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געהייסן אָפּהיטן, און זי הייסט „ציצית". ביי אָט דער מצווה האָט אונז דער אויבערשטער געזאָגט דריי מאָל: „איך בין אייער גאָט, — איך בין דער, וואָס וועט שפּעטער פאָדערן אַ דין־וחשבון, — איך וועל געבן שכר פאַר מעשׂים־טובים און פאַר די מעשׂים־רעים וועל איך באַשטראָפן".

הערנדיק דאָס, האָט די פרוי געזאָגט:

— איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, ביז דו וועסט נישט זאָגן, פון וואַנען דו שטאַמסט, ווי דו הייסט, ווי ס'הייסט דיין רבי און די ישיבה, אין וועלכער דו לערנסט.

ער האָט איר אַלץ אויפגעשריבן און זי באַלד פאַרלאָזט.

נאָך דער מעשׂה האָט אָט די פרוי צעטיילט איר גאַנץ פאַרמעגן אויף דריי חלקים: איין חלק האָט זי אַוועקגעשענקט דער מלוכה, דעם צווייטן האָט זי פאַרטיילט אָרעמעלייט, און דאָס איבעריקע האָט זי מיטגענומען מיט זיך, חוץ די זיבן בעטן, און זי איז אַוועק אין דער אָנגעוויזענער ישיבה צו דעם תּנא:

— רבי חייא! — האָט זי געזאָגט.—באַפעל און איך וועל אָננעמען דיין גלויבן.

האָט דער תּנא געזאָגט:

— מיין טאָכטער, אפשר איז דיר געפעלן געוואָרן עמיצער פון מיינע תּלמידים?

זי האָט אים דערלאַנגט די שריפט און דער תּנא האָט געזאָגט:

— גיי, נעם, וואָס דו האָסט דיר געקויפט. אויף דעם אייגענעם בעט, אויף וועלכן איר האָט געזאָלט שלאָפן באיסור, וועט איר איצט שלאָפן מיט מיין היתּר. דאָס איז דער שכר פאַר מעשׂים־טובים, דער שכר אויף דער וועלט, און אויף יענער וועלט, ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ שכר ס'איז דאָ? —

נאָכן ענדיקן די מעשׂה האָט אונזער דיכטער מוסיף געווען זיין אייגענעם פּירוש, אַז אָט דעם מענטש האָט דער אויבערשטער מציל געווען אין דער לעצטער רגע, און פאַר

מקיים זיין די מצוות האָט ער אים געגעבן די פרוי פאַר אַ ווייב; ער האָט זיך פאַרטראַכט און צוגעגעבן:

— צי איז נישט גלייכער חתונה צו האָבן און אָן אַן עבירה האָבן דאָס, וואָס ס'איז דער העכסטער תּענוג אויף דער וועלט?

קאַפּיטל דרייצן

מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן אָפּצוקילן זיך פון דעם שטאַרקן רושם, וואָס די דערציילונג האָט אויף אונז געמאַכט, ווי ס'האָט עמיצער אָנגעקלאַפּט אין טיר. עס איז געוואָרן, ווי אויפן ווונק, טויט-שטיל. מען האָט אָנגעקלאַפּט נאָך אַמאָל. קיינער פון אונז האָט זיך אָבער נישט אָנגערופן. שלעכט, וואָס טוט מען? אין מיטן דערינען, אַ שרעקלעך! עמיצער מאַכט אויף מיט אַ שליסל די טיר! עס איז אונז באַפאַלן אַן אומבאַשרייב-לעכער פּחד. די באַווייזן פון אונזערע עבירות, ווי גאָל-מעסערס, שיסעלעך מיט זייף, עטלעכע טריף-פּסולע ספרים א. א. וו., האָבן מיר געהאַט ביי זיך. מיר האָבן אַריינגעקלערט דערין, ווער קאָן דאָס זיין.

עס איז געווען אַ פיינלעכע ווילע. און אָט האָט זיך אין דער טיר באַוויזן דער שמש, אַזוי גרויס ווי ער איז, שמייכ-לענדיק ממזריש און צווונקענדיק בשעת-מעשה מיט דעם גע-זונטן אויג.

— נו, וואָס הערט זיך? איר האָט אייך פיין אָפּראַזירט. איך מוז גיין צום ראש-ישיבה, זאָל ער כאָטש וויסן, וועמען ער האָט...

און ער האָט שוין געוואָלט צוריקגיין. דאָ האָט דער הויפּט-אָרגאַניזאַטאָר פון דער גאַנצער אונטערנעמונג, ד. ה. מיין חבר, אים געגעבן אַ כאַפּ-אָן ביים קאָלנער, און צולייגנדיק די פויסט צו דער נאָז, האָט ער אים אָפּגעזאָגט אַ פּסוק מיט אַ שטעקן:

— הער, אויב דו ווערסט פאַר עמיצן געבן אַ פּיפּס כאַטש איין וואָרט, וועל איך דיר אויסגראַטשען דאָס צווייטע אויג!

אַלע זענען פאַרציטערט געוואָרן, זעענדיק, וואָס פאַר אַ געשטאַלט די זאַך נעמט אָן. דער שמש איז בלאַס געוואָרן ווי אַ מת, דען ער האָט אים אַזוי פעסט אָנגענומען פאַר די קלאַפּעס, אַז ער איז שיעור נישט דערוואָרגן געוואָרן.

געענדיקט האָט זיך דערמיט, וואָס יעדער פון אונז — און געווען איז דאָס דאָס אויבערשטע פון שטויסל, וואָס די ישיבה האָט פאַרמאָגט—האָט אים אַריינגערוקט צו 50 קאָפּיקעס, און דערפאַר האָט ער געדאַרפט האַלטן ס׳מויל. חוץ דעם האָט ער זיך געמוזט רעכענען דערמיט, אַז צום מייסטן האָט ער געלייזט פון אונז פאַר די פּאַטראַוועס, וואָס זיין ווייב און טאָכטער האָבן אונז יעדן טאָג פאַרקויפט אויף אָנבייסן. ער האָט אונז אַלזאָ צוגעזאָגט.

נאָך דעם ווי מען האָט אונז געכאַפּט ביי דער האַנט, האָבן מיר זיך אויסגעזוכט אַן אַנדער אָרט, וווּ מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען. דאָס אָרט איז געווען שוין ווייט אויסער די מויערן פון דער ישיבה. דאָרטן האָבן מיר שוין דערפאַר אָן שום מורא געטאָן כּלערליי זאַכן, וואָס זענען אָסור על־פּי־דין און וואָס זענען קעגן די תּקנות פון דער ישיבה.

דאָס מאָל איז מיר דאָס לעבן אין דער ישיבה אַוועק נישט שלעכט.

איך האָב געהאַט לוסטיקע חברים. אין זייער חבֿרותא בין איך גאַנץ אָפּט בסוד־סודות אַוועק יעדן שבת־צונאַכטס צום טערק אויף קאַווע מיט טשאַסטעס. אָפּגעבנדיק זיך נישט איין מאָל אַ דין־וחשבון איבער די דאָזיקע חטאים, האָב איך מיר יעדעס מאָל געמאַכט פאָרווורפן, אַז ווערלנדיק זיין אַ רב, קאָן מען זיך אַזוי נישט פירן. — אָבער וואָס קומט אַרויס? — כ׳בין דאָך נאָר געווען אַ זינדיקער מענטש, נישט מער.

איינמאָל, שבת־צונאַכטס, ווען איך בין אַוועק אין פּאַרק שפּאַצירן, האָב איך דערזען, אַז ביים קינאָ שטייען אַ סך מענטשן. האָב איך מיך אויך אַוועקגעשטעלט. לייענענדיק דעם אַפיש, האָב

איך בשום־אופן נישט געקאָנט תופס זיין, וואָס מען שפּילט, אָבער דערפאַר האָבן מיך גענומען די בילדלעך און פאָטאָגראַפיעס. אַרומקוקנדיק זיך אַזוי איבער אַלע זייטן, צי קיינער פון מיינע באַקאַנטע זעט מיך נישט, האָב איך מיך געגעבן אַ גליטש אַריין אין דער מיט און כ'האָב זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער קאַסע.

אומגעדולדיק האָב איך געוואַרט אויף אַ בילעט און געטראַכט, אַז אויב עמיצער פון מיינע באַקאַנטע וואָלט מיך געפּאַקט, וואָלט איך געהאַט אַ שיין פּנים. ענדלעך האָב איך געקריגן אַ בילעט און איך בין אַריין אין וואַרטע־זאַל. און דאָס, וואָס איך האָב דערזען, האָט מיך אומגעהייער פאַרוואונדערט. איך האָב נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויגן. איך האָב אַזש אַראָפּגענומען די ברילן, נאָר מיין ראיה האָט מיך נישט גענאַרט: אָט האָב איך דערזען די טאָכטער פון ראש־ישיבה אין דער געזעלשאַפט פון מיין חבר!... דעם אייגענעם טאָקע, וואָס האָט אונז ראַזירט. ווען זיי האָבן מיך דערזען, זענען זיי צוגעקומען און זיך באַגריסט. די באַגריסונג איז אָבער געווען אַזאַ, ווי מיר וואָלטן זיך געטראָפן אין גיהנום, גלויבנדיק, אַז בעתן לעבן זענען מיר געווען די גרעסטע צדיקים. נאָכן אָפּרעדן זיך, האָבן מיר איינעם דעם אַנדערן צוגעזאָגט, אַז פאַר אונזער ביידנס טובה וועגן מוזן מיר אונזער באַגעגעניש האַלטן בסוד.

אַ פאַרשעמטער בין איך בעתן סעאַנס געזעסן אין שכנות פון ראש־ישיבהס שיינער טאָכטער. זי האָט געשטיפט די גאַנצע צייט, שטויסנדיק איר חבר, ווי אמתער קוועקזילבער. זי האָט זיך אַפילו געלאָזט אַ קוש געבן, ווען ס'איז געוואָרן פינסטער. דאָס קושן זיך האָט מיך שטאַרק צערייצט און איך האָב נישט געוווסט, ווו איך האָב צו קוקן, צי אויפן עקראַן, צי אויף דעם זיך קושנדיקן פּאָרל.

אָט די חברטע פון ערשטן סעאַנס האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט אַן אמתן רב און היינט איז זי אַ רביצין. וואָס

מיין חבר האָט מיר נאָך דערציילט בסוד וועגן איר, דאָס וועל איך שוין קיינעם נישט מגלה זיין...

טראָץ אַלע מיינע קינדערשע שפּיצלעך בין איך אין לערנען פונדעסטוועגן געווען אַ גרויסער מתמיד און דער ראש־ישיבה האָט מיר מבטיח געווען, אַז נאָכן „זמן" וועט ער מיך אַריבערפירן אין דער צווייטער כיתּה אַריין. איך האָב נישט פאַרזאַמט דאָס מודיע צו זיין דער מאַמען, איך האָב געוווּסט, אַז פאַר איר איז נישטאָ קיין גרעסערע שמחה, ווי מיין שטייגן אין לערנען. זי איז נאָך אַלץ געווען אין אויסלאַנד. זי האָט צו מיר געשריבן כמעט טאָג־טעגלעך און אַהיים קוים איין מאָל אַ וואָך. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען דער טאַטע פלעגט קומען זונטאָג, פלעגט ער מיך פרעגן, וואָס מען הערט ביי דער מאַמען; ער האָט זיך דערביי באַקלאָגט, אַז צו אים שרייבט זי נישט. אין דער ישיבה איז דאָס לעבן געשוווּמען שטיל־רואיק. מען האָט קיינעם נישט געשלאָגן פאַר חטאים. אויב אַ ישיבה־בחור האָט זיך פאַרזינדיקט, פלעגט מען אים פאָרשטעלן בלויז פאַרן ראש־ישיבה און ער האָט געקאָנט אַזוי רעדן צו דער נשמה, אַז דער פאַרביסנסטער חוטא האָט געמוזט תּשובה טאָן, אין וואָס איך האָב מיך באַלד טאַקע אַליין איבערצייגט.

קאַפּיטל פערצן

איינמאָל שבת נאָך מלווה־מלכּה בין איך, ווי געוויינלעך, געגאַנגען שפּאַצירן, אָבער דאָס מאָל נישט אַליין, נאָר אין דער געזעלשאַפט פון אַ 15־יעריק מיידל. דאָס איז געווען די טאָכ־טער פון דעם בעקער, וווּ איך האָב געגעסן. מען דאַרף וויסן, אַז זינט אַ געוויסער צייט האָט זיך צווישן אונז פאַרבונדן אַ שטיקל סימפּאַטיע. גורם געווען דערצו האָט די וואַרעמע באַ־האַנדלונג, וואָס איך האָב געהאַט ביי זיי אין שטוב, ווו איך

בין אויפגענומען געוואָרן ווי אַן אייגן קינד. די אָפטע שמועסן אין שטוב האָבן אונז נישט צופרידנגעשטעלט; האָבן מיר זיך אָפּגערעדט, אַז יעדן שבת נאָך מלווה־מלכה וועט זי מיך אָפּ־וואַרטן אויף אַ באַשטימט אָרט, דען, ווי איך האָב שוין דער־ציילט, האָב איך שבת געגעסן ביים טאַטנס אַ ידיד, וואָס איז גלייכצייטיק געווען זיין שותף. אונזערע שפּאַצירגענג האָבן מיר געמאַכט אויף נישט באַלויכטענע גאַסן. מיר האָבן אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט מענטשן. צוויי סיבות האָבן געבראַכט דערצו: איך, אַלס ישיבה־בחור, האָב נישט געטאָרט נישט בלויז נישט שפּאַצירן מיט מיידלעך, נאָר אַפילו קוקן אויף זיי, און זי האָט מורא געהאַט, די עלטערן זאָלן זיך נישט דערוויסן, אַז עס ציט זי אַזוי פרי צו יינגלעך.

איר געזעלשאַפט איז געווען פאַר מיר אַ געפערלעך שפּילעכל. אויף די דאָזיקע שפּאַצירגענג האָט אונז תמיד עמיצער געטראָפן און צווישן אַנדערע האָט אונז אַפילו דער־זען דער שמש, כאָטש ער איז געווען בלינד אויף איין אויג. קענענדיק מיין חברטע, האָט ער נישט פאַרגעסן צו דערציילן וועגן דער באַגעגעניש איר טאַטן, און שפּעטער, ווענדיק זיך מיט מיר אָפּרעכענען פאַר מיין געהערן צו דער חבריא אויפן בוידעם, האָט ער זיך מקדים געווען מודיע צו זיין דעם משגיח, וועלכער האָט אַלץ אָפּגעטראָגן צום ראש־ישיבה. אין אַ גע־וויסן אויף דער נאַכט בין איך גערופן געוואָרן אין זיין צימער אַריין. נישט וויסנדיק נאָך פון גאָרנישט, האָב איך מיך מיט אַ פרייַלעכער מינע צוגעשטעלט, רעכענענדיק, אַז אָט גיי איך אַריבער אין דער צווייטער כיתה.

ליידער, ס'איז געגוג געווען איין בליק, כ'זאָל מיך כאַפּן, אַז ס'איז ביטער: יעדער פון אונז האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז ווען ער שטייט פאַרן ראש־ישיבה און דער ראש־ישיבה האַלט בעת־מעשה אַראָפּגעלאָזט די ברילן אויפן שפּיץ נאָז און קראַצט זיך מיט די הענט אין דער באָרד און מאַכט זיך מכלומרשט תמעוואַטע אַריינקוקן אין אַ ספר און באמת זעט ער גאַנץ גוט דעם אַריינקומענדיקן, — דעמאָלט איז נישט

פויגלדיק. ווער שמועסט, אַז ער ברומט נאָך דערצו עפּעס אונ־טער, איז עס גאָר אַ שלעכטער סימן!

איך בין געשטאַנען אַ פּאָר מינוט, נישט האָבנדיק אַפילו די העזה צו אָטעמען. איך האָב מיר געשטעלט די פראַגע, וואָס קאָן דאָס זיין, און אַזוי ווי חטאים האָב איך געהאַט גע־נוג, האָב איך נישט געוווסט, וועגן וועלכן מ'איז מיך חושד.

ענדלעך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון ספר, מיט וועלכן ער האָט זיך פאַרשטעלט, מאַסקירנדיק דערמיט זיין פאַרשנדיקן בליק. איך האָב עס אָבער בפירוש באַמערקט. איצט האָט ער מיר אָנגעהויבן דרייסט צו קוקן אין די אויגן. איך פון מיין זייט האָב מיך באַמיט דעם בליק אויסצוהאַלטן. אָבער אומזיסט. ער האָט געהאַט אַזאַ דורכדרינגלעכן בליק, אַז איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ווייזט אויס, אַז אויף דעם האָט ער טאַקע געוואַרט. ער האָט זיך געגעבן אַ ריס פון אָרט, די הענט האָט ער אויפגעהויבן צום הימל, ווי ער וואָלט דאָרטן הילף געזוכט; דערביי האָט ער עפּעס געשעפּטשעט. זיין פּנים, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געווען אַזוי פאַרכטיק, איז גע־וואָרן מילד, די אויגן זענען געווען ווי פייכט פון טרערן; ער האָט ווידער אָנגעהויבן מיך אָנצוקוקן, אָבער אַזוי, ווי ער וואָלט זיך עפּעס געבעטן ביי מיר רחמים. איז מיר געווען אויף אים אַ רחמנות און איך האָב מיך שוין געוואָלט וואַרפן צו זיינע פיס און מודה זיין זיך אין אַלץ, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר אַ חטא. ער האָט ווי אַרויסגעפילט מיין רצון און מיר געהייסן זיצן אַקעגן איבער זיך. איך האָב מעכאַניש דעם באַפעל געפאָלגט. דאָ האָט ער זיך אָנגעהויבן מיט דער רעכטער האַנט רייבן דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען, און האָט אומגעריכט געפרעגט:

— ווי אַלט ביזטו, קינד מיינס?

— פערצן יאָר ענדיק איך דעם צווייטן חודש, — האָב איך געענטפערט.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געצווייפלט

אין אמת פון מיינע ווערטער, און דערנאָך האָט ער מיר געשטעלט אַ פראַגע, שוין גאַנץ אָפן:

— יענעם שבת־צו־נאַכטס, נאָך מלווה־מלכה, ווו ביזטו געווען ?

— אויפן שפּאַציר, רבי.

— האָסט אַליין שפּאַצירט ?

ביי אָט דער פראַגע האָט ער מיר אַריינגעקוקט דורכדרינגלעך אין די אויגן אַריין.

— נישט אַליין, — האָב איך קוים מיט צרות אַרויסגעשטאַמלט.

— איך ווייס, מיין קינד, אַז נישט אַליין! ווער־זשע איז געווען מיט דיר ?

אויף דער דאָזיקער פראַגע האָב איך מיך אָנגעצונדן פאַר בושה; אין קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבן עפּעס צו ברענען און שווער צו ווערן.

ווען איך וואָלט געקאָנט, וואָלט איך מיך גערן באַגראָבן אין דער ערד אַריין. וואָס קומט אָבער אַרויס, מען דאַרף ענטפערן; איך האָב מיר אים פאָרגעשטעלט פאַר אַ יודע־הכל, פאַר אַ מענטש, וואָס זעט אַלץ, דען עס איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז אין דעם אַלעם איז שולדיק דער שמש. איך האָב אַלזאָ אַרויסגעבעבעט: „מיט — אַ — מיי — דל". און אַ טשעקאָווע זאַך, אַנשטאָט צו זידלען און שעלטן, האָט ער ווייטער מילד געפרעגט:

— און ווער איז זי דאָס פאַר איינע — אפשר אַ שוועסטער ?

נאָך אָט דער פראַגע האָב איך אָנגעהויבן לייכטער אָפּצוּעטעמען, איך האָב שוין געוואָלט ענטפערן דערויף: „יאָ", איך האָב שוין אַפילו אויפגעעפנט ס'מויל, נאָר אַנשטאָט צו ענטפערן: „יאָ", האָב איך געזאָגט: „ניין".

— ווער־זשע, מיין קינד, איז דאָס געווען ? אפשר עמיצער פון דיין משפּחה ?

ווידער איז מיר באַפאַלן אַ חשק צו ענטפערן: „יאָ".

נאָר איך האָב דעם געדאַנק אָפּגעשטופּט און איך האָב באַ־שלאָסן צו זאָגן דעם אמת, נישט אַכטנדיק דערויף, וואָס פאַר אַ שטראָף איך וועל באַקומען.

איך האָב אים אָנגעהויבן דערציילן די גאַנצע היסטאָריע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס, וואָס איך האָב באַטראַכט פאַר איבע־ריק, האָב איך אויסגעמיטן. אָבער אַ נעכטיקער טאָג, עס האָט זיך מיר גאָרנישט איינגעגעבן צו באַהאַלטן; נאָך אַ האַלב־שעה־דיקער אויספאָרשונג האָט ער שוין געוווסט אַזוי פיל, וויפל איך, אפשר נאָך מער פאַר מיר. איצט האָט ער מיר אָנגעהויבן אויף אַ מילדן אופן צו מאַכן פאָרווורפן און מיך צו מוסרן. זיינע ווערטער, כאָטש עס זענען שוין אַוועק אַ סך יאָרן, גע־דענק איך, ווי היינט:

— צי ווייסטו, זונעשי, — האָט ער געפרעגט, — פאַר־וואָס אָדם־הראשון איז פאַריאָגט געוואָרן פון גן־עדן און ווער ס'האָט גורם געווען דעם ערשטן חטא?

— איך ווייס, רבי, חוה.

— יאָ, זונעשי, אַן אשה.

— און צי ווייסטו, וואָס ס'האָט גורם געווען צו דעם ברודער־קאַמף ביי יידן, אין וועלכן דער גאַנצער שבט בנימין איז כמעט אין גאַנצן אונטערגעגאַנגען און ס'איז פאַרשוווּנדן דער צוועלפטער שבט פון ישראל, און אַז אין דעם דאָזיקן ברודער־מאָרד זענען אומגעקומען אויף ביידע זייטן איבער זעכציק טויזנט מאַן — די שענסטע בלום פון גיבורי־ישראל?

כדי צו ענטפערן אויף דער פראַגע, האָב איך מיך גע־מוזט אַביסל פאַרטראַכטן, ביז איך האָב מיך נישט דערמאָנט די גאַנצע געשיכטע פון צוועלפטן קאַפּיטל פון „שופטים“.

— יאָ, רבי, צוליב אַ פרוי.

— און וואָס איז געווען די סיבה, וואָס שלמה המלך, דער „חכם מכל אָדם“, האָט זיך פאַרזינדיקט פאַר גאָט, צי איז עס נישט געווען קיין פרויענצימער?... צי קענסטו, זון מיינער, די ספרים פון שלמה המלך, דעם דאָזיקן קענער פון פרויען־נשמות, — צי ווייסטו, אַז שלמה האָט געהאַלטן טויזנט

וייבער, בלויז צוליב דעם, ער זאָל, אַזוי ווי אין אַ לאַבאָראַ־טאָריע, דורכפירן פאַרשידענע עקספּערימענטן איבער זיי און ער זאָל קאָנען אַרויסזאָגן וועגן פּרויען די ריכטיקע מיינונג? „זון מיינער! — זאָגט שלמה. — איז דאָס מעגלעך, אַז דער מענטש זאָל האַלטן פייער אויף זיינע קני און זיינע קליי־דער זאָלן זיך נישט אָנצינדן? — צי איז מעגלעך, אַז דער מענטש זאָל אַרומגיין באָרוועס אויף גליענדיקע קוילן און ער זאָל זיך די פיס נישט אָפּבריען?" — יאָ, דער, וואָס גיט זיך אָפּ מיט אַ פרוי, וועט ליידן די בייזע נאָכפאָלגן און אומבאַ־שטראָפט וועט עס נישט דורכגיין!

איך וועל נישט איבערחזרן, וואָס ער האָט מיר אָנדער־ציילט, ברענגענדיק ראיות און משלים פון דער גמרא און פון הייליקע ספרים. איך וועל בלויז באַמערקן, אַז נאָך אַ פיר־שעהדיקן פאַר מיר זייער נישט־אָנגענעמען שמועס, האָב איך אים געגעבן אַ תקיעת־כף, אַז כל־זמן איך וועל לערנען ביי אים אין ישיבה, וועל איך נישט שפּאַצירן מיט קיין מיידלעך, און איך וועל זיך אפילו באַמיען זיי אויסצומיידן. איך האָב דער־ביי אויסגעדריקט מיין גאַנצע חרטה. אַלס שטראָף האָט ער מיר געגעבן דריי „משמורים", ד. ה. יעדן צווייטן טאָג האָב איך געדאַרפט וואַך־זיין אַ גאַנצע נאַכט און לערנען אין דער ישיבה „שבט מוסר". דערמיט האָט זיך געענדיקט די גאַנצע חתונה און, וואָס אַן אמת, אַ צייט לאַנג האָב איך מיך געפירט אַזוי, אַז דעם בעקערס טאָכטער האָט כסדר געוויינט, צוליב דעם, וואָס איך האָב מיך פון איר אין גאַנצן דערווייטערט. צי האָב איך געקאָנט זיך אויסשמועסן מיט איר און איר דער־ציילן די סיבה? עס האָט דאָך נאָך מיך געבריט די האַנט, וואָס כ'האָב געגעבן און מבטיח געווען, אַז אפילו רעדן מיט פּרויען וועל איך נישט, אָט מיט די באַשעפענישן, וואָס כאָטש זיי זענען געווען אַזוי אָנציענד, האָט מען מיך צוליב זיי אַזוי פאַרפאָלגט. אַזוי האָט מען מיר תמיד געשטערט עמיצן צו ליבן!

אין אַ וואָך אַרום איז ווידער אָנגעקומען ראש־השנה.

ווידער האָט מען מודיע געווען אין דער ישיבה, אַז ווער ס'וויל, קאָן אַהיימפאָרן. מיטן הסכם פון דער מאַמען, וואָס איז, אַהיימפאָרנדיק פון אויסלאַנד, געווען ביי מיר, האָב איך באַשלאָסן דאָס מאָל נישט אַהיימצופאָרן אויף יום־טוב, צוליב די בחינות, וואָס איך האָב געדאַרפט באַלייגן צו דער צוויי־טער כיתה.

אין דער גאַנצער ישיבה זענען געבליבן בלויז זעכציק פראָצענט ישיבה־בחורים. ס'רוב זענען געבליבן אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געהאַט צו וועמען צו פאָרן. פון ראש־חודש אלול אָן האָט מען יעדן פרימאָרגן געדאַוונט מיט מער התלהבות, און גאַנצע נעכט זענען מיר געזעסן איבער די גמרות. דאַווע־נענדיק מיט התלהבות, האָב איך מיך אָנגעשטרענגט, איך זאָל מיר דערמאָנען די עבירות פון אַ גאַנץ יאָר. צום ערשטן מאָל האָב איך געדאַרפט שטיין פארן בית־דין־של־מעלה, אָפּצוגעבן אַ חשבון פון מיינע מעשים־רעים, וואָס איך בין באַגאַנגען, זינט איך בין אַלט געוואָרן דריי יאָר ביז דער בר־מצווה. איך האָב געגלויבט דערין, אַז איין אויסוועג האָב איך צו דעם אַלעם — מתפלל צו זיין צום אויבערשטן פון גאַנצן האַרצן, ער זאָל מיר מוחל זיין. האָב איך טאַקע אין מיין האַרצן גע־טראָגן די אמתע חרטה.

ראש־השנה ביי דער תפילה „ונתנה תוקף" האָב איך געוויינט אַ פאַרקלעמטער. אין די עשרת־ימי־תשובה ביז יום־כיפור בין איך געזעסן ביז דריי ביי נאַכט איבער דער גמרא. יום־כיפור צו כל־נדרי בין איך געווען אַזוי אויסגעמוטשעט, אַז איך האָב געחלשט. די תפילות פון אַ גאַנצן טאָג האָבן גע־וואַלדיק געווירקט אויף מיין כוח־הדמיון. די ווערטער פון דער תפלה „מספר חיי אדם" האָב איך געזאָגט מיט דער גאַנ־צער כוונה און מיטן באַוווסטזיין פון דער דערהאַבנקייט פון דער רגע; צי קאָנען דען נישט די ווערטער ווירקן אויף דער נשמה פון אַ קינד, וואָס מ'שפּייזט עס דערמיט אָן אויפהער?

„רבונו של עולם, אב הרחמים והסליחות, וואָס דו ביזט

תמיד גרייט אויפצונעמען בעלי־תשובות, דו האָסט באַשאַפן דעם מענטש דערצו, צו פאַרזיכן זיין לעבן א. אַ. וו.״

אַ גאַנצן יום־כּיפּור האָב איך געפאַסט. נאָך די ימים־נוראים בין איך אויסגעצערט געוואָרן נישט צו דערקענען, אָבער עפּעס גרינגער אויף דער נשמה איז מיר געוואָרן: איך בין געווען זיכער, אַז דער אויבערשטער איז געווען גנעדיק, ווען ער האָט מיך געמשפּט. איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט, אַז מער וועל איך שוין נישט זינדיקן. לײַדער, האָב איך געהערט צו די מענטשן מיט אַ שוואַכן כאַראַקטער און דעריבער האָב איך מיין וואָרט נישט געהאַלטן.

נאָך די ימים־נוראים האָב איך געהאַט די בחינות צו דער צווייטער כּיתּה.

איך בין ווידער באַגאַנגען אַן אַנדערטהאַלבן טוץ פּרי־שע עבירות, און צומערסטנס צוליב דעם, וואָס כ׳האָב ליב געהאַט צו קוקן אויף די שפּאַצירנדיקע פרויען, און איך האָב אַפילו געקוקט אויף גויעס. אַ סך מאָל, גייענדיק מיטן טראָ־טואַר, האָב איך ליב געהאַט צו קוקן אַראָפּ, האָב איך אָבער דערזען פיסלעך, האָבן זיי מיך געצופּט אַנצוקוקן די אייגנטי־מערינס פון די שיינע פיסלעך. און אָט האָב איך אין אַ שיינעם טאָג באַגעגנט אויף דער גאַס מיין אַמאָליקע אַפּוטראָפּוסטע. איך האָב זי נישט געזען פון דער מינוט אָן, וואָס איך בין געווען ביי איר מיט דער מאַמען. זי האָט מיך באַטראַכט נייגעריק, און איך בין געשטאַנען קוקנדיק אויף איר, ווי אַ פאַרשטיינערטער, נישט קאָנענדיק אַרויסרעדן אַ וואָרט. זי איז נאָך געווען שענער ווי אַמאָל. זי האָט געטראָגן אויף זיך אַן עלעגאַנטן פוטער און אַ הוט פון דער נייעסטער מאָדע. זי האָט די ערשטע אָנגעהויבן צו מיר צו רעדן:

— נו, טייערער, בייזערסט זיך אויף מיר? ס׳איז נישט שיין פון דיר, וואָס דו האָסט מיך נישט באַזוכט, מסתּמא האָט דיר די מאַמע פאַרבאָטן, האַ? — איך ליב דיך אָבער נישט ווייניקער ווי דיין פאַנאַטישע מאַמע. קום־זשע אַביסל צו מיר. קיין מאָל האָב איך

שוין נישט. ער האָט געטאָן ווי אַ חכם, וואָס ער האָט זיך אָפּגעטראָגן אויפן עולם־האמת; ס׳איז שוין פיר חדשים. דו ביזט דורך דער צייט אויסגעוואַקסן און שענער געוואָרן! — קום! — פאַרוואָס רעדסטו גאָרנישט?

איך האָב עפּעס אַרויסגעשטאַמלט וועגן תקיעת־כּף, וואָס כ׳האָב געגעבן, פונדעסטוועגן בין איך איר נאָכגעגאַנגען אין דעם מיר גוט באַקאַנטן הויז אַריין. פון דעם טאָג אָן בין איך יעדן אָוונט געווען איר גאַסט; דאָס מאָל האָט זי מיך שוין נישט געדאַרפט צו אַטאַקירן און דערציילן מעשיות וועגן ליבע. איצט האָב איך שוין אַלץ געוווסט...

קאַפּיטל פופצן

נאָך אַ יאָר אָפּוועזנהייט בין איך ווידער אַהיימגעקומען אויף פסח. אַלע זענען געווען מיט מיר צופרידן, אַפילו מיין שוועסטערל, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט אין דער צייט פון מיין אָפּוועזנהייט, האָט אויך ווי געשמייכלט צו מיר. די מאַמע האָט אויף מיר געקוקט, ווי אויף עפּעס אַן אוצר, פרייענדיק זיך, וואָס איך בין געגאַנגען לייטיש אויף מיין עלטער, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס ס׳איז מיר נאָכגעגאַנגען פון דער ישיבה אַ גוטער שם. כ׳האָב באַמערקט, אַז זי פילט זיך גליקלעך, קוקנדיק אויף מיר. אוי, די אָרעמע מאַמע! זי האָט זיך נישט געכאַפּט, וואָס פאַר אַ לעבן איר זון האָט שוין דעמאָלט געפירט. די מוטערלעכע צדקניות און פאַרבלענדעניש האָט איר נישט דערלאָזט צו דערזען דאָס שלעכטס, וואָס עס האָט זיך שוין באַוויזן צו פאַרוואָרצלען אין מיר. איך געדענק, איינמאָל האָב איך עפּעס אַרומגעשטיפט און די מאַמעס שוועסטער האָט מיר דערפאַר אַריינגעזאָגט. הערנדיק דאָס, האָט זיך די מאַמע אָנגענומען פאַר מיר. דאָ האָט זיך יענע אָנגערופן: „דו צעלאָזט אים צו פיל, — וועסט זען, אַז דו וועסט אים נאָך אויסשטעלן

פאַר אַ קאַטאָרזשניק". רבונו של עולם, וואָס דעמאָלט האָט זיך אָפּגעטאָן! די מאַמע האָט זיך אויף איר געוואָרפן, און ווען זי וואָלט נישט באַצייטנס אַנטלאָפן, ווער ווייסט, מיט וואָס די אַוואַנטורע וואָלט זיך געענדיקט. נאָך דעם געשעעניש האָבן זיי אַ לענגערע צייט צווישן זיך נישט גערעדט. אַזוי האָט מיך די מאַמע פאַרטיידיקט פאַר יעטוועדן פאָרוואורף.

ביי אונז אין שטוב, אויף וויפל איך געדענק, איז דער פריילעכסטער יום־טוב געווען פסח. מיר זענען דעמאָלט געפאָרן צו גאַסט צו דער משפחה, און אויך צו מיין טאַטנס באַקאַנטע פון נישט־יידישן גלויבן, וווהין איך האָב נישט איינמאָל מיט־געפירט אויף כיבוד מצה מיט וויין, און דערפאַר האָב איך גע־קריגן שיינע פרוכטן און אייער, געמאָלט אין פאַרשידענע קאָלירן.

איך געדענק גוט די געהויבענע שטימונג, וואָס האָט גע־הערשט ביי אונז די ערשטע טעג פסח, ביי די סדרים. דער טאַטע איז געזעסן אויבנאָן, אָנגעלענט אויף שניי־ווייסע קישע־לעך, אין אַ האַלב ליגנדיקער פּאָזע, ווי דער דין איז. די מאַמע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מלכּה, איז געזעסן אַן אָנגעטאָענע אין ווייסן לינקס פון טאַטן; מיר, קינדער, האַלב דרימלענדיקע, זע־נען געזעסן אַרום, פאַרפאַלגנדיק יעדע באַוועגונג זייערע מיט נייגעריקייט און נאָכטוענדיק אַלץ, וואָס זיי טוען. יעדע פאַר בלעטלעך פון דער הגדה האָבן מיר פאַרטרונקען מיט וויין. אַך, שיינע זכרונות זענען דאָס פון די קינדער־יאָרן, יאָרן אָן דאגות, יאָרן, וואָס ווען שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען...
אַ סך אַזעלכע דערינערונגען שטייען מיר פאַר די אויגן, אָבער צו וואָס אויסגראָבן זיי פון זכרון און פילן זיך נאָך מער אומ־גליקלעך ווי איצט? — דאָס אַלץ איז אויף אייביק פאַרלאָרן.

נאָך אַ דערינערונג פון די קינדער־יאָרן גראָב איך אויס פון מיין זכרון. דאָס איז געווען אַזוי:

אין יאָר 1905 אין פסח האָב איך מיך געשפּילט מיט מיין נישט צעשיידבאַרן חבר פראַנעק און זיין שוועסטער וולאַדקאַ.

מיר האָבן זיך בעת־מעשה מכבד געווען מיט פאַרשידענע יום־טובדיקע נאַשערייען.

אין אַ געוויסן מאָמענט איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר וועלן זיך שפּילן אין אַ נייע שפּיל — אין אַ פּויליש־רוסישער מלחמה. פאַרשטייט זיך, אַז פראַנעק האָט זיך באַשטימט אַלס קאָמענדאַנט פון פּוילישן מיליטער, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן ערך 20 יידישע און גויאישע קינדער. איך האָב געמוזט ברענגען פון שטוב אַ פּאָר קעסטלעך פון הייוון, פון וועלכע מען האָט געמאַכט שווערדן. צו די איבעריקע קעסטלעך האָט מען צוגעבונדן שטריקלעך און מען האָט אין זיי איינגעשפּאַנט די „פערד". זיי האָבן געזאָלט דינען פאַר אַמוניציע־וועגן, וואָס מיר האָבן ווידער פאַרטרעטן דורך זאַמד און שטיינער. איין קעסטל האָט מען אָנגעשיט מיט מצה, וואָס האָט געזאָלט פאַרטרעטן די אומערזעצלעכע סוכאַרעס, ווייל פראַנעק האָט אָנערקענט, אַז דאָס איז אין אַ מלחמה אומבאַדינגט נויטיק.

פון קאָמענדאַנט האָב איך באַקומען אַ באַפעל מגולגל צו ווערן אין אַ פערד, און דאָס נישט אין אַ געוויינלעכס, נאָר אין פערד פון קאָמענדאַנט בכבודו ובעצמו. פון דעם כבוד בין איך באמת געווען שטאָלץ. אַלס צייכן פון מיין גדלות האָב איך געהירזשעט אויפן גאַנצן קול. איך האָב געקאָפּעט מיט די פיס אַזוי, אַז דער קאָמענדאַנט האָט מיך געלויבט און ער האָט מיך קוים געקאָנט איינהאַלטן פאַר די לייצעס, וואָס כ'האָב מיר פאַרלייגט אויפן האַלז. די אָנפירונג מיטן רוסישן לאַגער האָט איבערגענומען וולאַדקאַ, אַ בלאָנדינקע מיט אַ פריילעכן שטיפערישן בליק. זי האָט אונז געהאַלטן גענוג שטרענג, אַזוי אַז מיר האָבן איר איינשטימיק פאַרטרויט דעם אַמט, נישט אַכטנדיק, וואָס זי איז אַ מיידל.

דער פּלאַץ, וווּ די מלחמה האָט געדאַרפט פאָרקומען, איז געווען דער גרויסער מאַרק. ענדלעך, נאָך פיל־שעהדיקע הכנות מצדביידע מחנות, צו וועלכע עס האָבן זיך צוגעקוקט כמעט אַלע עלטערע קינדער פון שטעטל, איז אויסגעבראָכן פאַר נאַכט די שלאַכט. אַ פּאָר מינוט האָבן מיר זיך איינער

דעם אַנדערן פאַרוואָרפן מיט זאַמד און שטיינער און מיר האָבן מאַרשירט אויף אַן אַטאַקע קעגן די רוסן. עס איז אַנטשטאַנען אַ געקוויטשעריי, אַ געטומל און אַ האַרמידער. אַלס רעזולטאַט איז וולאַדקאַ גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט צוזאַמען מיט איר פערד, פאַר וועלכן עס האָט איר געדינט, לײדער, אויך אַ ײדיש ײנגל. מיטן זעלבן מאָמענט האָט זיך אויך איר גאַנצע צעשלאָגענע אַרמײ אַרײנגעקריגן אין געפאַנגענשאַפט. פראַנעק האָט געריטן שטאָלץ, און איך, וועלנדיק נאָכמאַכן, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ פערד פון פירער און זיגער, האָב איך געוואָרפן מיטן קאָפּ, נישט קאָנענדיק אײנשטײן אויף אײן אָרט.

נאָכן ענדיקן די שלאַכט, האָט פראַנעק געזונגען „יעשע-טשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ". איך, טראָץ דעם פאַרבאָט פון פראַנעקן, אַז אַלס פערד טאָר איך נישט רעדן, בין געווען אַזוי פאַרשיכּורט פון דעם שפּיל און פון נצחון, אַז איך האָב אָנ-געהויבן מיטצוזינגען, אַלײן נישט פאַרשטײענדיק, וואָס פאַר אַ באַדײטונג עס האָבן די ווערטער.

פּלוצלונג האָט זיך דאָס ליד איבערגעריסן; עמיצער הינטער מיר האָט אויסגעשריגן פון ווײטאָג. איך האָב דער-פילט, אַז איך בין פרײ פון די לײצעס. איך האָב מיך אָבער נישט באַוויזן אַרומצוקוקן, וואָס ס'איז געשען, ווי אײנער האָט מיך אָנגעהויבן צו ציען און צו דערלאַנגען איבערן קאָפּ. כ'האָב געשריגן פון ווײטאָג און אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד.

איך בין געלעגן צוזאַמען מיטן קאָמענדאַנט, און עמיצער האָט אונז באַלײגט מיט דער נאַגאַיקע. דאָס איז געווען דער סטראַזשניק מאַטוועי, דאָס שרעקנסבילד פון אונזער שטעטל.

מכבד זײענדיק אונז מיט אַ פּאָר נאַגאַיקעס, האָט ער אונז ברוטאַל אויפגעהויבן און, אָנכאַפּנדיק פאַר די קעלנער, האָט ער אונז אָפּגעפירט אין שטוב אַרײן און געמאַכט אַ פּראָ-טאָקאָל; ווען די עלטערן האָבן אים דערלאַנגט אַ רובל, האָט ער דעם פּראָטאָקאָל פאַרניכטעט, אָנזאָגנדיק די עלטערן, זײ זאָלן אונז אָנלערנען, אַז אַזעלכע לידער טאָר מען נישט זינ-

גען; דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז ווען מיר וועלן נאָך אַמאָל זינגען, וועט ער אונז דערשיסן.

אַזוי האָט זיך געענדיקט אונזער מלחמה. אַנשטאָט צו פייערן אונז פאַר זיגער, האָט מען אונז געשענדעט מיט שמיץ... חוץ דעם האָט מיין טאַטע, און אויך פראַנעקס, געמוזט באַצאָלן מיט אַ פּאָר שויבן, וואָס זענען אויסגעבראָכן געוואָרן בעת דער מלחמה מיט שטיינער.

אַלס מאָטיוו פאַר דער דאָזיקער שפּילעריי האָבן אונז געדינט די מאַניפעסטאַציעס, וואָס זענען מיט אַ פּאָר טעג צוריק פאָרגעקומען אין אונזער שטעטל, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט דורך די פּריצים, וועלכע זענען געווען אָנגעטאָן אין נאַציאָנאַלן טראַכט און גייענדיק האָבן זיי געזונגען פּאַטריאָטישע לידער.

אין אַ צייט אַרום האָט די אָרטיקע פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע, וואָס איז געשטאַנען אין אונזער שטעטל, צוליב דער נאָענטקייט פון דער דייטשער גרענעץ, פאַרשפּרייט קלאַנגען צווישן די יידן, אַז די פּאָליאַקן גרייטן זיך צו מאַכן אַ פּאָגראָם אויף יידן; דעריבער וועט אָנקומען אַ פּולק קאָזאַקן, כּדי נישט צו דערלאָזן דערצו. דאָס איז געווען אַ בפירושער שקר, ווייל אונזער צוזאַמענלעבן איז געווען זייער אַ פריינטלעכס. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָבן זיי די קלאַנגען פאַרשפּרייט בלויז צוליב דעם, כּדי צו געווינען סימפּאַטיקער אין זייערע כּלומרשטע קאַמפן מיט די פּאָליאַקן.

נישט קוקנדיק אָבער אויפן פּולק קאָזאַקן, האָבן די פּאָליאַקן אָרגאַניזירט אַ צווייטע מאַניפעסטאַציע, דאָס מאָל אַ פיל גרעסערע. בעת דער מאַניפעסטאַציע זענען די קאָזאַקן געשטאַנען אין אַן אָפּוואַרטנדיקער פּאָזיציע, אָבער נישט וואַרטנדיק פאַרטשעפּעט דורך קיינעם, האָבן זיי אַליין מורא געהאַט צו פּראָוואָצירן די מאַניפעסטאַנטן. שפּעטער זענען געווען ווידער אַ פּאָר מאַניפעסטאַציעס, נאָך וועלכע די רוסן האָבן אַרויסגעפירט קיין טיף רוסלאַנד אייניקע חשובע בירגער, צווישן זיי אויך דעם גראַף ק. די אַלע מאַניפעסטאַציעס האָבן צוליב

זייער כאַראַקטער זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון, כאָטש איך בין דעמאָלט אַלט געווען קוים 8 יאָר.

אסרו־חג בין איך אַוועק מיטן טאַטן אין דער גמינע־קאַנצעלאַריע, ווו מען האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ פּאַס. אויף מיין פראַגע, צו וואָס דער פּאַס וועט מיר דינען, האָט דער טאַטע מיר דערקלערט, אַז דערווייל וועל איך פאָרן אין דער ישיבה אַריין קיין ב..., כדי זיך צו פאַרפולקאָמען אין לערנען.

נאָכן אַהיימקומען האָט מיך די מאַמע אַריינגערופן צו זיך. בעתן געשפּרעך האָט זי מיך אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז איצט הויב איך אָן אַ לעבן ווייט פון דער היים, אָן השגחה פון די עלטערן, איך וועל אַלזאָ מוזן זיך צוגעוווינען צו אַ זעלבשטענדיק לעבן. זי האָט דערביי אָנגעוויזן, אַז אין דער ישיבה לערנט זיך מיינער אַ קוזין, אונטער וועמענס השגחה איך וועל זיך געפינען און וועלכער וועט מיר בייהילפיק זיין ביים לערנען.

אין צוויי טעג אַרום האָט מיר דער טאַטע אָפּגעפירט צו דער סטאַציע ק., פון וואַנען איך בין שוין אַליין אַוועק אין דער נייער שטאָט אַריין. איך האָב, הייסט עס, געדאַרפט לעבן אין דער באַרימטער ישיבה, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן פון אַמעריקאַנער נדבות.

דאָס געזעגענען זיך מיט דער מאַמען איז געווען זייער אַ האַרציקס; זי האָט מיך געהאַלזט פיל מאָל. געזעגענענדיק זיך מיט מיר, האָט זי רירנד געוויינט. זי האָט געפילט, אַז זי וועט מיך מער נישט זען; די לעצטע ווערטער, וואָס כ׳האָב געהערט פון איר, זענען געווען: — „געדענק, זאָלסט זיין אַ מענטש"...

קאַפּיטל זעכצן

ביז צו דער סטאַציע ק. זענען מיר געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט, אָנפּאַשנדיק די פערד אויף אייניקע ערטער. פאַרטאָגס האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַן אריינפאָר־הויז. נאָכן איינ־אָרדנען זיך, בין איך אַוועק מיטן טאַטן אין בית־המדרש אַריין דאַוונען. נאָכן צוריקקומען און אָפּעסן אָנבייסן, זענען מיר אַוועק צו דער באַן. נאָכן אויסקויפן דעם בילעט, האָט מיר אים דער טאַטע דערלאַנגט צוזאַמען מיט צוועלף רובל. ער האָט מיר אויפגעקלערט, ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין אין וועג, ער האָט מיר אויך אָנגעוויזן, ווי אומצוגיין מיט מענטשן, דער־ביי האָט ער מיר ערשט דערקלערט, פאַרוואָס איך פאָר אַזוי ווייט.

דער טאַטע האָט געוווסט פון אַלע מיינע „געשעפטלעך״, אָנהויבנדיק פון טערק און אויסלאָזנדיק מיט דער ליבע מיט מיין אויפזועריך.

דאָס מאָל איז ער געווען דער איניציאַטאָר, מען זאָל מיך אַוועקשיקן אין אַן אַנדער ישיבה. דערביי האָט ער מיר געזאָגט, אַז די מאַמע ווייסט פון גאָרנישט, און ער דערציילט איר דאָס נישט, ווייל ער וויל איר נישט אָנטאָן קיין עגמת־נפש, און ער האָט בפירוש צוגעגעבן: „איך פיל, אַז דאָס געלט, וואָס איך גיב אויס אויף דיר, כדי דו זאָלסט אַמאָל ווערן אַ רב, איז אַזוי ווי אַרויסגעוואָרפן״. אָט דאָס געזעגענען זיך מיטן טאַטן איז פאַר מיר געווען זייער נישט אָנגענעם; דאָך, האָט ער מיר אַ קוש געגעבן, וואָס עס האָט מיך אַזוי גערירט, אַז איך האָב מיך צעוויינט אויפן קול.

ענדלעך האָט דער צוג גערירט פון אָרט. איך בין גע־שטאַנען ביים פענסטער. איך האָב געקוקט אויפן טאַטן, ווי ער דערווייטערט זיך אַזוי גיך; איך האָב געזען אַ לענגערע צייט זיין הויכע געשטאַלט, וואָס האָט בולט אַרויסגעשטאַרט פון צווישן דעם עולם. אין אַ מינוט שפּעטער איז אויך זי פאַר־שוונדן. עס איז מיר געוואָרן אומעטיק, און שטייענדיק ביים

פענסטער האָב איך געטראַכט וועגן דער מאַמען, וועגן דעם טאַטן און מיין היים־שטאָט.

באַלד האָב איך מיך אָוועקגעזעצט; כ׳האָב מיך אַרומגע־קוקט, צי מ׳זעט נישט קיינעם פון אונזערע אַחינו־בני־ישראל. ליידער, בלויז גויים זענען דאָרט געווען; עס האָט מיך אַרומ־גענומען עפּעס אַ פּחד; האָב איך נערוועז צונויפגעקוועטשט מיינע וואַליזעס און איך בין געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך.

ענדלעך איז פאַרביי די ערשטע סטאַציע. איינער פון די מיטרייזנדע האָט מיך אָנגעהויבן מכבד צו זיין מיט בראָנפן. און ער איז געווען שטאַרק נישט צופרידן, וואָס כ׳האָב נישט געוואָלט טרינקען; ווען ער האָט מיך נישט אויפגעהערט צו פּייניקן, האָב איך אויס מורא גענומען אַביסל בראָנפן.

צוועלף אַ זייגער ביי נאַכט איז דער צוג ענדלעך אָנ־געקומען אויף מיין באַשטימונגס־אָרט. איך האָב נישט באַוויזן אויסצושטייגן פון וואַגאָן, ווי איך האָב דערהערט, אַז עמיצער רופט מיך ביים נאָמען. אומקוקנדיק זיך, האָב איך דערזען דעם, וואָס האָט מיך גערופן: באַגריסנדיק מיך, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַלס מיין געשוועסטערקינד. נאָכן אָפּנעמען דעם באַגאַזש האָב איך מיך נייגעריק אַרומגעקוקט. ער האָט גערופן אַ דראָזשקע און מיר זענען געפאָרן אין שטאָט אַריין.

מיין קוזין איז געווען געקליידט אייראָפּעאיש. ער האָט אויסגעזען אַ 24 יאָר אַלט. פון זיין אויסערלעכן אויסזען האָט ער נישט געמאַכט קיין איינדרוק פון אַ צוקונפטיקן רב. אויפן וועג האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז איך וועל אים מוזן פאָלגן אָן שום תירוצים, וואָס ס׳איז מיר אַביסל נישט געפעלן, אָבער כ׳האָב גאָרנישט צוריקגעענטפערט; צומאָרגנס האָט ער זיך באַ־מיט וועגן אַ סטאַנציע פאַר מיר. איך האָב מיך אַריינגעצויגן צו אַ פרוי, וואָס איר מאַן איז געווען אין אַמעריקע; איך האָב געגעסן אויפן אָרט פאַר דריי רובל אַ וואָך. ס׳איז מיר דאָרט גאַנץ גוט געווען. און דאָך, אַז מיין קוזין איז געקומען צו מיר צו גאַסט, האָט ער מיך באַלד געוואָלט פון דאָרט צונע־מען; איך ווייס נישט, וואָס ס׳איז אים דאָרט נישט געפעלן

געוואָרן, נאָר קעגן אָט דעם פּלוצלונגדיקן באַשלוס האָב איך מיך שאַרף קעגנגעשטעלט.

פון דער מינוט אָן זינט כ'בין געקומען, האָב איך גע־פילט, אַז מיין אַפּוטרופּוס איז נישט געווען צופרידן מיט מיין קומען. ערשט שפּעטער בין איך דערגאַנגען, אַז צוליב זיינע „ליבעלעך” האָט ער נישט געהאַט קיין ריין געוויסן; ער האָט נישט געוואָלט, אַז מ'זאָל זיך וועגן דעם דערוויסן אין דער היים. אָט צוליב דעם איז מיין חברשאַפט אים נישט געווען צו דער האַנט. שפּעטער אָבער האָבן מיר זיך אויסגעצייכנט איינגעלעבט; מיר האָבן זיך איינס ס'אַנדערע באַשיט אין די בריוו מיט די גרעסטע תהילות ותשבחות.

אַ פּאָר וואָכן נאָכן אָנקומען אין דער ישיבה האָב איך מיך גענומען פלייסיק צו לערנען, וואָס ס'האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרגעסן וועגן מיין איינזאַמקייט און וועגן טאַטע־מאַמע.

ס'רוב ישיבה־בחורים האָבן געלערנט פאַר זיך. עס זענען געווען אַ פּאָר „פּרושים” (אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרלאָזט די ווייבער און אַפילו די קינדער, כדי עוסק צו זיין אין לערנען). מיר האָבן געהאַט צווישן אונז אַפילו אַן עילוי, מען האָט נביאות געזאָגט, אַז ער וועט מאַכן אַ גרויסע רבנישע קאַריערע. דאָס איז געווען אַ פאַנאַטיקער — אַ קנאי — פון אַן ערך 25 יאָר אַלט, הויט און ביין. פון שטענדיקן איבערבויגן זיך איבער דער גמרא איז ער געווען אין גאַנצן איינגעהויקערט. די אויגן האָבן אים פאַנאַטיש געפינקלט מיט עפּעס אַ זעלטענעם גלאַנץ. ער האָט אָפּגעטויט זיין לייב דורך פאַסטן צוויי מאָל אַ וואָך, און כמעט גאַנצע נעכט האָט מען אים געקאָנט זען שטייענדיק איבערן שטענדער מיט אויגן פאַרטיפטע אין דער גמרא; אָנ־שטאָט שלאָף איז פאַר אים גענוג געווען, ווען ער האָט אָנ־געשפּאַרט דעם קאָפּ אָן אַ ספר און איז אַביסל אַנדרימלט געוואָרן. בלויז שבת איז ער געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט און געגעסן ווי מען דאַרף.

איין איינציק מאָל האָב איך געהאַט די געלעגנהייט מיט

אים צו שמועסן. ער האָט גערעדט בנעימות, ער האָט כסדר דערמאָנט וועגן טויט און וועגן דער נישטיקייט פון דער וועלט. מיר האָבן אַלע ליב געהאַט צו הערן, ווי ער האָט גערעדט, אָבער ער האָט נישט גערן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס. איבער דער שטוב האָט ער דורכגעשוועבט שטיל ווי אַ שאָטן, באַמיענדיק זיך תמיד צו זיין וואָס ווייניקער אָנזעעוודיק; ער האָט זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל ביים סאַמע בעלעמער און דאָרטן פאַרטיפט זיך אין רעיונות. שבת און יום־טוב בלויז האָט ער פאַרלאָזט זיין אָרט.

אין דער ישיבה זענען מיר געווען הונדערט און פופציק מאַן. מיין קוזין האָט מיך געהאַלטן לעבן זיך, אויפקלערנדיק מיר די שטעלן, וואָס איך האָב נישט געקאָנט משיג זיין. און ווען נישט ער, וואָלט איך מיט מיינע ידיעות נאָך נישט געקאָנט אַהין אָנגענומען ווערן. ס׳איז אָבער געווען אַ מנהג, אַז די עלטערע ישיבה־בחורים האָבן געהאַלטן אויף זייער אחריות אַזעלכע, ווי איך.

די ישיבה האָט זיך געפונען נישט ווייט פון טייך דניעפּר. דער ראש־ישיבה איז געווען ענלעך צו זיין חבר אין ל. ווי צוויי טראָפּן וואַסער. אַ משגיח האָבן מיר געהאַט מיט אַ מוראדיק־שטרענגן בליק, און דער שמש האָט ממלא געווען דעם מספר פון די באַלעבאַטים איבער דער ישיבה.

די שיעורים זענען פאָרגעקומען איין מאָל אַ וואָך. מאַנכעס מאָל האָט דער עילוי געזאָגט אַ שיעור פון מוסר. אַלע האָבן אים דעמאָלט געהערט מיט טרערן אין די אויגן. ווען ער האָט גערעדט, איז ער גיכער געווען ענלעך צו אַ ביבלישן מאַן, ווי צו אַ מענטש פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אין די פרייע מינוטן זענען מיר, ווי דער שטייגער איז, זיך צונויפגעקומען ביים שמש, וואָס האָט פאַרקויפט די אייגענע מעדנים־מאכלים, וואָס אין ל. מען האָט געקאָנט קריגן אַלץ, אָנהויבנדיק פון געזאָטענע אַרבעס ביז אַ גענצן לעבערל; אויסער דער נאָרמע האָט מען געקאָנט באַקומען געבראָטענע קאַרטאָפל און גרעטשענע קיכלעך. אויך דאָ זענען געווען אַ סך

בחורים אַן „טעג״; מיט איין וואָרט — איך האָב מיך געפונען אין דער אייגענער סביבה, וואָס כ׳האָב ערשט נישט לאַנג פאַר־לאָזט. אויפן הויף פון דער ישיבה איז געשטאַנען אַן אַלטע חורבה, דערפון איז איין העלפט באַשטימט געווען פאַר מענטשן אָן אַ „טאָג״ און אָן אַ נאַכט. זיי האָבן דאָרטן געקאָנט אויף אַן אַלטע נאַרע איבערנעכטיקן.

די צווייטע העלפט האָט פאַרנומען פון כמה יאָרן אַ שוסטער, אַ לאַטוטניק, וועלכער האָט פאַר פינף קאָפּיקעס פאַר־לאַטעט די שיך פון די צוקונפטיקע רבנים; דאָס איז געווען אַ געשטופּלטער פערציק־יעריקער ייד; אַן אביונישקייט האָט דאָרט געוועלטיקט אַן אומגעוויינלעכע; דאָס ווייב איז געווען ענלעך צו אים, קיין קינדער האָבן זיי, צום גליק, נישט געהאַט. דאָס מאָל איז דער אויבערשטער געווען דערבאַרעמדיק, ווייל קיין קינד וואָלט זיך קיינמאָל נישט אויפגעכאָוועט אין דאָזיקן געשטאַנק. געווען איז ער אַ פייערדיקער חסיד און געפאָרן צום רבין, וועלכער האָט אים אַריינגעזעצט אויף דעם אַמט פון הויף־שוסטער. נישט אַכטנדיק אויף זיין קבצנות, איז ער אַרומ־געגאַנגען תמיד אַן אויפגערוימטער. דאָס ווייב האָט געוואַשן פאַר די אָרעמע בחורים וועש, האַנדלענדיק דערביי מיט צו־געפוילט אויבסט.

אין שטוב האָט ער נישט פאַרמאָגט קיין שום מכשירים, אַ חוץ אַ צעבראָכענע ווערקשטעל, אַ בענקל מיט אַ טישל, אַ צעבראָכענעם קאַסטן און עפּעס קופּקעלעך מיט שמאַטעס אין ווינקל; דערפאַר האָט ער געוווסט צו דערציילן וועגן פאַר־שידענע מופתים, וואָס דער צדיק באַווייזט. אַזעלכע מעשיות, פאַרשטייט זיך, האָבן מיר ליב געהאַט צו הערן, ווי קומענדי־קע ממלאי־מקומות פון די צדיקים.

איך געדענק, ווי מען האָט אים איין מאָל געפרעגט, פאַרוואָס אַזאַ מענטש ווי ער, וואָס גלויבט אין מופתים, בעט נישט ביים אויבערשטן אָדער ביים רבין, ער זאָל ווערן אַ נגיד. אויף דער דאָזיקער קשיא האָט ער זיך טרויעריק צע־שמייכלט און מיט איבערצייגונג האָט ער אונז געענטפערט:

— איך בין נישט ווערט זיין חסד.

דאָ האָב איך מיר געמאַכט אַ געלעכטער, שטעלנדיק אים אַזאַ קשיא:

— ר׳ לייזער (אַזוי האָט ער געהייסן), אַז דער צדיק וואָלט אייך געהייסן ווערן אַ פאַרברעכער, וואָלט איר אים אויך געפאָלגט?

ער האָט מיך אָנגעקוקט און, אַוועקלייגנדיק דעם פאַר־בלאָטיקטן לאַטש, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט ער נאָכן פאַרטראַכטן זיך אַ ווײַלע געענטפערט מיט אַן אַנטשלאָ־סענעם טאָן:

— אַלץ, וואָס דער רבי וואָלט נישט באַפוילן, וואָלט איך אָן קווענקלעניש געטאָן.

איך האָב אים איבערגעריסן:

— און אַפילו טריפה עסן?

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— יאָ! – האָט ער געענטפערט. — מיט איין וואָרט, איך וואָלט אַלץ געטאָן, אפילו ס׳ערגסטע, ווען „ער" וואָלט באַ־פוילן, אפילו אין פייער אַריין צו שפּרינגען – און ווייסט איר פאַרוואָס? – ווייל ער ווייסט שוין פריער, וואָס ס׳וועט דערפון אַרויסקומען; דעריבער וואָס ער באַפעלט, איז מסתמא גוט אַזוי, כאָטש ס׳דאַכט זיך בשעת־מעשה, אַז ס׳איז שלעכט. אָט, — האָט ער זיך פאַרטראַכט, – ווען איך וואָלט געהאַט איצט צייט, וואָלט איך אייך דערציילט, וואָס ס׳האָט זיך איין מאָל פאַרלאָפן.

מיר אַלע — און געווען זענען מיר צען בחורים, ווייל פרייטאָג איז דאָס געווען און יעדער האָט אין דעם טאָג פרייע צייט — זענען צוגעשטאַנען, ער זאָל אונז דערציילן. האָט ער טאַקע נאָכגעגעבן, און ער האָט אונז געהייסן גלויבן, אַז דאָס, וואָס ער וועט דערציילן, איז אַן אמתע מעשה; מיר האָבן געגעבן דאָס וואָרט, אַז מיר גלויבן אַלץ באמונה־שלימה, וואָס ער דערציילט נאָר, און אַז ער קאָן דרייסט דערציילן—און ער האָט אָנגעהויבן:

קאַפּיטל זיבעצן

— אין אַ געוויסער גרויסער שטאָט אין פּוילן, — האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן, — האָט געלעבט אַ חסיד, אַ גרויסער עושר. ער האָט געהאַט עטלעכע פאַבריקן און אַן אייגענע באַנק. יאָר־איין יאָר־אויס אויף ימים־נוראים איז ער געפאָרן צו זיין רבין, ווען ער האָט איבערגעלאָזט גרויסע נדבות אויף דברים־שבצדקה; אַזוי זענען אַוועק יאָרן. איין יאָר איז ער געקומען אַ שטאַרק דערשלאָגענער צום רבין אויף יום־טוב. נאָך יום־טוב האָט ער שוין געזאָלט אַוועקפאָרן; ווען דער רבי האָט זיך מיט אים געזעגנט, האָט ער זיך צעוויינט און האָט אים אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז ער שטייט שלעכט דאָס יאָר; ער האָט פאַרלאָרן אַ גרויסן פאַרמעגן און ער האָט געבעטן אַן עצה, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן זיך דעם מצב. דער צדיק האָט פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל, דערנאָך האָט ער געזאָגט צו אים אָט די ווערטער:

— הער מיך אויס, חיים, איך האָב פאַר דיר אַן עצה, אַז דו וועסט צוריק זיין אַן עושר, אָבער איך ווייס, אַז דו וועסט עס נישט וועלן מקיים זיין.

האָט חיים געענטפערט:

— רבי, אויב איך וועל דאָס נישט וועלן מקיים זיין, וויל איך וועגן דעם נישט וויסן...

געזעגענענדיק זיך, איז ער צוריק אַהיימגעפאָרן.

דאָס אַנדערע יאָר איז ער ווידער געקומען צו פאָרן און ער האָט זיך געוואָרפן דעם זקן צו די פיס.

— רבי, זייט מיר מציל! כ'האָב שוין פאַרלאָרן די גרעסטע העלפט פון מיין פאַרמעגן! וואָס טוט מען?

דער צדיק האָט אים געהייסן אויפשטיין און ער האָט געזאָגט:

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז איך האָב פאַר דיר איין אויסוועג, אָבער איך בין בטוח, אַז דו וועסט קיינמאָל אים נישט

מקיים זיין; איז דעריבער בעסער, אַז דו זאָלסט וועגן דעם נישט וויסן.

חיים איז ווידער אַ טרויעריקער און אַ דערשלאָגענער אַהיימגעפאָרן.

אין אַ יאָר אַרום איז ער ווידער געקומען צו פאָרן; ער האָט אויסגעזען שטאַרק פאַראָרעמט; ער איז געפאַ־ן צו די פיס פון רבין:

— רבי, איך האָב שוין פאַרלאָרן מיין גאַנץ פאַרמעגן; דאָס ווייב מיט די קינדער מאָגען אַ שטיקל ברויט; איך בין אַן אביון, ראַטעוועט!

האָט אים דער צדיק געענטפערט:

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט און כ׳קאָן עס דיר איבערחזרן.

— רבי!—האָט חיים געגעבן אַ געשריי.—באַפעל און כ׳וועל אַלץ טאָן, אַבי נישט צו שטאַרבן פון הונגער.

— גוט, — האָט דער רבי געזאָגט, — טאָ הער־זשע: פאָר אַהיים און ווער אַ גנב!

— אַ גנב זאָל איך גאָר ווערן? — האָט ער אויסגע־שריגן. — דאָס נישט, קיינמאָל נישט, איך וועל אויסגיין מיט מיין ווייב און קינדער פאַר הונגער, און קיין גנב וועל איך נישט זיין...

— כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז דו וועסט מיך נישט וועלן פאָלגן, מילא פאַרפאַלן; קיין אַנדער רעטונג זע איך נישט פאַר דיר.

חיים איז אַוועקגעפאָרן אַ דערשלאָגענער און צעבראָכענער מיטן באַשלוס, אַז ער וועט בעסער אומקומען און ער וועט די האַנט נישט אויסשטרעקן נאָך פרעמד האָב און גוטס.

אין שטוב איז שוין אַוועק צוויי וואָכן נאָכן צוריקקער; דאָס ווייב מיט די קינדער האָבן געחלשט אַ שטיקל ברויט; — וואָס טוט מען? דאָס וואָלט ער טאַקע נישט געטאָן, אָבער דאָס ווייב, די קינדער, וואָס זענען זיי שולדיק? — „פאַר זיי מוז

איך דאָס טאָן", האָט ער זיך געטראַכט, „איך קאָן נישט פאַר־נעמען זייערע טרערן".

אָבער דאָ איז אויפגעשווומען ביי אים אַ קשיא: „ווי אַזוי וועל איך מיך נעמען דערצו; קיין געלט אויף דער גאַס ליגט דאָך נישט, אַז מען זאָל עס קאָנען צוגנבענען; הייגט־זשע, ווען איך זאָל זיך אַפילו דעצידירן, וועל איך דאָך דאָס נישט קענען... וואָס טויג מיר אָבער דאָס אַלץ, מען מוז פּרוּוון".

קודם־כּל האָט ער געדאַוונט, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעטאָן יום־טובדיק אין דער איבערגעבליבענער קאַפּאָטע מיטן גאַרטל, ער איז אַרויף אויפן בוידעם, אויסגעזוכט אַ שטיקל טשוואָק און געוואַרט עס זאָל ווערן נאַכט. — פאַרפאַלן, ער וועט פּרוּוון.

נאָך האַלבער נאַכט, ווען ער איז אַוועק אויסקוקן אַן אָרט ווו צו גנבענען, איז די גאַנצע שטאָט שוין געשלאָפן; ער האָט זיך באַהאַלטן ביי די מויערן פון די הייזער. ענדלעך האָט ער מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ אָנגעהויבן צו באַטאַפּן דעם שלאָס ביי אַ געוועלב, נישט וויסנדיק אַפילו, וואָס ער טוט. אין מיטן דרינען האָט זיך דער שלאָס געעפנט; איז ער אַריין אינעווייניק און אַרויסגעצויגן דעם שופלאַד. עס איז דאָרט פול געווען מיט גאָלדענע, זילבערנע און קופערנע מטבעות. האָט ער אויסגעזוכט אַ קופערנע מטבע פון פינף קאָפּיקעס און אַזוי געזאָגט:

— רבונו של עולם! איך באָרג מיר די פינף קאָפּיקעס אויף ברויט, און וועל איך רייך ווערן, וועל איך זיי צוריק אָפּגעבן.

דערמיט איז ער אַרויס פון געוועלב. אין דער פרי, ווען דער אייגנטימער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער געמאַכט אַ געוואַלט, דען ער האָט די טירן געטראָפן אויפגעפּראַלט. עס איז געקומען פּאָ־ליציי און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלן בלויז פינף קאָ־פּיקעס. די פּאָליציי האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, וואָס קאָן דאָס זיין.

די אַנדערע נאַכט ווידער דאָס זעלבע, און אַזוי כסדר; אַ רעש איז געוואָרן אין שטאָט, אַז יעדע נאַכט געשעט אַן

איינבראָך אין אַן אַנדער געשעפט און אַפילו פון אייזערנע קאַסעס פאַרשווינדן בלויז קופּערנע פינפער-קאָפּיקעס. דאָס איז אָנגעקומען צום גענעראַל-גובערנאַטאָר. ער האָט באַפוילן, אַז ביי יעדן געשעפט זאָל מען אַוועקשטעלן אַ זעלנער אויף וואַך. אָבער אויך דאָס האָט גאָרנישט געהאָלפן. פינפער קאָפּיקעס, אַזוי ווי זיי זענען פריער פאַרשוואונדן, אַזוי פאַרשווינדן זיי איצט. און די שטאָבעס און שלעסער זענען געווען אָפן. דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל די זעלנער, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער וואַך ביי די באַגנבעטע געשעפטן, ברענגען צו אים פערזענלעך אויף אַ חקירה ודרישה. די זעלנער האָבן זיך געשוואָרן מיט כל-השבועות, אַז זיי האָבן געהיט אָן אויפהער און קיינעם נישט באַמערקט. דער גענעראַל האָט באַשלאָסן די זאַך אַליין צו דערגיין. אויף דער נאַכט האָט ער אַליין זיך איבערגעטאָן פאַר אַ גנב און ער איז אַרויסגעגאַנגען אויסשפּירן. ער האָט געשפּאַנט איבער די רייכע גאַסן, וווּ עס פלעגן פאָרקומען די פינף-קאָפּיקע-גניבות, און האָט גאָרנישט באַמערקט; ער האָט זיך שוין אומגעקערט אַהיים, מיטאַמאָל דערזעט ער אַ ייד, ווי ער גייט דרייסט צו צו אַ געשעפט פון צירונג; די אייזערנע טיר גיט זיך כהרף-עין אונטער, און ער גייט אַריין אינעווייניק.

איז דער גענעראַל אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט געזען, ווי ער האָט געעפנט די אייזערנע פייער-קאַסע, אויסגעזוכט פינף קאָפּיקעס און איבערגעחזרט, ווי געווייגלעך, אַז ער באַרגט בלויז אויף ברויט, און ווען ער וועט רייך ווערן, וועט ער אָפּ-געבן מיט ציגזן.

דער גענעראַל איז אים פּאַמעלעך אונטערגעקומען און, אַרויפלייגנדיק אַ האַנט אויף זיין אַקסל, האָט ער געזאָגט:

— האָב נישט קיין מורא, איך בין אויך אַ גנב; מיר ווענען, הייסט עס, חברים פון איין פאַך; און פאַר מיר האָסטו נישט וואָס מורא צו האָבן.

זעענדיק ווי דער ייד האָט זיך דערשראָקן, האָט ער ווייטער גערעדט:

— איך זע, אַז דו קאָנסט עפּענען שלעסער, טאָ לאָמיר מאַכן שותּפות. צו וואָס דאַרפסטו נעמען צו פינף קאָפּיקעס? זיי נישט קיין נאַר; — נו, געמאַכט?

דער ייִד האָט נישט געוואָלט מסכּים זיין; ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז נישט קיין שום גנב און אַז ער באַרגט זיך בלויז, און ער האָט געוואָלט אַרויסגיין. האָט דער גענעראַל געזאָגט צו אים:

— אויב דו וועסט מיך נישט נעמען פאַר אַ שותּף, וועל איך דיר איבערגעבן דער פּאָליציי, – ווי דו ווילסט! – דערביי האָט ער אים אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער; דער ייִד נישט וועלנדיק קאָמפּראָמיטירט ווערן, האָט מסכּים געווען מיטן תּנאי, אַז פון דעם געוועלב וועט ער מער גאָרנישט נעמען. דער גענעראַל האָט זיך צעלאַכט.

— איך האָב אַ בעסער געשעפט; ווען עס וועט זיך דאָס מאָל איינגעבן, וועלן מיר זיין די רייכסטע מענטשן אין שטאָט; נו, הער־זשע: איך זוך שוין לאַנג אַזעלכן ווי דו, ער זאָל קאָנען זיין אַ רואה־ואינו־נראה און וואָס זאָל קאָנען אויס־מיידן אַלע מכשולים. איצט, געפינענדיק דיך, איז מיין אַלטער פּלאַן פאַרווירקלעכט. אין אונזער שטאָט וווינט, ווי דיר איז באַקאַנט, דער גענעראַל־גובערנאַטאָר; זייער אַ רייכער; ביי אים אין אוצר ליגט בלויז אין גאָלד אַ מיליאָן רובל, און איידלשטיינער אָן אַ שיעור. לאָמיר־זשע צוזאַמען אַהינגיין. איך קען דאָרט יעדעס שפּעלטעלע אין פּאַלאַץ און כ׳ווייס, ווו עס געפינט זיך דער אוצר. דו וועסט זיך אַריינקריגן צו אים נישט באַמערקטער־הייט דורכן זעלנער, וואָס היט דעם אוצר. נאָך דער חלוקה וועלן מיר זיין רייך איין מאָל פאַר אַלע מאָל. — געמאַכט?

דער ייִד האָט לכתּחילה נישט געוואָלט מסכּים זיין, אָבער ער האָט זיך אונטערגעגעבן נאָך פאַרשידענע דראָאונגען. זיי זענען טאַקע אַוועק צום פּאַלאַץ; אַריינקומענדיק אינעווייניק האָט אים דער גענעראַל אָנגעוויזן דעם וועג צום אוצר, און

אַליין איז ער געבליבן און, צוטוליענדיק זיך צו דער מויער פון פּאַרקאַן, האָט ער געוואַרט אויף זיין צוריקקומען. אין אַ האַלבע שעה אַרום איז דער ייד צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. דער גענעראַל האָט מיט כּעס געפרעגט, וואָס זאָל דאָס באַ־דייטן, דערויף האָט אים דער ייד געענטפערט:

— איך בין שוין געווען ביים סאַמע אוצר, מיט אַמאָל האָב איך דערהערט, ווי אַ מענטש, וואָס זעט אויס ווי אַ לאָ־קיי, האָט גערעדט מיט אַ זעלנער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך: „ווען דער גענעראַל וועט קומען, — האָט דער ערשטער געזאָגט, — וועל איך אים געבן טיי אָדער קאַווע מיט סם. דערנאָך וועלן מיר באַגנבענען דעם אוצר און מיר וועלן אַנטלויפן קיין אויסלאַנד". דער זעלנער איז דערויף איינגע־גאַנגען. היינט וואָס האָב איך געזאָלט צונעמען? ניין, איך קאָן נישט; איך וועל בעסער אָנשרייבן צום גענעראַל, אַז ער זאָל נישט טרינקען די טיי. דער גענעראַל איז דאָך אַ גוטער מענטש. עס איז מיר אַ רחמנות אויף אים.

דער גענעראַל האָט נאָך אַמאָל געפּרווט צושטיין צו אים, ער זאָל צוריק גיין צום אוצר, אָבער אומזיסט.

ענדלעך האָט ער אים געזאָגט:

— איך וועל מער מיט אַזאַ נאַרישן גנב נישט האָבן צו טאָן.

און זיי זענען זיך צעגאַנגען.

אַז דער גענעראַל איז געקומען אין פּאַלאַץ אַריין, האָט שוין געטאָגט; ער איז אַריין צו זיך אין קאַבינעט און אָנגע־קלונגען צום לאָקיי, ער זאָל אים געבן עפּעס צו טרינקען. דער לאָקיי האָט זיך געפרעגט, וואָס דער גענעראַל וויל, טיי צי קאַווע. — טיי, — האָט געענטפערט דער גענעראַל. אין אַ מינוט אַרום האָט ער אים דערלאַנגט די טיי; דאָ האָט דער גענעראַל אַ פרעג געגעבן, צי די טיי איז זיס.—„יאָ", האָט דער לאָקיי געענטפערט, און דער גענעראַל, דורכקוקנדיק מכּלומרשט די פּאַפּירן, האָט געזאָגט גאַנץ תמעוואַטע: — „פּאַרזוכט!" דער לאָקיי האָט זיך געוואַקלט; דער גענעראַל האָט אים געגעבן

אַ קוק אָן און מיט אַ שטרענגער שטימע האָט ער געגעבן אַ באַפעל, ער זאָל אַליין פאַרזוכן. דער זעלנער האָט זיך גע־וואָלט צוריקציען צו דער טיר. דער גענעראַל האָט געגעבן אַ געשריי. אויף דעם רוף זענען אַריין עטלעכע זעלנער, וועלכע ער האָט באַפוילן תיכף צו שמידן אין קייטן דעם לאַקיי מיטן זעלנער, וואָס איז געשטאַנען ביים אוצר, דערנאָך האָט ער געגעבן דעם הונט אַביסל טיי, כדי צו איבערצייגן די אָנ־ווענדיקע עדות. דער הונט האָט נישט באַוויזן אַרונטערצו־שלינגען, איז ער אויגנבליקלעך געפאַלן טויט אויף דער פּאָד־לאָגע. נאָך דעם פאַרפאַל האָט דער גענעראַל אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל שיקן אַ פּאָר זעלנער נאָך דעם און דעם ייד, דען ער האָט שוין געוווסט, ווו ער וווינט. ווען מען האָט אים געפירט אויף דער גאַס געשמידט אין קייטן, האָט קיינער פון זיינע באַקאַנטע נישט געקאָנט פאַרשטיין, אין וואָס מען איז אָט דעם ערלעכן מענטש חושד; קיינעם איז אַפילו נישט געקומען אויף די געדאַנקען, אַז דאָס איז דער פינף־קאָפּיקע־גנב, וואָס די פּאָליציי האָט אים אַזוי לאַנג געזוכט. ווען מען האָט אים פאַרגעשטעלט פאַרן גענעראַל, האָט ער געהייסן, מען זאָל אים אַראָפּנעמען די קייטן, און ער האָט אים געפרעגט, צי ער דערקענט אים; האָט ער געענטפערט, אַז ניין. דאָ האָט זיך דער גענעראַל געווענדעט צו אים בזה־הלשון:

— געדענקסט היינט ביי נאַכט? איך בין דאָס געווען דער גנב, און דערנאָך האָב איך דיר אויפגעגעבן דאָס שטיקל אַרבעט ביים גענעראַל, וואָס איך אַליין בין עס; איך האָב דיך געוואָלט אויספּרוּוון; דאָס האָט מיר מציל געווען מיין לעבן. ווען נישט דו, וואָלטן די אויסוואורפן מיך געווען פאַרסמט; דיר אַלזאָ פאַרדאַנק איך, וואָס איך בין ניצול געוואָרן. דער־פאַר קריגסטו פון מיר אַ העלפט פון דעם געלט, דאָס הייסט אַ האַלבן מיליאָן רובל, אַזוי ווי מיר וואָלטן עס געגנבעט בשותּפות.

ער האָט תיכף איבערגעגעבן דעם ייד דאָס געלט און פון דעם טאָג אָן איז דער ייד געוואָרן נאָך רייכער ווי אַמאָל,

ער האָט אַלעמען אָפּגעגעבן די פינפער־קאָפּיקעס מיט הויכע צינזן.

אָט דאָס איז געווען דער סוד פון צדיק, וואָס האָט אים געהייסן ווערן אַ גנב. ער האָט שוין פאַראויסגעזען ברוח־הקודש, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען. דעריבער, אַז דער צדיק איז גוזר צו טאָן אַ זאַך, אַפילו ווען עס דאַכט זיך בעת־מעשה, אַז עס איז שלעכט, מוז מען דאָס אָבער אָן שום טענות־ומענות תיכף מקיים זיין".

אַלע זענען מיר געווען אַנטציקט פון דער מעשהלע, און מיר האָט זיך עס זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון אַזוי, אַז איך האָב עס דאָ ווערטלעך איבערגעחזרט.

אַזעלכע פאַרשידענע מיני מעשיות האָט ער אונז גאַנץ אָפט אָנדערציילט, און קיין נאַאיווע צוהערער האָבן אים קיינ־מאָל נישט אויסגעפעלט.

קאַפּיטל אכצן

אין די אָוונטן האָט מיך מיין קוזין געגעבן העברעאישע לעקציעס; אַ צייט אַוועק האָבן מיר געלעבט בשלום; לאַנג האָט דאָס אָבער נישט געדויערט; ער האָט צופיל זיך גע־שאַפט מיט מיר. איז איינמאָל אַרויסגעקומען אַ מחלוקה און פון דעמאָלט אָן האָבן מיר שוין בשלום נישט געלעבט.

פון דער היים האָב איך אָפט געקריגן בריוו, צום מערסטן פון דער מאַמען. דער בעסטער טאָג איז פאַר מיר געווען, ווען איך האָב באַקומען אַ ידיעה פון דער היים; דער טאַטע האָט בלויז געשיקט אַ גרוס און פון צייט צו צייט אַ פּאָר רובל. אַזוי איז אַוועק כמעט אַ האַלב יאָר. עס איז אָנגעקומען אוי־גוסט. אין אַ חודש אַרום האָב איך געהאַט בדעה אַהיימצופאָרן אויף יום־טוב. שוין מער ווי אַ וואָך האָב איך אָפּגעוואַרט אויף אַ תשובה, צי איך זאָל אַהיימקומען אויף יום־טוב, דאָך איז

עפעס קיין תשובה נישט געקומען; דאָס האָט מיך נאָך מער געחידושט, ווייל עס איז נישט געווען קיין וואָך, איך זאָל נישט קריגן קיין בריוו.

איין מאָל אין אַן אויף דער נאַכט, בעת איך בין געזעסן פאַרטראַכט איבער דער גמרא, איז צו מיר צוגעקומען דער משגיח; ער האָט מיר אויסגעפרעגט וועגן פאַרשידענע ענינים, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געטאָן. ווען ער איז אָפּגעטראָטן פון מיר, האָב איך באַמערקט, אַז עפּעס אַ פּאַפּיר איז אים אַראָפּגעפאַלן. איך האָב עס אויפגעהויבן, וועלנדיק עס אים איבערגעבן; ער אָבער — האָט מיר גאָר געהייסן נאַכזען, וואָס פאַר אַ פּאַפּיר דאָס איז, און ער האָט זיך אומישנע אָפּגעטראָגן. איך האָב באַמערקט, אַז דאָס איז אַ דעפּעשע. דאָס פּאַפּיר איז מיר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט און איך האָב פאַרלאָרן דאָס באַוווסטזיין.

ווען מען האָט מיך צוריקגעבראַכט צום באַוווסטזיין, בין איך אָפּגעפירט געוואָרן דורכן קוזין און נאָך אַ חבר אויף דער סטאַנציע; איך האָב מיר געריסן די האָר פון קאָפּ. איך האָב מיך געשלאָגן מיטן קאָפּ אָן וואַנט. ווען מען זאָל נישט געווען אויף מיר אַכטונג געגעבן, וואָלט איך זיך זיכער דערהרגעט; איך האָב נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן פאַקט, אַז מיין גע־ליבטע מאַמע לעבט שוין נישט, אַז זי איז אומגעקומען פון אַ האַרץ־אַטאַק און אַז איך בין אַ יתום; איצט האָט זיך מיר גע־דאַכט, אַז איך האָב שוין נישט פאַר וועמען צו לעבן און צו לערנען; איך האָב געוויינט גאַנצע נעכט.

די שבעה בין איך אָפּגעזעסן אין דער ישיבה, געדאַוונט און געזאָגט תהלים פאַר דער נשמה פון מיין טייערער מאַמע. איך בין גלייכגילטיק געוואָרן צו אַלעם, איך האָב נישט גע־וואָלט עסן. מיט כּוח האָט מען מיך געניייט צו עסן. נאָך צווי וואָכן בין איך אַזוי קראַנק געוואָרן, אַז מיין קוזין האָט אַרויס־געשיקט אַ דעפּעשע, אַז עס זאָל אימיצער קומען צו פאָרן.

אויפן אַנדערן טאָג האָט שוין געוואַכט איבער מיין בעט און מיך געפּלעגט מיין מאַמעס שוועסטער; איצט האָבן מיר

ביידע, ווי נאָר מיר האָבן זיך אָנגעקוקט, זיך צעוויינט און איך בין ביסלעכווייז געקומען צו זיך; איך האָב תיכף געוואָלט אהיימפאָרן, אויסוויינען זיך אויף איר קבר. נאָר די מומע האָט מיך בשום־אופן נישט געלאָזט אהיימפאָרן.

אפילו אויף יום־טוב — האָט די מומע געגעבן צו פאַר־שטיין — זאָל איך נישט אהיימפאָרן, ווייל אין דער היים איז זייער טרויעריק; דער טאַטע איז פון פאַרצווייפלונג אַרויסגעפאָרן קיין טיף־רוסלאַנד, כדי נישט צו קוקן אויף די יתומים, פון וועלכע די יינגסטע שוועסטער איז אַלט געווען צען חדשים. זי האָט מיר אָבער מבטיח געווען, אַז ווען אין דער היים וועט זיך אַביסל באַרואיקן, וועט זי מיר שרייבן און דעמאָלט וועל איך קאָנען קומען צו פאָרן. איך האָב איר געמוזט נאָכ־געבן; נאָך צוויי וואָכן מיך פלעגן איז זי צוריק אהיימגעפאָרן.

טרויעריק זענען מיר איצט אַוועק די טעג. ענדלעך איז אָנגעקומען דער ווינטער. דעם טויט פון דער מאַמען האָב איך דערפילט וואָס אַמאָל שטאַרקער; פון דער היים וואָס אַמאָל ווייניקער בריוו; קיין געלט איז אויף עפּעס נישט אָנגעקומען. די צען רובל, וואָס די מאַמע האָט מיר געגעבן צום אָנדענקען, האָב איך שוין לאַנג אויסגעגעבן. איך האָב אהיימגעשריבן איין מאָל און נאָך אַמאָל, איך האָב אָבער נישט געקריגן קיין שום תשובה. דאָס אַלץ האָט באַוויזן, ווי אימיצער וואָלט גע־דאַרפט קומען צו פאָרן. מיט דעם געדאַנק האָב איך אָפּגע־וואַרט יעדן אָוונט דאָס אָנקומען פון צוג, לעבנדיק מיט דער האָפנונג, אפשר וועל איך אימיצן דערזען פון דער משפּחה, — אומזיסט!

אַ געוויסן אָוונט האָב איך געטראָפן אַ באַקאַנטן סוחר, דעם פּאָליאַק ה׳ ס., וועלכער איז נישט איין מאָל געווען דער גאַסט פון מיין טאַטן. איך האָב מיך פון דער באַגעגעניש אומגעהייער געפרייט. איך האָב אים ביי דער געלעגנהייט דערציילט מיין לאַגע. ער האָט מיר איבערגעלאָזט צען רובל און צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט אהיימקומען וועט ער ערליי־דיקן מיין בקשה. עס האָט מיך געחידושט, וואָס ער ווייסט

גאָרנישט וועגן דער מאַמעס טויט. איך האָב גערעכנט, אַז וועגן דעם דאַרף וויסן די גאַנצע וועלט.

ענדלעך האָב איך דערהאַלטן פּופּצן רובל פון טאַטן מיט אַן אָנזאָג, אַז איצט האָט ער אַנדערע דאגות אויפן קאָפּ און דעריבער מוז איך מיר אַליין אַן עצה געבן אָן זיין הילף און באַמיען זיך וועגן „טעג", ווייל ווייטער וועט ער מיך אויף אייגענע קעסט נישט קאָנען אויסהאַלטן. דערביי האָט ער צו־געגעבן, אַז איך זאָל בכלל פון אים פאַרלאַנגען וואָס ווייניקער שטיצע.

איך האָב מיך אויסגעווינט ביים לייענען דעם בריוו, אָבער וואָס קומט אַרויס, פאַרפאַלן, איך האָב באַשלאָסן צו באַמיען זיך וועגן „טעג" און צו דעם צוועק בין איך אַוועק אין עק שטאָט, וויסנדיק, אַז דאָרט קאָן מען עס צום לייכטסטן קריגן, ווייל יעדער ישיבה־בחור האָט זיך באַמיט וועגן „טעג" אמנאָענטסטן צו דער ישיבה.

נאָך גרויסע שוועריקייטן און דערנידערונגען האָב איך אויף איינער פון די גאַסן אין דער פאַרשטאָט געקריגן אַ מאָנ־טאָג, אַ דינסטאָג, אַ מיטוואָך און איין טאָג אַ געצאָלטן אין דער הויך פון צען קאָפּיקעס, ווידער אויף אַן אַנדער גאַס — אַ דאָנערשטאָג.

מיין ערשטער „טאָג" איז אויסגעפאַלן אין אַ דאָנערשטאָג. ווען איך בין געקומען האָט מיך די באַלעבאָסטע אַליין באַ־דינט ביים טיש. די פרוי איז שוין נישט געווען פון דער ער־שטער יוגנט; זי האָט מיך צוגערעדט צו עסן, און זעענדיק, אַז איך שעם מיך פאַר איר, איז זי אַרויסגעגאַנגען אין דער צווייטער שטוב אריין, פון וואַנען עס האָט זיך דערטראָגן צו מיר אַן איינגעהאַלטן לאַכן. עסנדיק, האָב איך באַוווּנדערט דעם רייך־געדעקטן טיש. איך האָב מיך געפרייט מיט אַזאַ גוטן „טאָג". נאָכן אָפּעסן פרישטיק, ווען איך האָב אָפּגעבענטשט, איז די באַלעבאָסטע נאָך אַמאָל אַריינגעקומען אין שטוב אַריין. זי האָט מיך באַטראַכט אַ ווײַלע און ביים אַוועקגיין האָט זי מיר דערלאַנגט אין אַ פּאַפּיר ס'צווייטע פרישטיק, בעטנדיק, אַז

איך זאָל עס צונעמען. דעם מיטאָג האָט זי מיך באַשטעלט אויף פינף אַ זייגער פינקטלעך, צו וואָס איך האָב מיך געניי צוגעפּאַסט. נאָכן אָפּעסן מיטאָג האָב איך געקריגן פופצן קאָפּיקעס אויף נאַכט-עסן, כדי איך זאָל נישט דאַרפן אויף דער נאַכט גיין אַזאַ שטיק וועגס און בלאָנדזשען אויף דער פּוסטער פאָרשטאָט.

פון דאָזיקן „טאָג" בין איך געווען אומגעהייער צופרידן, צו די הונגעריקסטע טעג האָב איך גערעכנט די דינסטאָגס. דער דאָזיקער „שפּייזער" מיינער איז געווען אַ רייכער אייגנטימער פון אַן אייל-שלעגעריי. דעם מיטאָג האָט מען אויפגעבן אויף פּרעכטיקע טעלער מיט אַ זילבערנעם לעפל, אויף וועלכן עס האָט זיך געזען דער מאָנאָגראַם נ. ס.. נאָר די מאכלים אויף די טעלערס זענען באַשטאַנען פון אַזעלכע נישטיקע פּאָרציעס, אַז זיי האָבן אַפילו מיין ישיבהשן מאָגן נישט געשטילט. מען האָט אויך דערלאַנגט אַ גאַנץ לעבל ברויט, וואָס האָט געוואַלדיק גערייצט מיט זיין געשמאַק. ליידער, האָט מען כסדר פאַרגעסן צוצוגעבן אַ מעסער. און פון העפלעכקייטס וועגן, וואָס עס איז געווען נישט עפּעס אַנדערש ווי חוזק מאַכן פון מיר, האָט מען געפרעגט, פאַרוואָס איך שנייד מיר נישט אָפּ קיין ברויט. שעמענדיק זיך צו בעטן אַ מעסער, בין איך כסדר אַוועקגעגאַנגען פון טיש אַ הונגעריקער.

אין אַ צייט אַרום בין איך קליגער געוואָרן, — איך האָב מיר געקויפט פאַר דריי קאָפּיקעס אַ טאַשן-מעסער און דערמיט האָב איך שוין געשניטן דאָס ברויט. דעמאָלט האָט זיך מיין שפּייזער גגעכאַפּט אויף אַן אַנדער המצאה, — ער האָט אויפגעהערט צו דערלאַנגען גאַנצע לעבלעך ברויט; ער האָט פון איצט אָן אַוועקגעלייגט אויפן טעלער איינס אָדער צוויי שטיקלעך, און אַ סך מאָל איז דאָס אַפילו געווען איבערבלייבעכץ. בין איך ווייטער אַוועקגעגאַנגען אַ הונגעריקער. עס איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס אויפן דאָנערשטאָגדיקן טאָג האָב איך געוואַרט, ווי אויף אַ ישועה; איך האָב דעמאָלט אויסגעפילט דעם מאַנגל אין מיין אָרגאַניזם פון אַ גאַנצער וואָך,

בין איך טאַקע, טראָץ דעם ווייטן וועג, תּמיד געגאַנגען אַהין מיט חשק.

אַזוי זענען אַוועק אַ פּאָר דאָנערשטאָגס, ביז איין מאָל בין איך געקומען אויף פרישטיק אַביסל פריער, ווי געוויינלעך. אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון דער עס־שטוב, האָב איך דערזען אין מיטן שטוב שטיין אַ בעט, און דערין מיין באַלעבאָסטע, לעבן וועלכער עס איז געלעגן עפּעס אַ הויכער מאַנספּאַרשוין. געפינענדיק זיך אין אַזאַ נישט־אָנגענעמער לאַגע, בין איך שטיין געבליבן אַ פּאַרשעמטער, נישט וויסנדיק, וואָס מיט זיך צו טאָן; ערשט נאָך עטלעכע מינוט האָב איך זיך צוריקגעצויגן, אום וואָס גיכער צו פאַרלאָזן דאָס הויז. זעענדיק דאָס, האָט מיך די באַלעבאָסטע געבעטן, איך זאָל מיך אויפהאַלטן אין דער קיך, ביז זי וועט זיך אָנטאָן. איך האָב איר ביטע דערפילט.

אין אַ מינוט שפּעטער האָב איך אויפגעגעסן דאָס אָנבייסן, ווערנדיק ווידער באַדינט דורך מיין שפּייזערין, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ראָזן שלאָפראָק. דער מאַנספּאַרשוין, וועלכער איז געווען אַ רוסישער אָפיציר, האָט חוזק געמאַכט פון איר, נישט שטערנדיק זיך מיט מיין אָנוועזנהייט. פאַרמאַכנדיק די אויגן, כדי נישט צו קוקן אויף אַזאַ אויסגעלאַסנקייט, האָב איך מיך באַמיט וואָס גיכער אויפצועסן דאָס אָנבייסן, און איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז איך וועל שוין קיינמאָל דאָ נישט צוריקקומען. נאָכן אָנבייסן, נישט בענטשנדיק אַפילו, בין איך אַוועקגעגאַנגען. נאָך מיר איז באַלד אַרויס די באַלעבאָסטע, וועלכע האָט מיך שטאַרק איבערגעבעטן. נישט ענטפערנדיק גאָרנישט, האָב איך מיך שנעל אָפּגעטראָגן פון אָט דעם הויז. ביז דעמאָלט וואָלט איך קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז אָט די גוטע און איידעלע שפּייזערין מיינע איז גלייכצייטיק אַ באַלעבאָסטע פון אַן אויסגעלאַסן הייזל, און דערצו גיט זי זיך אַליין אָפּ, ווען עס קומט עמיצער פון די בעסערע געסט.

דעמאָלט האָב איך נאָך נישט געהאַט קיין השגה דערפון.

אַז אויף דער דאָזיקער גאַס שטייט אַ גאַנצע ריי אַזעלכע הייז־לעך, אין וועלכע די לאָדנס זענען בייטאָג פאַרמאַכט און אויף דער נאַכט ברענט פאַר יעדן פון זיי אַ רויטע לאַמטערנע.

פון וואַנען האָב איך, אַ ישיבה־בחור, געקאָנט דערפון וויסן? אַזוי האָב איך אויך נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן די אָרגיעס, וואָס עס זענען פאָרגעקומען אין דער שטוב, ווו איך האָב געגעסן.

עס איז מיר אַ שאָד געווען דורכצולאָזן דעם דאָזיקן גוטן „טאָג", אָבער דאָס באַוווּסטזיין, אַז די דאָזיקע פרוי קאָן מיר געבן אַפילו טריפה עסן, האָט מיך אָפּגעשטויסן. נאָכן קו־מען אין דער ישיבה אַריין האָב איך געשטרעבט מיט ברען צום לערנען; איך האָב באַשלאָסן צו רעזיגנירן פון דעם דאָזיקן „טאָג".

פאַר מיינע אויגן איז די גאַנצע צייט געשטאַנען דאָס בילד, וואָס איך האָב דערזען ביים אַריינגיין... טראַכטנדיק וועגן דעם, האָבן זיך מיר אָנגערוקט די זכרונות פון די צייטן, ווען איך בין איינגעשטאַנען אויף דער ערשטער סטאַנציע, און די מינוטן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין די אָרעמס פון דער באַלעבאָסטע. די אַלע זכרונות האָב איך געוואָלט פאַרטרייבן מיט לערנען אויפן קול. בחינם! — די קראַנקהאַפטע פאַנטאַזיע האָט מיך נישט דערלאָזן דאָס פאַרגעסן.

אין אַט אַזאַ מצב פון אינערלעכן געראַנגל האָט זיך דערנענטערט די מיטאָג־צייט. איך האָב מיך באַמיט זיך אַליין איינצורעדן, אַז עס איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן, — איך קאָן דאָך אַהין נישט גיין. איך טאָר דאָך נישט! מיט אַט דעם חשק האָט געקעמפט דער מאָגן. ער טאַקע האָט מנצח געווען. אין דער באַשטימטער צייט בין איך געגאַנגען אויף מיטאָג, בעת וועלכן זי האָט מיך, ווי תמיד, באַדינט, נאָך העפלעכער אַפילו.

אין איינעם אַ דאָנערשטאָג נאָך מיטאָג האָט זי זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט מיינע פאַמיליע־פאַרהעלטענישן. איך האָב איר אַלץ דערציילט. איך האָב מיך דערביי שטאַרק איבערגענומען מיטן טויט פון דער מאַמען, וועלכע איך האָב אַזוי ליב געהאַט.

זי האָט זיך אויך פאַרטרויט פאַר מיר איבער איר לאַגע, באַקלאָגנדיק זיך אויף די מענטשן, וואָס האָבן זי אַריינגעצויגן אין אָט דער בלאָטע פון זינד און אויסגעלאַסנקייט.

נאָך דעם קעגנזייטיקן פאַרטרויען זיך האָט זי מיר געהייסן קומען אַלע טאָג; זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל איר דערציילן מיינע דאגות און זי וועט זיך באַמיען צו פאַרנעמען זיך מיט מיר, ווי אַ מאַמע. איך האָב מיך דערביי געוואָקלט, ווייל נאָך דער מאַמעס טויט, וועלכע איך האָב אַזוי ליב געהאַט, בין איך באמת געוואָרן אַ גאָטספאָרכטיקער און פלייסיקער תלמיד פון דער ישיבה; איך בין געווען בטוח, אַז דערמיט העלף איך דער מאַמען אין גן־עדן. איך האָב הייליק געגלויבט אין דעם; יעדן טאָג האָב איך מתפלל געווען פאַר איר נשמה, געזאָגט תהילים און געלערנט משניות.

די דאָזיקע פּראָפּאָזיציע, וואָס איז פאַר מיר געווען אומגעהייער פיינלעך, האָט אָבער פאַרט מנצח געווען. פון דעם טאָג בין איך געוואָרן איר הויז־קינד. וואָס אַמאָל לענגער האָב איך פאַרבראַכט ביי איר און עפּעס האָט עס מיך גאָרנישט געצויגן אין דער ישיבה אַריין. אַזאַ פּלוצלונגדיקע צוגעבונדנקייט צו איר האָב איך מיר נישט געקאָנט אויסטייטשן. דאָס דאָזיקע נייע לעבן האָט געבראַכט דערצו, אַז איך האָב אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקן דאָס לערנען, איך האָב מיך אָבער געהיט דערמיט פאַר מיין שוועסטערקינד, וועלכער האָט אויף מיר געהאַט אַ וואַכעדיק אויג.

דער צופאַל האָט אָבער געמאַכט, אַז בקרוב בין איך פּטור געוואָרן פון דאָזיקן אַפּוטרופּוס. ער איז פּלוצלונג אַהיימגערופן געוואָרן צוליב זיין פאָטערס קראַנקהייט, וואָס עס איז, דאַכט זיך, געווען בלויז אַן אויסרייד. די אמתע סיבה גאָר איז געלעגן דערין, וואָס מען האָט זיך דערוווסט וועגן זיינע ליבעגעשעפטלעך און ראָמאַנסעלעך, האָט מען דעריבער באַשלאָסן אים חתונה צו מאַכן מיט עפּעס אַ פּאַסיקער מיידל און דערצו מיט אַ גרויסן נדן.

נאָך זיין אַוועקפאָרן, און נישט האָבנדיק קיינעם, וואָס

זאָל האָבן אַן אויפמערקזאַם אויג אויף מיין התנהגות, האָב איך מיך אין גאַנצן אָפּגעלאָזט פון לערנען, און די פרייע צייט האָב איך פאַרבראַכט ביי מיין אַפּוטרופּוסטע. עפּעס אומבאַ־שטימטס האָט מיך צוגעשמידט צו איר; איך האָב מיר נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, צו וואָס עס קאָן דערפירן אַט אַזאַ מין צוזאַמענלעבן.

אָפטמאָל האָט געטראָפן, אַז ווען איך בין ביי איר געזעסן אויף דער נאַכט, אין מיטן אונזערס אַ שמועס, האָט מען זי אַוועקגערופן אין דער צווייטער שטוב אַריין, און וועלכער איך האָב קיינמאָל נישט געוואָלט אַריינשמעקן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָרטן טוען זיך אָפּ מעשים, וואָס זענען נישט אין הסכם מיט צניעות. אַרויסגייענדיק, האָט די פאַרזאָרגערין מיר שטענדיק געבעטן, אַז איך זאָל אויף איר וואַרטן. אָבער נישט קאָנענדיק זיך אויף איר דערוואַרטן, בין איך נישט איינמאָל, אָן זיך צו געזעגענען, אַהיימגעגאַנגען. איך האָב דעמאָלט מיט מיטלייד דאָס הויז פאַרלאָזט. יעדעס מאָל אָבער, ווען זי איז באַלד צוריקגעקומען, האָב איך באַמערקט, אַז עס איז אין איר פאָרגעקומען עפּעס אַ שינוי; עס איז מיר אַ שאָד געווען די פרוי און איך האָב זי דעמאָלט געבעטן, אַז זי זאָל אַוועקוואַרפן איר זינדיק לעבן. איך האָב איר געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גרויסן חטא זי באַגייט דאָס גאַנצע לעבן. אויך וועגן די יסורים אין גיהנום האָב איך נישט איין מאָל גערעדט.

זי האָט זיך דאַן טרויעריק פאַנאַנדערגעשמייכלט, זאָגנדיק:

— אוי, דו צדיקותדיק קינד מיינס, זיי נישט קיין שוטה! און ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו דעמאָלט פאַרשטיין, אַז דאָס לעבן צווינגט נישט איין מאָל צו זינדיקן.

אין אַ צייט אַרום, זעענדיק, אַז איך וועל זי נישט צוריקברענגען אויפן דרך־הישר, בין איך צוריקגעקומען אין דער ישיבה און איך האָב באַשלאָסן, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט אַהינגיין.

אין משך פון דער צייט האָב איך אויך געענדערט די סטאַנציע, ווייל איך האָב נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן

דירה־געלט. איך האָב געמוזט נהנה זיין פון חסד פון אַ געוויסן טישלער, וועלכער האָט געהאַלטן פאַר זיין פליכט מיר צו קומען צו הילף, אַלס אַ ישיבה־בחור.

ליידער מיין באַשלוס אין גאַנצן איבערצוּרייסן מיט דער דערמאָנטער אַפּוטרופּוסטע איז געווען אַ וואַקלדיקער. איך האָב מיך לאַנג נישט אַנטקעגנגעשטעלט דעם יצר־הרע און איך בין צוריקגעקומען צו איר. אַזוי איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג און אַ חודש נאָך אַ חודש. זי האָט מיך געוווּנען מיט איר אויפּזיכט און זי האָט מיך נישט בלויז געשפּייזט, נאָר זעענדיק מיין אָפּגעטראָגענעם אַנצוג און אויסגעטרעטענע קאַמאַשן, האָט זי מיר געקויפט נייע. האָבנדיק איבער זיך אַזאַ אויפזיכט, האָב איך נישט געפילט קיין נויט; עס איז מיר אָבער זייער נישט אָנגענעם געווען און איך האָב געהאַט אַ האַרץ אויפן טאַטן, וואָס ער האָט אין מיר אין גאַנצן פאַרגעסן; איך האָב מיך נאָך געטרייסט מיטן געדאַנק, אַז אפשר איז דאָס בלויז אַ צייטווייליקער פּרווו, צי איך וועל זיך קאָנען אַן עצה געבן אין אַ נויט און בלייבן ביים לערנען. איך האָב געמיינט, אַז שפּעטער וועט ער מיר ווייטער שענקען זיין אויפמערקזאַמקייט.

קאַפּיטל נייַנצן

ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָב איך באַגעגנט דאָס 1913־טע יאָר. דער ווינטער האָט זיך מיר שטאַרק געלאָזט פילן. האָבנדיק צוויי לעקציעס צו אַ רובל מיט פופציק קאָפּיקעס פאַר לערנען שרייבן יידיש און לשון־קודש, האָט עס מיר געקלעקט אויף קליינע הוצאות.

די „טעג״, וועלכע זענען ווייטער געווען באַשרענקטע, האָב איך אַוועקגעוואָרפן און על־פּי־רוב האָב איך געגעסן ביי מיין אַפּוטרופּוסטע. דאָס האָט געבראַכט דערצו, וואָס איך האָב זי אָנגעהויבן לערנען שרייבן. עס האָט מיר זייער הנאה געטאָן,

וואָס זי האָט געמאַכט אומגעווײנלעך גיכע פּאָרטשריט. אָבער הײנט, ווען איך טראַכט וועגן דעם, בין איך איבערצײַגט, אַז זי האָט געקענט שרײַבן; דאָס איז געווען פון איר זײַט אַ תּירוץ, אַז זי זאָל מיר קאָנען נאָך מער שטיצן.

איך האָב נישט אײן מאָל געפילט, אַז דאָס דאָזיקע אַפּוטרופּסות אַנטשפּרעכט נישט פאַר מיר, אַז איך גײ אין אַ שלעכטן וועג; עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז גאַנצע טעג פלעג איך נישט אַרײַנקוקן אין דער ישיבה אַרײַן, פאַר וואָס מען האָט מיר מתרה געווען און געדראָט מיט אַרויסוואַרפן. נאָך ערגער: עס האָט געטראָפן, אַז נישט אײן מאָל האָב איך אַפילו פאַרנאַכלעסיקט קדיש צו זאָגן, און איך האָב דאָך באַדאַרפט אַ גאַנץ יאָר קדיש זאָגן נאָך דער מאַמען. האָט מיך טאַקע נישט אײן מאָל דאָס געוויסן געפּלאָגט.

אין אַזעלכע מינוטן האָב איך צוריקגעקערט אין דער ישיבה אַרײַן, בעטנדיק רחמים בײַם אויבערשטן, ער זאָל מיר געבן כּוח מלחמה צו האַלטן מיטן יצר־הרע; איך האָב אויף זיך גענומען דעם עול־תּשובה, פאַרטיפנדיק זיך אין לערנען אַפילו אין די נעכט. איך האָב געגלויבט אין מאמר פון דער גמרא: „אויב עס באַגעגנט דיך דער יצר־הרע, שלעפּ אים אַרײַן אין בית־המדרש; און אַפילו דעמאָלט, ווען ער וועט זײַן אַזוי האַרט ווי אַ שטײן אָדער אײַזן, וועסטו אים צערײַבן". האָב איך געזוכט אַ רעטונג, אַנשטרענגענדיק דעם כּח־הרצון, איך זאָל אײַנזיצן בײַ דער גמרא. אָט דאָס ראַנגלעניש האָט קײנמאָל נישט געדויערט לענגער, ווי צווײ אָדער דרײַ טעג; נאָך דעם בין איך אָבער ווידער געלאָפן צום הײַזל מיט דעם רויטן לאַמטערן...

דעמאָלט האָט זי מיר געמאַכט פאַרוווּרפן, פאַרוואָס איך האָב אָן איר פאַרגעסן. איך האָב מיך ווידער באַמיט איר אויסצווײַזן, אַז זי גײט אויף אַ וועג, וואָס פירט אין גיהנום אַרײַן, און דעריבער האָב איך זי געבעטן, אַז זי זאָל אָפּקערן פון שלעכטן וועג. ווען איך האָב איר אַזוי גערעדט צום האַרצן, האָט זי מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט, נישט איבעררײַסנדיק

אָבער ווי איך פלעג נאָר ענדיקן, פלעגט זי אויסברעכן אין אַן אומאויפהערלעכן געלעכטער.

נאָך אַזעלכע שמועסן איז אין מיר מיטאַמאָל אַנטשטאַנען אַ געפיל, ווי די ישיבה וואָלט מיר פאַרמיאוסט געוואָרן; איך האָב אַרומגעשפּאַנט ווי אַ לונאַטיק. די חברים האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערווייטערן פון מיר, באַמערקנדיק ביי מיר אַ מאָדנעם שינוי.

מיט אַ געוויסער צייט שפּעטער, ווי איך האָב פאַרנאַכלעסיקט דאָס לערנען, בין איך גערופן געוואָרן צום ראש־ישיבה.

נאָך צוויי שעה מוסר זאָגן און אויספאָרשן מיך וועגן דעם, וואָס עס האָט געבראַכט צו מיין ירידה, האָט ער מיך געוואָרנט, אַז אויב איך וועל מיך נישט פאַרבעסערן, וועט ער מיך באַזייטיקן פון דער ישיבה, וועגן וואָס ער וועט מודיע זיין מיין טאַטן.

ווייזנענדיק האָב איך מבטיח געווען, אַז איך וועל מיך פאַרבעסערן, איך האָב מיך אָבער נישט מודה געווען דערין, וואָס עס האָט דערפירט צו מיין פאַרנאַכלעסיקן דאָס לערנען. איך בין שוין געווען אויף אַזוי פיל קליגער, אַז אַנשטאָט זיך מודה צו זיין, ווי אין ל... האָב איך, פאַרקערט, באַמיט זיך אַרויסצודרייען מיט שקרים, וואָס עס האָט זיך מיר טאַקע איינגעגעבן. וואָס אַן אמת, איז אָט דער ראש־ישיבה געווען אַ קלענערער פסיכאָלאָג פון דער מענטשלעכער נשמה, און דערפאַר האָט זיך מיר איינגעגעבן דער שקר.

עס האָט זיך דערנענטערט דער פרילינג. די שיינקייט פון דער נאַטור האָט אויף מיר געווירקט צום גוטן. איך האָב אָנגעהויבן אויפריכטיק צו אַרבעטן לטובת מיין פאַרבעסערונג; איך האָב מיך ווידער גענומען מיטן גאַנצן ברען צו דער גמרא. ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען די גאַנצע אויסזיכטלאָזיקייט פון מיין שטרעבן צו באַקערן מיין אַפּאטרופּוסטע. איך האָב אויפגעהערט צו איר צו גיין און האָב מיך גענערט פון „קעסל״. דערביי האָב איך געקריגן אַ שטענדיקע שטיצע פון דער ישיבה צו צוואַנציק קאָפּיקעס אַ וואָך.

כדי אויסצוהאַלטן און ווידער נישט אונטערצוגעבן זיך דעם יצר־הרע, האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די שטאָט און אויף יום־טוב אַהיימצופאָרן מיט דער דעה קיינמאָל אַהער נישט צוריקצוקומען.

איך האָב געשטרעבט אַהיימצופאָרן, כדי צו דערוויסן זיך, וואָס עס האָט געבראַכט דערצו, אַז נאָך דער מאַמעס טויט האָט קיינער נישט געשריבן צו מיר און זיך נישט אינטערע־סירט מיט מיין לעבן. אַזאַ פירונג פון טאַטן האָט מיר זייער וויי געטאָן. איך האָב דעריבער געשטרעבט אַראָפּצונעמען דעם שלייער פון אָט דעם סוד און ווידער צוריקצוגעווינען די גונסט פון טאַטן.

אַ פּאָר טעג פאַר פסח האָב איך אַליין געמאַכט אַ נסיעה מיט דער באַן צו מיינע מקומות. ליידער, נישט האָבנדיק קיין געהעריקע מיטלען, האָב איך געמוזט ווערן אַ פּאַסאַזשיר מיט דעם בלויזן רעכט צו פאָרן אונטער דער באַנק לויטן הסכם פון קאָנדוקטאָר, וועלכער האָט פאַר דעם פאַרגעניגן גענומען 75 קאָפּיקעס; דאָס האָט אויסגעמאַכט אַ פערטל דערפון, וואָס עס קאָסט אַ בילעט.

דאָס דאָזיקע אָרט פון מיין נסיעה איז געווען אַ זייער נישט אָנגענעמס. דושנעקייט, עיפוש און שטויב האָבן מיך גע־וואַלדיק געפּייניקט; אָבער אויף צו פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע אָרט האָט מיר אויסגעפעלט מוט; האָב איך מיך טאַקע צוגעפּאַסט צו די ווערטער פון קאָנדוקטאָר, אַז ער וועט מיר געבן אַ צייכן, ווען איך וועל קאָנען אַרויס פון מיין באַהעלטעניש. נאָך אַ פּאָר שעה פון דער דאָזיקער מאַטערנדיקער נסיעה בין איך איינגעשלאָפן, באַלד בין איך אָבער אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ שטאַרקן שטויס. עמיצער האָט מיך געצויגן פאַר די פיס, שעלטנדיק לויט דעם רוסישן נוסח. דאָס איז געווען דער קאָנטראָלער, וועלכער האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרטשעפּעט אָן מיינע פיס, אַז ער איז אַזש אומגעפאַלן.

זייענדיק פאַרשלאָפן און איבערגעשראָקן פון דער דאָזי־זיקער פלוצלונגדיקער איבערוועקונג און דערצו באַלייגט מיט

די אמתע קלעפּ, האָב איך קוים פאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס גייט. דער אייגענער קאָנדוקטאָר, וואָס האָט גענומען פון מיר די 75 קאָפּיקעס, האָט מיך איצט געהאַלטן פעסט ביים קאָלנער, דונערנדיק מיט זיין שטים, איך זאָל אים ווייזן דעם בילעט. ווען איך האָב מיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן, אַז דער קאָנ־דוקטאָר האָט גענומען פון מיר געלט, האָט ער מיך אָנגעהויבן אַזוי געוואַלדיק צו טרייסלען, אַז איך בין נישט געווען אימ־שטאַנד מער גאָרנישט צו רעדן.

ענדלעך האָט מען מיך איבערגעגעבן אַ זשאַנדאַרם אין די הענט אַריין. ער ווידער האָט מיך קודם־כל געפרעגט מכּוח אַ פּאַס. נאָכן אויסלעגיטימירן בין איך געוואָרן אָפּגעשיקט מיט אַ טראַנספּאָרט אין פּאָוויאַט אַריין.

אין אַ געוויסער צייט אַרום איז נאָך מיר געקומען אַ באַלעגאָלע פון מיין היים־שטאָט. ער האָט פאַר מיר גאַראַנטירט מיט זיין אונטערשריפט, ד. ה. דורך שטעלן דריי צייכנס אויף אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר, דערנאָך האָט ער מיך אַהיימגענומען. אויפן וועג האָב איך נאָכגעטראַכט, וואָס עס דערוואַרט מיך נאָך אַ יאָר נישט זיין אין דער היים. וועלנדיק זיך דערוויסן, וואָס עס הערט זיך אין דער היים, האָב איך זיך נאָכגעפרעגט ביים באַלעגאָלע, אָבער ער האָט נישט גערן געענטפערט אויף מיינע פראַגן, אָפּפּטרנדיק מיך מיט האַלבע ווערטער, פון וואָס איך האָב געדרונגען, אַז ער איז נישט גינסטיק געשטימט פאַר אונזער הויז. דאָס איז געווען דער אייגענער באַלעגאָלע, מיט וועלכן איך בין אין זיינער צייט געפאָרן אויף יום־טוב פון דער ישיבה, נאָכגייענדיק נאָכן וואָגן. דאָס מאָל האָט ער גע־האַט אַ סך בעסערע פערד, האָבן מיר טאַקע נישט געדאַרפט שפּאַנען צו פוס. די נסיעה איז געווען אַ פאַמעלעכע און איך האָב זיך געטרייסלט הין און צוריק.

צווישן די פּאַסאַזשירן זענען געווען אַ פּאָר באַקאַנטע מענטשן, וואָס האָבן מיט רחמנות געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ יתום, און צווישן די ווייבער האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו לויבן די מעלות פון מיין מאַמען. פון אַלע

זייטן זענען געפאַלן פראַגן, אַזוי אַז איך האָב נישט געוווּסט, אויף וועלכער פריער צו ענטפערן.

מיט אונז איז אויך געפאָרן דער אַפּטייקער פון שטעטל, אַ פּאָליאַק; ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט מיר, און ווען מען האָט אים אינפאָרמירט, אַז איך שטודיר אַ רב, האָט ער מיר אויפגעגעבן אַ פּאָר פראַגן: פאַר וועלכן קעניג זענען די יידן געקומען קיין פּוילן, ווי עס הייסט דער ערד־טייל, וווּ עס ליגט ארץ־ישראל, און אַ סך זאַכן. לײדער אויף קיין איינע פון די פראַגן האָב איך נישט געוווּסט צו ענטפערן.

נאָך דעם עקזאַמען האָט ער אָנגעהויבן צו לאַכן, און ווען איך האָב אים, אויף זיין פראַגע, ווי אַלט איך בין, גע־ענטפערט, אַז פופצן יאָר, איז ער ערשט אַרויס מיט אַ שטאַרק געלעכטער, אַז אַלע האָבן אים אָנגעקוקט מיט פאַרווונדערונג. זעענדיק מיין טרויעריקע מינע, האָט ער מיך אויסגעפרעגט, וואָס מען לערנט בכלל אין דער ישיבה. און ווען איך האָב אַ פאַרשעמטער אויף דער דאָזיקער פראַגע נישט געהאַט קיין תשובה, איז מיר געקומען צו הילף אַ קרעמער י... און האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען לערנט אין די ישיבות וועגן הימל־זאַכן און אַנדערע וויכטיקע ענינים. דער אַפּטייקער האָט זיך נאָך מער צעלאַכט; אַ באַליידיקטער האָט י... באַלד אָנגעהויבן אַ וויכּוח וועגן וועלטלעכער בילדונג. וואָס שייך וועלטלעכער בילדונג איז י... ביי אונז אין שטעטל פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ משכּיל. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער ליב געהאַט אַרויסצווייזן זיין בילדונג, און ווי ער האָט אַליין דערציילט, האָט ער אַפילו איינמאָל אָנגעשריבן אַ פּראָשעניע צום סאַמע פּאָליצמייסטער, פון וואָס ער איז ביי זיך געווען זייער שטאָלץ. דער וויכּוח האָט אָנגענומען וואָס אַמאָל אַ שטאַרקערע פאָרם, אַזוי אַז עס איז געקומען צו אַ מחלוקה. י... האָט ענדלעך אָנגערופן דעם אַפּטייקער אַנטיסעמיט.

וואָס שייך מיר, מוז איך מודה זיין, אַז טראָץ דער קאָמפּראָמיטאַציע, וואָס עס האָט מיך געטראָפן צוליב זיין עקזאַמען, האָב איך דערפילט, אַז ער איז גערעכט, און ווען ער

קריטיקירט אַפילו דעם אופן, ווי מען לערנט אין די ישיבות, איז עס נישט מחמת אַנטיסעמיטיזם, נאָר צוליב דעם נישט פּראַקטישן סיסטעם פון דעם לימוד.

די גאַנצע צייט פון וויכוח בין איך געזעסן שטיל, נישט אַריינמישנדיק זיך. אַ דערשלאָגענער האָב איך געטראַכט וועגן דער היים און וועגן דעם, וואָס עס דערוואַרט מיך דאָרט.

עס איז שוין געווען האַלבע נאַכט; אין שטעטל האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן מאַרק. אַרויסגייענדיק פון דער בויד, האָט מיר דער אַפּטייקער דערלאַנגט די האַנט, זאָגנדיק:

— מיר גייען צוזאַמען, ווייל איך ווין לעבן אייך.

אויפן וועג האָט ער מיך געטרייסט, אַז דאָס איז נישט מיין שולד, וואָס איך קען נישט קיין וועלטלעכע לימודים; ער האָט מיר געראָטן, אַז אין דער צוקונפט זאָל איך זיך באַמיען צו פאַרגרעסערן מיינע קענטעניש אין דער היגזיכט; דערמיט האָט ער זיך מיט מיר געזעגנט.

ווען איך בין אַריין אויפן הויף און איך האָב אַריינגע־קוקט אין די פענסטער פון אונזער דירה, האָט זיך אין מיר צעוויינט דאָס האַרץ פון בענקעניש נאָך דער מאַמען. אין די געדאַנקען האָב איך געפּרוווט צו לייזן דאָס רעטעניש, וואָס פאַר אַ פרוי עס פאַרטרעט זי און צי וועט זי זיין פאַר די יתומים אַ מאַמע. איך האָב מתפלל געווען אין האַרצן, אַז דער אויבערשטער זאָל זי בענטשן מיט אַ גוט האַרץ פאַר אונז.

ביי די דאָזיקע רעיונות האָב איך מיך דערמאָנט די התראה פון דער מאַמען, וואָס זי האָט מיר אָנגעזאָגט ביי מיין לעצטן געזעגענען זיך. אירע ווערטער: „געדענק, דו זאָלסט זיין אַ מענטש״, האָבן מיך געבערענט, ווייל איך האָב געפילט, אַז איך גיי נישט דעם ריכטיקן וועג, נאָר איך גיי אַרויף אויפן פאַר־קערטן וועג. אַ מינוט שפּעטער האָב איך אָנגעקלאַפּט אין פענ־סטער פון דער קיך. עס האָט מיר געעפנט די טיר די אַלטע דינסט. אַרומנעמענדיק מיך, האָט זי זיך צעוויינט. אויך איך האָב מיך צעוויינט אויפן קול.

די באַגריסונג פון טאַטן איז געווען אַזאַ קאַלטע, אַז איך האָב אַרויסגעשפּירט זיין אומצופרידנקייט מיט מיין קומען. אין אַ מינוט שפּעטער האָב איך דערזען אַ הויכע, יונגע פרוי אין אַ שלאָפראָק. זי האָט מיך באַטראַכט אַ ווײַלע און דערנאָך האָט זי מיך צוגעדריקט צו זיך זייער וואַרעם, וואַרעמער ווי דער טאַטע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי וועט פון היינט אָן מיר פאַרטרעטן די מאַמע, און ביי דעם דאָזיקן געדאַנק בין איך ווידער אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין, אויסדריקנדיק אויף אַזאַ אופן אַ פאַרוואורף דעם טאַטן, וואָס ער האָט אַריינגעפירט אַ פרעמדע פרוי אין אונזער היים אַריין. איך האָב באַמערקט, אַז דער טאַטע איז יינגער געוואָרן און אַז ער איז כמעט צופרידן מיט דעם איצטיקן צושטאַנד. שאַ, עס האָט זיך אַפילו געטראָגן פון אים אַ ריח פון פאַרפום, וואָס האָט זיך פריער קיינמאָל נישט פאַרלאָפן.

קאַפּיטל צוואַנציק

אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי, האָב איך באַמערקט אַ נייעם אַנצוג, קאַמאַשן און וועש ליגן לעבן בעט. דער טאָג איז ביי מיר דורך אין דערינערונגען און אויף דער נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן די פייערלעכע יום־טובדיקע סעודה. די שטימונג ביים טיש האָט איבערפלעכלעך אויסגעזען די איי־גענע ווי אַמאָל, בלויז דאָס אָרט לעבן טאַטן האָט פאַרנומען אַן אַנדערע פרוי. ווען איך האָב אַ קוק געגעבן אויף דעם פאָטעל, אויפן פאָטעל, אויף וועלכן עס איז אַמאָל געזעסן די מאַמע און פון וועלכן זי האָט מיט איר בליק אַרומגענומען איר „סטאַדעלע", האָב איך ווידער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און נאָך מיר דער ברודער און די שוועסטער. זייער געוויין איז נישט געווען אַזאַ הארציקס, אָבער איך האָב אַרויסגעפילט, אַז אויך זיי פעלט די מאַמע.

ביים טאַטן, ווי איך האָב באַמערקט, האָבן זיך אויך גע־קייקלט טרערן. זעענדיק דעם דאָזיקן ווייטאָג אונזערן, איז די שטיף־מאַמע אויפגעשטאַנען און, פאַרשטעלנדיק זיך דאָס פּנים מיט אַ טיכעלע, איז זי אַרויסגעגאַנגען אין דער צווייטער שטוב אַריין. דער טאַטע האָט אונז אָנגעהויבן צו באַרואיקן, וואָס עס איז אים לגבי מיר נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. איך האָב נאָך לאַנג געשלוכצט, ביז עס איז געוואָרן שטיל. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך דערפילט אַן אויפריכטיקע פאַ־טערלעכע ליבע. דעם דאָזיקן אויף דער נאַכט האָט ער מיר באמת אַרומגערינגלט מיט אַ וואַרעמער אַטמאָספערע. ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אָט דעם שריט האָט ער געמאַכט דערפאַר, כדי מיר זאָלן נישט בלייבן אויף הפקר אָן שום אויפזיכט.

טרויעריק זענען אַוועק די ערשטע טעג פּסח נאָך דער מאַמעס טויט, כאָטש די שטיף־מאַמע האָט זיך באַמיט אונז אַרויסצוווייזן אַזוי פיל גוטסקייט, אַז מיר זאָלן דעם ווייטאָג נישט פילן אַזוי שטאַרק. ליידער, הגם דער ברודער און די שוועסטער האָבן ווייניקער געפילט דאָס פעלן פון דער מאַמען, האָב איך אָבער נישט געקאָנט ביי מיר פועלן, אַז איך זאָל באַשענקען די שטיף־מאַמע מיט מיין פולשטענדיקן פאַרטרויען.

נאָך יום־טוב בין איך דערגאַנגען פון טאַטן, וואָס אייגנ־טלעך האָט עס געווירקט דערצו, אַז די באַציאונגען צווישן אונז זאָלן זיך אָפּקילן: דער קוזין מיינער האָט אין איינעם פון זיינע בריוו זיך באַקלאָגט פאַרן טאַטן, אַז לעבנדיק אין ווילטאָג, פאַרנאַכלעסיק איך דאָס לערנען, האָט ער אַלזאָ גע־עצהט דעם טאַטן, אַז ער זאָל מיר געבן צו פאַרזוכן דעם טעם פון נויט, וועל איך גיכער ווערן אַ מענטש; חוץ דעם האָט ער מודיע געווען וועגן אַ סך לאָבוזערייען מיינע. ווען איך האָב זיך וועגן דעם אַלץ דערוווּסט, האָט מיך אַרומגענומען אַזאַ כעס אויף אים, אַז אַלץ, וואָס איך האָב נאָר געוווּסט, האָב איך דערציילט דעם טאַטן.

צעשמייכלענדיק זיך איבער מיין כעס, האָט מיך דער

טאַטע געפרעגט, וואָס איך רעכן ווייטער צו טאָן. איך האָב דערויף גאָרנישט געענטפערט. פון דעם דאָזיקן שטילשווייגן האָט דער טאַטע אויסגעפונען, אַז איך וואָלט געוואָלט בלייבן אין דער היים. צוליב דעם האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, וואָס ער האָט בדעה מיט מיר ווייטער צו טאָן:

— אין דער היים קאָנסטו נישט בלייבן, — האָט ער גע־טענהט, – וועל איך דיר בעסער אָפּגעבן אין דער לערע אַריין פאַר אַ באַלמעלאָכע, ווייל די גאַנצע חכמות־הישיבה, דאַכט זיך מיר, קענסטו שוין גאַנץ גענוג.

די לעצטע ווערטער זיינע זענען געווען גענוג שטעכעדיק אַרויסגעזאָגט.

איך ווייס אַליין נישט, צי שוין דעמאָלט האָב איך גע־פילט אַן עקל צו יעטוועדער פיזישער אַרבעט. כ׳האָב אָבער דאָך נישט געוואָלט בלייבן קיין באַלמעלאָכע. טראַכטנדיק וועגן דעם, פאַרוואָס דער טאַטע וויל מיך נישט האַלטן אין דער היים, האָב איך די גאַנצע שולד אַרויפגעלייגט אויף דער שטיף־מאַמע. איך האָב זי חושד געווען, אַז דאָס איז איר אויפטו. וועלנדיק אָבער באַווייזן, אַז דאָס דאָזיקע שפּיצל וועט זיך איר נישט איינגעבן, האָב איך געענטפערט דעם טאַטן אויף אַ קאַטעגאָ־רישן אופן, אַז איך האָב באַשלאָסן צוריקצופאָרן אין דער ישיבה אַריין, כּדי מקיים צו זיין די הבטחה, וואָס איך האָב געגעבן דער מאַמען.

מיין תּשובה איז דעם טאַטן נישט געפעלן. ער האָט זיך צעבייזערט אויף מיר און דערקלערט, אַז איך קאָן פאָרן וווּ־הין איך וויל, אָבער קיין איין גראָשן וועל איך פון אים מער נישט קריגן; ווייל ער איז איבערצייגט, אַז פון מיר וועט קיין רב שוין נישט זיין. מיט דעם האָט זיך געענדיקט מיין איבער־ווערטלען זיך מיטן טאַטן.

אויפן צווייטן טאָג נאָך דעם געשפּרעך, בין איך געשיקט געוואָרן דורך דעם טאַטן צו איינעם פון אונזערע בעלי־חובות, אָפּצונעמען 82 רובל פאַר מעל. ווען איך האָב דאָס געלט אָפּגענומען, איז אין מיין קאָפּ אַנטשטאַנען אַ משוגענער געדאַנק:

„האָסט געלט, קאָנסט פאָרן, ווו דו ווילסט"... לכתחילה האָט מיך אַזאַ געדאַנק אַליין אָפּגעשראָקן, נאָר די ווערטער פון טאַטן: „קאָנסט פאָרן, ווו דו ווילסט", וואָס זענען מיר נישט אַרויס פון קאָפּ, האָבן אין מיין פאַנטאַזיע אַרויסגערופן אַזאַ פאַרביטערונג, אַז מיינע געדאַנקען האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף איין זאַך: אַרויסצולאָזן זיך אין דער וועלט אַריין. מיט דעם האָבן איצט געקעמפט די ווערטער פון דעם לאו: „לא תגנוב". נאָר אויף דעם דאָזיקן איסור האָב איך אויך געפונען אַ תירוץ אין מיינע געדאַנקען, אַז דאָס געלט איז דעם טאַטנס, הייסט צונעמענדיק עס פאַר מיר, וועל איך קיינעם קיין עוולה נישט טאָן. קעמפנדיק אַזוי מיט זיך אַליין, בין איך אָנשטאָט אַהיימ־צוגיין, אַוועק הינטערן שטאָט.

אַ פּרעכטיקער טאָג איז דאָס געווען; נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון פון דעם, וואָס איך טו, וווהין איך גיי, האָב איך מיך געפונען אויפן וועג, וואָס פירט צו דער שטאָט ר. אַזאַ סומע האָב איך נאָך קיינמאָל ביי מיר נישט געהאַט. האָט עס מיר טאַקע צוגעגעבן מוט, אַז איך וועל מיך אַן עצה געבן אין לעבן. טראַכטנדיק אַזוי און נאָכקוקנדיק יעדע מינוט, צי איך האָב ביי מיר ס׳גאַנצע געלט, האָב איך מיך געפונען ביים פּראָם, וואָס איז אָפּגעלעגן פון שטאָט צוויי וויאָרסט. דער איבערפירער, וואָס האָט מיך באַטראַכט פון אַלע זייטן, האָט מיך געפרעגט, וווהין איך גיי. ער האָט מיך דערקענט, ווייל ער פלעגט קומען צו אונז אין שטוב אַריין. וועלנדיק אויס־מיידן דעם אמת, האָב איך געהאַקט שקרים, וויפל איך האָב נאָר געקאָנט. איך האָב דערציילט, אַז דער טאַטע האָט מיך געשיקט וועגן אַ וויכטיקן ענין אין גוט ג., צום פּריץ. דאָס גוט האָב איך אָנגערופן, וויסנדיק, אַז עס ליגט אויפן וועג, וואָס איז אָפּגעלעגן פון דאַנען צוויי וויאָרסט.

איך האָב מיך אַליין געחידושט אויף מיינע פעאיקייטן צו שיטן מיט אַזעלכע גלאַטיקע שקרים; קיינער האָט עס מיך דאָך נישט געלערנט און דאָס איז געווען קעגן מיין כאַראַק־טער. עס איז מיר געקומען אויפן רעיון דער מאמר פון דער

נמרא: עבירה גוררת עבירה! (איין עבירה שלעפט מיט די צווייטע עבירה).

„און אפשר צוריקקערן, כל־זמן עס איז נאָך צייט?״ האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אָפּגעבנדיק זיך אַ חשבון פון מיין טאַט און די רעזולטאַטן, וואָס זי וועט ברענגען, וואָס פאַר אַ גערודער אַ שטייגער עס וועט זיך מאַכן אין שטוב און וואָס פאַר אַ פּליאָטקעס עס וועלן ווידער אַרומגיין איבערן שטעטל. נאָר ווי געשטויסן דורך עפּעס אַ בייזער, פאַר מיר אומבאַ־קאַנטער קראַפט, בין איך נאָכן דורכשווימען דעם נאַרעוו גע־גאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער. איך בין פאַרביי דאָס גרויסע דאָרף נ. און איך האָב מיך דערנענטערט צום שטעטל ר., וואָס ליגט צען קילאָמעטער פון אונז.

אין שטעטל בין איך געוואָר געוואָרן, אַז נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך אַ באַן־סטאַציע און אַז דער צוג גייט אָפּ איין מאָל אין מעת־לעת, אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער סטאַציע בלויז אויף אַ רגעלע. איך האָב מיך באַלד צוגעטשעפּעט צו אַ פּאָר פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן צו דער באַן, און פאַר צען קאָפּיקעס האָב איך פאַרנומען אַן אָרט אויף דער פור, וואָס איז אַהינגעפאָרן. מיר זענען געקומען צו פרי און האָבן גע־מוזט וואַרטן אויפן צוג ביז 12 ביי נאַכט.

אַ מאָדנע זאַך: אונטער מיינע טריט, קאָן מען זאָגן, האָט געברענט די ערד. ווען עמיצער האָט נאָר געפרעגט, וווהין איך פאָר, אָדער ער האָט בלויז אויף מיר אַ קוק געגעבן, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער ווייסט שוין, וואָס פאַר אַ פויגל איך בין, פון וואַנען איך בין, אַז ער לייענט שוין אויף מיין פּרצוף דאָס וואָרט „גנב״ און ער איז גרייט מיך איבערצוגעבן אין די הענט פון דעם מוראדיקן „מאַטוועי״. איך האָב מורא גע־האַט פאַרן אייגענעם שאָטן. איך האָב איצט באַדויערט, וואָס איך האָב געמאַכט אַ נישט באַרעכנטן שריט. אָבער וואָס קומט אַרויס, צוריקקערן איז שוין געווען אוממעגלעך. אין אונזער שטעטל רעדט מען איצט מן הסתם נישט וועגן עפּעס אַנדערש, נאָר וועגן מיין אַנטלויפן. „די בריקן זענען סיי ווי סיי פאַר־

ברענט", וואָס עס האָט צו זיין, זאָל זיין. לענגער האָב זיך מיך אָפּגעשטעלט ביים געדאַנק, וווהין איך האָב צו פאָרן. איינס איז יעדנפאַלס געווען באַשלאָסן, אַז צו די אומעטיקע מויערן פון דער ישיבה וועל איך נישט מער צוריקקערן. איך וועל אַוועק אין דער וועלט אַריין... אַלץ איינס וווהין! איך האָב געפילט געלט אין טאַש. עס וועט שוין גוט זיין...

אין צווייטן טאָג אַרום האָב איך מיך געפונען אין אַ גרויסער, פאַר מיר פרעמדער שטאָט — אין ווילנע. דעם גרעסטן טייל טאָג האָב איך מיך אַרומגעשלעפּט אָן שום ציל איבער די גאַסן. ווען עס האָט מיך אָבער אָנגעהויבן צו הונגערן, פלעג איך אַריין אין אַ קאַוויאַרניע. אין איינער פון זיי האָב איך געשלאָסן קענטשאַפט מיט אַ יידל, וועלכער האָט דערקלערט, אַז ער שטאַמט פון מיינע מקומות. איך האָב אים געגלויבט, ווייל ער האָט דערציילט וועגן מענטשן, וועלכע איך האָב געקענט. נאָך אַ האַלב־שעהדיקן געשפּרעך, האָט ער מיך אַזוי געגומען, אַז איך האָב מיך שוין פאַרטרויט פאַר אים וועגן מיינע רייזע־פּלענער. און אויך וועגן דעם, אַז איך האָב געלט און פון וואַנען איך האָב עס. דערהערנדיק דאָס, האָט זיך דער ייד אָנגעצונדן צו מיר מיט אַזאַ ליבשאַפט, אַז ער האָט אַזש באַשלאָסן צוזאַמען מיט מיר צו לאָזן זיך אין דער וועלט אַריין.

פון דער מינוט אָן איז ער שוין נישט אָפּגעטרעטן פון מיר אויף קיין שריט.

אויף דער נאַכט האָט ער מיך אַריינגעפירט אין אַ געוויסן הויז אויף איינער פון די ווייטערע גאַסן, ווו עס האָט געזאָלט וווינען זיינס אַ מכלומרשטע קרובה און ווו איך קאָן זיין געזיכערט קעגן אַן עווענטועלער פאַרפאָלגונג מצד דעם טאַטן.

ווען מיר האָבן זיך געפונען אַליין, האָט די יונגע פרוי זיך צעשמייכלט געהיימניספול און געבעטן, אַז איך זאָל מיך זעצן לעבן איר אויף דער קאַנאַפּע. דער דאָזיקער פאַרלייג האָט מיר אַביסל געחידושט. דאָך, נאָך אַ געוויסער וואַקלעניש האָב

איך נאָכגעגעבן איר ווונטש. איך האָב באַמערקט, אַז זי איז אויסערגעווײנלעך שיין; אַזוי לכל־הפּחות האָט זיך מיר געדאַכט. האָב איך טאַקע מיט פאַרגעניגן געענטפערט אויף אירע פראַגן. און ווען זי האָט אין אַ געוויסן מאָמענט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און געצויגן נענטער צו זיך, האָב איך מיך נישט איבעריק געוועהרט. איר אָנצוהערעניש, אַז איך זאָל זיין דרייסט, האָט מיר אין גאַנצן פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַזוי אַז איך בין שוין געווען מוכן ומזומן צו געניסן פון איר פאַרלייג...

אַן אומדערוואַרטער שלעפּ ביים קאַרק האָט מיך צוריק־געפירט צום באַוווסטזיין. איך האָב מיך אומגעקוקט. פאַר מיר איז געשטאַנען אַן אומבאַקאַנטער מאַנספּאַרשוין, שוין אין די עלטערע יאָרן, מיט אַ מוראדיקן קערפּערבוי. די פרוי איז, אַ דערשראָקענע, אָפּגעשפּרונגען פון מיר, און איך, נישט אָריענ־טירנדיק זיך אין גאַנצן אין דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען, בין געזעסן הילפלאָז און איבערשראָקן. ער אָבער האָט אויפ־געהויבן זיין פויסט איבער מיין קאָפּ און געשריגן:

— דו ממזר איינער... דו ביזט מיר דאָ געקומען מיין ווייב דעם קאָפּ פאַרדרייען! איך וועל דיך אָנלערנען!...

זעענדיק די געפאַר, וואָס עס דראָט מיר, האָט די פרוי זיך אַוועקגעשטעלט צווישן אונז ביידן און זי האָט מיך פאַר־שטעלט מיט איר קערפּער.

די גאַנצע היסטאָריע האָט זיך געענדיקט דערמיט, אַז אין אַ מינוט אַרום בין איך אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס „נאַקעט", ווי מען זאָגט, „ווי אַ טערקישער הייליקער", ווייל מען האָט ביי מיר בשעת־מעשה צוגענומען מיין גאַנצן קאַפּי־טאַל. איך האָב מיך דעמאָלט געכאַפּט, אַז איך בין געפאַלן אַלס קרבן פון אַזעלכן, וואָס מענטשן רופן אַן „אַ גנב"; וועגן אַזעלכע גנבים האָב איך שוין עפּעס וואָס געהערט ביי מיין אַפּוטרופּוסטע נומער 2.

די געשיקט דורכגעטראַכטע קאָמעדיע, וואָס איז געווען

אזוי גוט אָפּגעשפּילט דורך די שותּפים, האָט עס אָרגאַניזירט מיין צופעליקער ידיד פון דער קאַוויאַרניע.

שפּעטער, ווען איך האָב שוין אַליין געהערט צו דעם וועלטל און איך האָב מיך שוין אויסגעלערנט די גנבישע קונצן און פאַרטלען, און ווען עס איז מיר נישט איין מאָל אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט דער „בכּבודער" געזעלשאַפט, האָט מען געלאַכט פון מיר און פון מיין אַמאָליקער „יאָלדישקייט". איך האָב אַליין דעמאָלט דערפון געלאַכט און איך האָב אָנערקענט זייער פּרינציפּ, אַז „פון אַ „פרייער" דאַרף מען אַרויסנעמען די נשמה, ווי פון אַ פערד די פאַרע".

עס זענען אָנגעקומען טרויעריקע טעג. איך בין איבערגעבליבן אָן אַ גראָשן. איך האָב נישט געוווּסט וואָס מיט מיר צו טאָן. איך בין אַרומגעקראָכן צוועקלאָז איבער די גאַסן. איך האָב מיך אָפּגעשטעלט ביי די שוי־פענסטער פון די געשעפטן, צום לענגסטן אָבער דאָרט, ווו עס זענען געווען אויסגעשטעלט שפּייז־פּראָדוקטן; ווייל איך האָב שוין גוט דערפילט דעם טעם פון הונגער. נישט בעסער איז געווען מיט נאַכטלעגער. ענדלעך האָב איך מיך דעצידירט איבערצונעכטיקן אין אַ בית־מדרש. בין איך טאַקע אַהינגעגאַנגען. נאָכן אַהינקומען האָב איך באַלד אַרויסגערופן די אויפמערקזאַמקייט פון שמש. ער האָט באַמערקט, אַז איך בין דאָ אַ פרעמדער, ווייל איך בין געזעסן לענגער, ווי עס טוט עס אַפילו דער סאַמע פרומסטער ייד. האָט ער זיך מיט מיר אָנגעהויבן נעענטער צו אינטערעסירן. מיר האָבן געשלאָסן באַקאַנטשאַפט.

דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַן ערך 50 יאָר. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער סימפּאַטיש. איך האָב אים פאַרשידנס דערציילט פון מיר. ווי עס ווייזט אויס, בין איך אים געפעלן, ווייל נאָך דער באַקאַנטשאַפט האָט ער מיך צוגעלאָזט אַלס געהילף ביי זיינע אַמטן: איך האָב אין בית־מדרש אויסגעקערט, געמאַכט אָרדנונג א. אַ. וו.

איך האָב געקריגן דערפאַר פון שמש צו עסן. נאָך אונזער אַרבעט האָט מען געוויינלעך זיך אָפּגערוט, פאַרברענ־

גענדיק די צייט אין שמועסן. ביז אין אַ געוויסן טאָג האָב איך מיך אַזוי ווייט פאַרטרויט פאַר אים, אַז איך האָב מיך מודה געווען, אַז איך בין געווען אַ ישיבה־בחור, אויסמיידנדיק, פאַר־שטייט זיך, די מעשה מיטן באַגנבענען דעם טאַטן. איך האָב מיך בלויז באַגרענעצט מיט אַ קורצער באַמערקונג, אַז איך בין געווען אַ זון פון פאַרמעגלעכע עלטערן און איצט בין איך אַ יתום. הערנדיק דאָס, איז דער שמש אויפגעשפרונגען פון אָרט און ער האָט מיר אָנגעהויבן צו מאַכן פאַרוואורפן, פאַרוואָס איך האָב דאָס אַזוי לאַנג באַהאַלטן, ווייל ער וואָלט מיך דעמאָלט גאַנץ אַנדערש באַהאַנדלט און ער וואָלט נישט געלאָזט מיך טאָן אַזאַ פשוטע אַרבעט, וואָס עס פּאַסט נישט פאַר אַ ישיבה־בחור. און באמת, פון דער מינוט אָן האָט זיך מיין מצב באַ־דייטנדיק פאַרבעסערט.

בקרוב האָב איך אַ דאַנק די באַמיאונגען פון שמש גע־קריגן אַ פּאָסטן פון אַ לערער פאַר יידישע לימודים אויף דער פּראָווינץ, און איך בין אַהינגעפאָרן.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

עס איז געווען אין אָנהויב מאַי. איך בין אָנגעקומען אין דאָרף ב...., וואָס איז געלעגן אויפן ברעג פון ניעמאַן, אַרומגערינגלט פון צוויי זייטן מיט אַ הערלעכן וואַלד און מיט בערגלעך. דאָס איז געווען אַ קוראַציע־אָרט, ספּעציעל באַזוכט פון יידן. דאָס הויז, ריכטיקער — די ווילע, וועלכע מען האָט מיר אָנגעוויזן, איז געווען אַרומגענומען מיט אַ גלעזערנע וועראַנדע און האָט זיך אונטערשיידט פון די אַנדערע ווילעס. אַריינקומענדיק, בין איך באַלד אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ צאָלרייכע פאַמיליע מיט אַ מאַנספאַרשוין פון אַ יאָר 46 אין דער שפּיץ, וועלכער האָט זיך גלענצנד געהאַלטן. מיין אָנקו־

מען איז געוואָרן דערוואָרטעט; איך בין זייער וואַרעם אויפֿ־גענומען געוואָרן.

נאָך דער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט האָט מען מיך פֿאַר־בעטן צום טיש און מען האָט מיך מכבד געווען מיט טיי און קאָנפֿיטורן. אין משך פֿון געשפּרעך האָט מיך דער באַלעבאָס דעליקאַט אויסגעפֿרעגט, פֿון וואַנען איך שטאַם. ער האָט זיך אויסגעפֿרעגט וועגן די פֿאַמיליע־פֿאַרהעלטענישן, צום סוף האָט ער באַרירט די פֿראַגע מכּוח מיין בילדונג. מיינע תּשובֿות זע־נען אויסגעפֿאַלן ווי אַמבעסטן. דער עקזאַמינאַטאָר, האָב איך געזען, איז געווען צופֿרידן און ער איז באַלד צוגעטרעטן אַרומ־צורעדן די באַדינגונגען. וואָס שייך מיר, האָב איך שוין אין אָנהויב פֿון שמועס פֿאָראויסגעזען דעם גינסטיקן רעזולטאַט, דען איך האָב באַמערקט, אַז איך בין פֿיל שטאַרקער אין לערנען פֿון מיין עקזאַמינאַטאָר. אַ סימן דערפֿאַר איז געווען די אַנט־ציקונג, וואָס די אָנוועזנדע האָבן אַרויסגעזאָגט אויפֿן קול, נאָך יעדן געלונגענעם ענטפֿער מיינעם. די אָפּשאַצונג פֿון מיין אויסערלעכן אויסזען, ווי איך האָב באַמערקט, איז נישט ווײַ־ניקער גינסטיק אויסגעפֿאַלן פֿאַר מיר, אַ באַווייז דערפֿאַר איז געווען דאָס, וואָס די טאָכטער פֿון ווילע־אייגנטימער האָט אויף מיר געגנוג אָפֿט געוואָרפֿן אַ דיסקרעטן בליק.

דער אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן אויף אַזאַ אופֿן, אַז ביז ראש־השנה האָב איך געדאַרפֿט קריגן 50 רובל געהאַלט, און דורך דער גאַנצער צייט עסן און דירה לויט דער ריי, פֿריער ביים הער ב., דערנאָך ביי אים.

פֿון דעם טאָג אָן האָב איך געמוזט אָפּגעבן אַ פּאָר שעה אין טאָג צו לערנען מיט פֿיר תּלמידים חומש, תּנ״ך און שרייבן יידיש און לשון־קודש.

ווען איך האָב דערזען מיינע תּלמידים, האָב איך מיך כּמעט דערשראָקן. איינער, כאָטש ער איז בלויז אַלט געווען 15 יאָר, האָט אויסגעזען אויף אַ סך עלטער. דערצו איז ער געווען העכער פֿון מיר. דער צווייטער איז, וואָס אַן אמת, געווען אַ ביסל נידעריקער, דערפֿאַר אָבער איז ער געווען

שטאַרק געבויט; ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַטלעט. ווען מען זאָל נעמען אין באַטראַכט, אַזביידע זענען געווען אויסגימנאַס־טיקירט אונטער דער לייטונג פון אַ סטודענט, וועלכער האָט מיט זיי געלערנט וועלטלעכע לימודים, וועט עס זיין פאַר־שטענדלעך, אַז ווען איך האָב דערזען די חברה, האָב איך מיר אין האַרצן געטראַכט, אַז מיט אַזעלכע תלמידים דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק, ווייל ביי דער מינדסטער געלעגנהייט קאָנען זיי מיר גוט אַריינצימבלען.

ווי די צוקונפט האָט אָבער באַוויזן, איז מיין מורא גע־ווען אַן אומזיסטע, דען מיינע תלמידים האָבן זיך בעת דעם לערנען מייסטערהאַפט פאַרהאַלטן און האָבן לגמרי קיין שום שלעכטע כוונות לגבי מיר נישט אַרויסגעוויזן. פאַרקערט, אַפילו נאָך די לעקציעס האָבן זיי מיך באַערט מיט זייער פריינט־שאַפט און מיך באַטראַכט פאַר אַ גערן געזעענעם חבר צו זייערע שפּילערייען און פאַרוויילונגען. אין זעלטענע פאַלן בלויז פלעגן זיי לאַכן פון מיין אומגעשיקטקייט, ווען מען האָט, למשל, געדאַרפט אַרויפזעצן זיך אויף אַ פערד אָדער פירן אַ שיפל. אָבער חוץ דעם בין איך אויף אַלע אַנדערע געביטן נישט ערגער געווען פון זיי, סיי ביים לויפן איבער די פעל־דער, סיי ביים כאַפּן פיש און סיי ביים קלויבן יאַגדעס אין וואַלד. דאָס לעבן איז מיר אין דעם פּרעכטיקן ווינקל פון קאָוונער קאַנט דורכגעלאָפן אָן דאגות און אָנגענעם.

דערמאָנענדיק פיר שילער, האָב איך דערווייל אויסגע־רעכנט צוויי, און דעריבער מוז איך צוגעבן, אַז די אַנדערע צוויי זענען געווען קינדער פון דעם נישט ווייניקער רייכן שכן ה׳ ב. וועגן זיי אָבער קאָן איך קיין שום זאַך נישט זאָגן, ווייל דאָס זענען געווען יינגלעך, וואָס האָבן זיך נישט אויס־געצייכנט מיט קיין שום זאַך. דערמאָנען מוז איך דערפאַר זייער מאַמען. דאָס איז געווען אַ שווער געוויכטיקע פאַרשוינטע. זי האָט געוואויגן נישט מער, נישט ווייניקער, ווי 112 קילאָ. זי איז געווען אַ מאַמע פון פינף קינדער, פיר זין און איין טאָכטער. דאָס האָט אָבער גאָרנישט געשטערט, אַז מאַדאַם ב.

זאָל זיך האַלטן פאַר נאָך אַ גאַנץ רייצנדיק ווייבל, בלויז דאָס כּסדרדיקע וואַקסן אין דער ברייט האָט איר פאַרשאַפט עגמת־נפש.

האַלטנדיק מיך אין גאַנצן פאַר אַ הויז־מענטש און רעכענענדיק מן־הסתם, אַז פון דער גמרא האָב איך דערלערנט אַלע חכמות, האָט זי מיך אַפילו איין מאָל געפרעגט, וואָס זי זאָל טאָן, כּדי פּטור צו ווערן פון איר בייזער גרעב. שטייענדיק ווייט פון דער מעדיצין, האָב איך נישט געקאָנט, פאַרשטייט זיך, דערשלאָגן זיך צו קיין שום פּראַקטישער עצה.

זעענדיק מיין פאַרלעגנהייט, האָט זי פאַרגעלייגט, אַז איך זאָל מיך פּערזענלעך איבערצייגן ווי דיק זי איז און איך זאָל זי אויפהויבן. ווען איך בין, אַ פאַרשעמטער פון דער דאָזיקער אומדערוואַרטעטער פּראָפּאָזיציע, געבליבן שטיין און זיך נישט גערירט פון אָרט, האָט זי מיך געגעבן אַ שלעפּ ביי דער האַנט, צווינגענדיק, איך זאָל דערפילן איר בקשה. צום גליק האָט מיך פון דער דאָזיקער אומאָנגענעמער לאַגע מציל געווען איר טאָכטער, וועלכע איז אַקוראַט אומדערוואַרטעט אַריינגעקומען אין שטוב אַריין.

פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך באַמיט, אַז איך זאָל קיינמאָל נישט פאַרבלייבן מיט איר אויג אויף אויג. קאָן זיין, אַז קיין שום בייז האָט מיר פון איר זייט נישט געדראָט, דאָך, נישט דערגייענדיק אירע ווירקלעכע כּוונות, האָב איך געהאַלטן פאַר אָנגענעמער צו חברן זיך מיט איר טאָכטער.

די טאָכטער, דאָס איז געווען אַ 17־יעריק פּרעכטיק מיידל, דערצויגן אויפן שויס פון דער נאַטור, ווי אַ פאַרביקע פעלד־בלום, וואָס נאַרט אַריין מיט איר רייץ יעטוועדעס ווערעמל. אין דעם פאַל איז אויך עפּעס ענלעכס פאָרגעקומען. זעלטן וועלכער בחור אין דאָרף איז נישט געווען פאַרליבט אין דעם מיידל.

צום מייסטן אָבער האָט עס זיך געוואָרפן אין די אויגן בנוגע דעם עלטסטן זון פון דער הערשאַפט ל. דער דאָזיקער בחור איז אין דער שיינער שרה געווען פאַרליבט, ווי מען

זאָגט, אויף לעבן און טויט. די מוטער, ווי זי האָט געקאָנט, האָט זי געהיט איר אוצר, אָבער ווייל זי איז געווען, צוליב איר דיקקייט, אַ ווייניק־רירעוודיקע פּאַרשוינטע, האָט זי טאַקע נישט שטענדיק געקאָנט די טאָכטער אָפּהיטן. לייכט איז עס איר אָנגעקומען בלויז דעמאָלט, ווען די טאָכטער איז אַריינגעפאַלן צו מיר אין צימער אויף אַ שמועס. גיך האָט זי עס באַמערקט און זי האָט זי באַלד אַרויסגערופן. איבעריקנס, איז די מורא פון דער מוטער געווען אין גאַנצן נישט קיין באַרעכטיקטע. דאָס מיידל האָט, וואָס אַן אמת, געפלירטעוועט מיט יעדן, אָבער מער ווי דאָס איז גאָרנישט געשען. קיין אמתע ליבע האָט נאָך נישט פאַרוואָרפן אויף איר די נעץ. איר געזאַנג האָט זיך אָבער געטראָגן אַרום און אַרום, אָנמאַכנדיק וווּנדן אין די הערצער פון די בחורים, און מאַכנדיק אָפטמאָל רויט אַפילו עלטערע מענטשן, ווען זי האָט, למשל, נאַאיוו אויסגעזוּנגען די פערזן פון דעם פּאָפּולערן רוסישן לידל: „נאַ טשטאָ מניע זשעניטסיאַ, קאָגדאַ נאָטש מאַלאַ״ (וואָס טויג מיר חתונה צו האָבן, ווען די נאַכט איז אַ קורצע).

וואָס שייך דעם זון פון דער הערשאַפט ל. האָבן די עלטערן אויף דעם ראָמאַנס געקוקט נישט גינסטיק און זיי האָבן דעם נישט צוגעגעבן קיין גרויסע באַדייטונג, ווייל זיי זענען געווען ווייט דערפון צו דערלאָזן, אַז ער זאָל חתונה האָבן מיט דער טאָכטער פון מאַדאַם ב.. וואָס איז טאַקע סאָליד לויט איר ברייט, איז אָבער, שמועסט מען, ווייניקער סאָליד אין אַן אַנדער הינזיכט. אַזוי האָב איך מיך דערוווּסט בסוד־סודות, אַז עס גייען אַרום פּליאָטקעס וועגן דעם, ווער עס איז דער טאַטע פון דער שיינער טאָכטער...

צוליב דעם, וואָס איך בין געווען קנעפּל בקנעפּל מיט מיינע תּלמידים, האָב איך נישט איין מאָל געהאַט עגמת־נפש, גראָד פון אַזאַ אָרט, פון וואַנען כ׳האָב עס צום ווינציקסטן דערוואַרט. אין דעם אייגענעם דאָרף האָט נעמלעך געוווינט פון ימים־ושנים אַן אַ דרייסיק־יעריקער יונגערמאַן מיט אַ שטיקל הדרת־פּנים, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן אָרטיק מיידל

און האָט זיך דאָ באַזעצט אַלס מלמד. ער האָט דאָ צונויפֿגעשטעלט אַזאַ אַרט חדר, אין וועלכן ער האָט צוזאַמענגענומען אַ צוואַנציק קינדער פֿון ווייניקער פֿאַרמעגלעכע עלטערן און האָט מיט זיי געלערנט דרדקי־לימודים. אין זיין פּערזאָן טאַקע האָב איך געפֿונען אַ שאַרפֿן מתנגד צו מיינע דרכים, נאָך אַ נעגטערער באַקאַנטשאַפֿט. ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז איך האָב מיך נישט מיט וואָס צו שעמען פֿאַר אים אין לערנען און אַז אין אַ סך זאַכן בין איך נאָך מער בקי פֿאַר אים, האָט ער אָנגעהויבן צו גראָבן אונטער מיר אויף אַן אַנדער אופֿן. יעדעס מאָל, בעת מיר האָבן זיך געטראָפֿן, האָט ער מיר איינגערעדט, אַז איך פֿיר מיך נישט ווי ס׳דאַרף צו זיין, אַז איך דאַרף מיך נישט באַטייליקן אין די שפּילערייען פֿון מיינע תּלמידים, אַז מיין האַלטונג קאָמפּראָמיטירט בכלל דאָס אָנזען פֿון אַ לערער א. אַ. וו. אַ צייט לאַנג האָב איך געדולדיק אויסגעהערט די טענות, נישט מאַכנדיק זיך דערפֿון גאָרנישט. ווען זיי האָבן זיך אָבער איבערגעחזרט וואָס אַמאָל אָפֿטער און אָפֿטער, האָב איך אים געגעבן אַזאַ אָפּשניט, אַז אין דער הייסער מינוט איז ער אַפֿילו אויפֿגעשפּרונגען און האָט מיך געוואָלט שלאָגן; זעענדיק אָבער מיין רואיקייט און דאָס גרייטקייט צוריקצושלאָגן, האָט ער זיך באַהערשט און זיך אָפּגעטראָגן.

פֿון דאַמאָלסט אָן האָט ער אָפּגעשטעלט די פּערזענלעכע זילזולים, דערפֿאַר האָט ער ביי דער מינדסטער געלעגנהייט פֿאַרשוואַרצט מיר ס׳פּנים פֿאַר יעדן איינציקן און ער האָט פֿאַרשפּרייט פּשוט אומגלויבלעכע בבא־מעשיות.

איך האָב דערפֿון שטאַרק געליטן, אָבער דערשטיקנדיק אין זיך דעם כּעס, האָב איך מיך איינגעהאַלטן און איך האָב אים נישט אָנגעלערנט.

עס איז אָנגעקומען יולי. איך בין אַריבער אויף קעסט צו דעם גביר ל... ביז דעמאָלט בין איך גאַנץ זעלטן דאָרט אַריינגעקומען.

מיינע באַזוכן ביי אים זענען תּמיד געווען פֿאַרבונדן

מיטן אָנקומען פון ה׳ ל., וועלכער האָט צוליב זיינע פאַר־צווייגטע עסקים על־פי־רוב פאַרבראַכט אין דער פרעמד. ביי אַ גלעזל טיי, האָבנדיק מיך פאַר זיך, האָט ער תמיד ליב גע־האַט צו פילאָזאָפירן און צו באַווייזן זיך מיט זיין לומדות. ער האָט אין מיר געפונען אַ געדולדיקן צוהערער. איך האָב מיך מיט אים קיינמאָל נישט געשפּאַרט, דערפאַר האָט ער מיך זייער גערן געהאַט. פאַרן ווייב האָט ער זיך געזאָלט אויס־דריקן, אַז איך בין אַ בחור מיט שכל.

אָפטמאָל האָט געטראָפן, אַז איך האָב פאַרגעלייענט עפּעס אויף העברעאיש און עס פאַרטייטשט אויף יידיש. מען האָט מיך אויסגעהערט מיט נייגיר. צווישן מיינע צוהערער האָט זיך אויך געפונען די טאָכטער פון באַלעבאָס. צום שטאַרקסטן האָט זי מיך אינטריגירט, ווייל זי האָט מיך נאָך קיינמאָל נישט באַערט מיט קיין געשפּרעך און אפילו מיט אַ פראַגע. זי האָט מסתמא געוואַרט, אַז איך זאָל אָנהויבן דער ערשטער. ביז איצט האָב איך אָבער נישט געהאַט דערצו קיין געלעגנהייט, ווייל זי האָט תמיד אויסגעמיטן געזעלשאַפט און האָט זיך קיינמאָל נישט באַטייליקט אין אונזערע שפּילערייען און אויס־פלוגן.

ערשט איצט, ווען איך בין אָנגעקומען אין דעם הויז, האָט זיך די לאַגע אין גאַנצן געענדערט; אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך אַ ליאַדע מינוט געקאָנט מאַכן. איך האָב געזען, אַז פון מיין אויפהאַלטן זיך איז זי צופרידן.

מיינע פּרנסה־געבערס, די ל., זענען געווען זייער גוטע מענטשן און דערצו פאַרמעגלעכע. ער איז געווען אַן אייגנ־טימער פון אַ פאַלוואַרק און אַ וואַלד־סוחר. אַ דאַנק זיין בצ־וועגלעכקייט האָט דאָס גאַנצע ריזיקע דאָרף געהאַט נישט ווי־ניק זייטיקע הכנסות פון זיין האָלץ־מסחר.

מען האָט מיך באַזעצט אין אַ פּרעכטיקן העלן צימער. דאָרט האָב איך אויך געלערנט מיט מיינע תלמידים. אַ חוץ דעם האָב איך דאָ געאַרבעט אַ פּאָר שעה אין טאָג צו ברענ־גען אין אָרדנונג די גרויסע פּאַרוואָרלאָזטע ביבליאָטעק, וואָס

איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע ווערק, העברעאישע און אויך אין אַנדערע שפּראַכן. איך האָב ליב געהאַט די באַשעפטיקונג, ווייל דורכבלעטערנדיק אַלע ספרים האָב איך באַמערקט צווישן זיי אַ שפּאַר ביסל וויסנשאַפטלעכע און אויך בעלעטריסטישע. איך האָב מיך פאַראינטערעסירט בפרט מיט די לעצטע, ווייל זיי האָבן מיך אַריינגעפירט אין אַ גאַנץ פרעמד געביט און האָבן שטאַרק פאַרברייטערט דעם האָריזאָנט פון מיין ביז־איצטיקן דענקען.

זייענדיק תמיד פאַרשפּאַרט אין די חדרים און ישיבות, האָב איך ביז דעמאָלט כמעט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו האַלטן אין דער האַנט עפּעס אַ בוך, אַ חוץ אַ רעליגיעזן ספר. איך זאָג „כמעט", ווייל איין מאָל איז געווען אַן אויסנאַם; איך מוז עס דאָ באַשרייבן ראשית צוליב דעם, ווייל עס איז כאַראַקטעריסטיש ביים באַקענען זיך מיט דעם ישיבהשן לעבן, צווייטנס, איך געדענק נאָך די שטראָף, וואָס מען האָט דעמאָלט אויף מיר אַרויפגעלייגט צוליבן לייענען דעם „טריפה־פסול".

דעם פאַבריקאַנטס זונדל אין דער ישיבה, טאַקע דער אייגענער, וואָס האָט געזוכט בעלנים צו ראַזירן זיך, האָט גע־בראַכט אין דער ישיבה אַריין אַ ביכל מיטן נאָמען „דאָן קישאָט" אין אַ יידישער איבערזעצונג. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע פאַרבאָטענע פרוכט איז דורך אונזערע לייט געשלונגען גע־וואָרן מיט אַן אומגעהייערן אינטערעס, דווקא בעתן שיעור. די גמרא איז געווען גענוג גרויס, אַז אין אירע אָרעמס זאָל זיך באַהאַלטן דער פאַרהעלטניסמעסיק קליינער „דאָן קישאָט" און זי זאָל אים פאַרבאָרגן פאַר נישט געוווּנטשענע אויגן. איבע־ריקנס, ווען עמיצער, אַ פרעמדער, האָט זיך צופיל צוגערוקט, דעמאָלט האָט דער מיטשולדיקער דורך זיין הוסטן געוואָרנט וועגן געפאַר און מען האָט שוין איבערגעדרייט דאָס בלאַט פון דער גמרא, ווו דאָס ביכל איז געלעגן, און געלערנט מיט אַ זינגענדיקן קול. איין מאָל אָבער האָט זיך די המצאה נישט איינגעגעבן און דער ראש־ישיבה בכבודו ובעצמו האָט מיך

געכאַפּט ביים רעכטן געדיכטן. דער פּועל־יוצא איז געווען, אַז דאָס ביכל האָט געוואַנדערט גלייך אין אויוון אַריין. די עקזע־קוציע איז פאָרגעקומען באותו־רגע אין אונזערע אויגן. איך האָב אַלס שטראָף נישט געטאָרט שלאָפן ביי נאַכט, נאָר זיצן און לערנען און געבן אַ תקיעת־כף, אַז איך וועל מער אַזעל־כע ביכלעך נישט נעמען אין האַנט אַריין.

איצט טאַקע, ווען קיינער האָט דאָס מיר נישט גע־שטערט, האָב איך איינגעשלונגען יעדן טאָג דעם אינהאַלט פון איינעם פון די ביכלעך, ווידמענדיק דערויף דעם גרעסטן טייל נאַכט. אַ מאָדנע זאַך: צום מערסטן האָבן מיך אינטערעסירט די ביכלעך מיט אַ קרימינאַליסטישן אינהאַלט און זיי האָב איך טאַקע צום מערסטן געלייענט.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

אַזוי זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכן. אין דעם דאָזיקן הויז האָב איך מיך געפילט מער קרעמפּירט, ווי אין הויז פון ב. דאָ האָט געהערשט אַ קינסטלעכע אָנגעבלאָזנקייט, וואָס מען טרעפט געוויינלעך אין הייזער פון אויפגעקומענע, וואָס מאַכן נאָך די אַריסטאָקראַטישע מאַניערן. רכילותניקעס האָבן זיך גע־סודעט אויפן אויער, אַז ה׳ ל. איז מיט יאָרן צוריק געווען אַ פּריקאַזטשיק און דורך עפּעס נישט כשרע שפּעקולאַציעס האָט ער אָנגעקריגן דאָס פאַרמעגן פון אַ געוויסן פּריץ.

די וווּנדערשיינע טאָכטער סאָניע, אַן 18־יעריקע בלאָנ־דינקע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יורשטע פון אַ גרויסן גוטבאַזיצער, האָט זיך גרויסאַרטיק געקליידט און איז אַרומגעגאַנגען שטייף, ווי זי וואָלט איינגעשלונגען אַ שטעקן.

אין שטוב האָט זי גערעדט בלויז רוסיש אָדער פראַנ־צויזיש; אַזוי האָב איך מיך לכל־הפּחות אַנגעשטויסן, ווייל קיין פראַנצויזיש האָב איך נאָך ביז דעמאָלט נישט געהערט. איך

מוז אָבער מודה זיין, אַז די שטאָלצקייט און די אָנגעבלאָזנקייט האָט איר געפּאַסט — זי איז געווען ווי געבוירן פֿאַר אַ גרויסע דאַמע. אויפֿן ערשטן בליק וואָלט קיינער נישט געזאָגט, אַז זי איז פֿון יידישער אָפּשטאַמונג. מיט דער זעלטענער שיינקייט, מיט וועלכער זי האָט זיך אויסגעצייכנט, וואָלט זיך אַפֿילו אַ פֿירשטין נישט געהאַט וואָס צו שעמען.

ביים טיש בין איך שטענדיק געזעסן לעבן איר. זי האָט מיך נישט איין מאָל אָבסערווירט מיט אירע גרויסע, קויל־שוואַרצע אויגן; פֿאַר דער קראַפֿט פֿון זייער אָנבליק האָב איך מיך שטענדיק געמוזט רויטלען. אַ סך מאָל בין איך צוליב דעם אַוועק פֿון דעם רייך־געדעקטן טיש אַ הונגעריקער, ווייל איך האָב אַלץ מורא געהאַט, אַז איך פֿאַרהאַלט מיך נישט גענוג טאַקטיש ביים טיש און אַז זי האָט עס באַמערקט.

ווי איך האָב דערוואַרט, האָט זיך גאַנץ גיך געמאַכט אַ געלעגנהייט, אַז איך זאָל מיט איר זיך דורכשמועסן. זי איז גאַנץ אָפֿט געקומען אין צימער אַריין, וווּ איך האָב פֿאַרבראַכט, כּדי צו געניסן פֿון דער ביבליאָטעק, וואָס געפֿינט זיך דאָרט. איך געדענק, ווען זי האָט צו מיר גערעדט ס'ערשטע מאָל און מיך געפֿרעגט וועגן עפּעס אַ ביכל, האָב איך מיך געפֿילט, ווי דער גליקלעכסטער מענטש. שפּעטער האָב איך דאָס פֿאַרגעניגן געהאַט וואָס אַמאָל אָפֿטער. איינמאָל האָט זי מיך אפֿילו פֿאַר־בעטן אין איר צימער אַריין, וועלנדיק מסתּמא ווייזן, ווי פֿאַר־שווענדעריש רייך איר צימער איז איינגעאָרדנט. איך בין איר נאָכגעגאַנגען נישט דרייסט און בין באמת איבערראַשט געוואָרן מיט דעם, וואָס איך האָב געזען. עס איז דאָרט פֿול געווען מיט טייערע דיוואַנען, געשטיקטע קישעלעך און אַנדערע שמאָכנעס. איך וואָלט נישט געווען אימשטאַנד זיי אויסצורע־כענען. סאָניע האָט זיך מקדים געווען מיר צו דערקלערן, אַז דאָס צימער איז איינגעאָרדנט אין מזרח־סטיל. זעענדיק מיין אָנטציקונג, האָט זי מיך פֿאַרבעטן, אַז איך זאָל זיך זעצן אויף איינס פֿון די קישעלעך.

נישט וואַגנדיק אָפּצוזאָגן, האָב איך נאָכגעגעבן איר בקשה

און איך האָב מיך אָוועקגעזעצט „אויף טערקיש". זי האָט געלאַכט, האָט אָנגעהויבן זיך צו חכמהנען און מיך צו קיביצן מיט צווײדײטיקע וויצן. אַלס לערער פון יידישע לימודים האָב איך מיך געמאַכט ווי איך פאַרשטיי דאָ גאָרנישט און האָב די גאַנצע צייט געשוויגן.

באַלד איז אַריינגעקומען אַ סטודענט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פעטע וויצן נאָך געדיכטער. אַ טייל פון זיי זענען געווען געריכטעט אויף מיין אַדרעס, און כאָטש אַ סך וויצן זענען געזאָגט געוואָרן אויף פראַנצויזיש, האָב איך זיי אַביסל פאַרשטאַנען, לויט די פיל זאָגנדיקע זשעסטן און מימיק.

פאַרחידושט און זשענירט מיט דעם, וואָס איך האָב געזען, בין איך געזעסן אויפן טערקישן קישעלע און נישט געוואגט זיך צו רירן פון אָרט. ווידעראַמאָל האָב איך מיך געקאָנט איבערצייגן, אַז דער אָנבליק טוט אָפט אָפּנאַרן. דער שטאָלץ און דאָס גדלות פון סאָניען איז בלויז געווען לפנים, אָנגעשטעלט. נאָך מער האָט זיך סאָניע מיט מיר פאַראינטערעסירט נאָך דער געשיכטע, וואָס האָט שפּעטער פּאַסירט:

מיטאָג. מיר זיצן אַלע ביים טיש. מיט אַמאָל פירט דער לאָקיי אַריין אַ רייזנדן. איך האָב אַ קוק געגעבן אין דער זייט פון געקומענעם און... איך בין פאַרשטאַרט געוואָרן פון שרעק. איך האָב אין אים דערקענט אַ וואַלד-סוחר פון אונזער שטעטל, אַן אָפטן גאַסט און אַ ידיד פון אונזער הויז. אויך זיין בליק איז באַלד אויף מיר געפאַלן. אַ מינוט איז ער געשטאַנען נישט ווייניקער פאַרחידושט פון מיר. אָבער באַלד דערנאָך האָט ער געגעבן אַ געשריי:

— און וואָס טוסטו דאָ?

נו, טראַכט איך, איך בין פאַרלאָרן! איך פיל, ווי איך ווער בלאַס און פונקען פליען מיר פאַר די אויגן. דער אָנגעקומענער איז צוגעגאַנגען און האָט מיר דערלאַנגט די האַנט. איך האָב זי געדריקט און כסדר געציטערט.

אַלע האָבן שווייגנדיק אָבסערווירט די סצענע מיט דער

גרעסטער נייגעריקייט. ענדלעך האָט אים דער באַלעבאָס געפרעגט:

— פון וואַנען קענט איר אונזער לערער?

— ס'הייסט? — האָט דער געפרעגטער געענטפערט. — איך זאָל נישט דערקענען שמואלס זון?

און דאָ איז געשען אַ נס. אָנשטאָט מיך צו דעמאַסקירן, ווי איך האָב דערוואַרט, האָט ער מיך אויפגעהויבן, ווי מען זאָגט, ביז צום הימל; ער האָט זיך צערעדט וועגן מיין אָפּ־שטאַמונג, וועגן מיין טאַטנס עשירות, ער האָט אַפילו דערציילט, ווי ער האָט מיך אַלס קינד געטראָגן אויף די הענט. מיט איין וואָרט — ער האָט מיך געשילדערט פאַר דעם עולם פון דער בעסטער זייט.

ווען דער פרעמדער האָט גערעדט, האָב איך אַ קוק גע־געבן אויף סאָניען. איך האָב דערזען, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איר בליק איז אַזאַ האַרציקער, אַ וואַרעמער. דאָס האַרץ איז מיר אַזש צעגאַנגען פון תענוג.

נאָך דעם, ווי עס איז פאַרביי דער ערשטער איינדרוק פון דער אַזוי אומדערוואַרטער באַגעגעניש, האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט, כדי איך זאָל מיך אויסשמועסן מיט דעם סוחר אונטער פיר אויגן. קודם האָב איך אים געבעטן, ער זאָל מאַכן אַ שווייג וועגן מיין אַנטלויפן און באַגנבענען דעם טאַטן. דאָס האָט ער מיר צוגעזאָגט. ער האָט מיך אָבער אויסגעזידלט פאַר מיין אַנטלויפן און דערפאַר, וואָס ביז איצט האָב איך גאָרנישט געשריבן צום טאַטן. ער האָט מיר דערציילט, אַז דער טאַטע האָט שטאַרק עגמת־נפש, נאָר ער וועט מיר זיכער מוחל זיין, ווען איך וועל אים בעטן. אין משך פון די פּאָר טעג, וואָס ער האָט דאָ פאַרבראַכט, האָט ער באַוויזן מיך צו איבערצייגן וועגן דער נויטווענדיקייט צו שרייבן אַ בריוו צום טאַטן. איך האָב איך מבטיח געווען, אַז איך וועל עס טאָן.

דער דאָזיקער צופאַל האָט גורם געווען, אַז אַלע האָבן אָנגעהויבן אויף מיר אַנדערש צו קוקן, ווייל ביז איצט האָט מען מיך געהאַלטן פאַר אַ יתום, וואָס האָט נישט קיין היים.

וואָס עס האָט מיך אָבער צום מערסטן געפרייט, איז געווען די צוגענויגטקייט, וואָס סאָניע האָט לגבי מיר פון דעמאָלט אָן אַרויס־געוויזן.

לויט מיין געגעבענער הבטחה האָב איך מיך גענומען צו שרייבן דעם טאַטן אַ בריוו. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָב איך אַריינגעלייגט אַלע מיינע שרייבערישע פעאיקייטן, און דערצו אַזוי פיל געפיל, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ שטיין וואָלט עס גערירט, היינט ווער שמועסט נאָך אַ טאַטן. צוויי טעג האָב איך דעם בריוו אַרומגעטראָגן, ביז איך האָב מיך אים באַשלאָסן אַוועקצושיקן. צי בין איך בכוח צו באַשרייבן, מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד איך האָב דערוואַרט אַ תשובה? איך האָב אין גאַנצן פאַרגעסן, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר, און איך האָב נאָר געטראַכט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ תשובה דאָס וועט זיין און צי זי וועט בכלל אָנקומען. ביז אין אַ געוויסן טאָג, אין אַ וואָך אַרום, קומט צו מיר סאָניע צו לויפן אַ שטראַלנדיקע און דערלאַנגט מיר אַ בריוו.

מיט ציטערנדיקע הענט האָב איך אויפגעריסן דעם קאָנ־ווערט און איך האָב מיך איינגאַנצן פאַרזונקען אין לייענען. סאָניע איז די גאַנצע צייט געזעסן דערביי און האָט מיך אויפ־מערקזאַם אָבסערווירט, וועלנדיק פון מיין פּנים אַרויסלייענען, וואָס פאַר אַן איינדרוק דער בריוו וועט אויף מיר מאַכן. דער בריוו איז געווען אַ גוטער, האָב איך מיך מיט איר טאַקע גע־טיילט מיט מיין צופרידנקייט.

פון דער מינוט אָן האָט זיך מיין פריינטשאַפט מיט סאָ־ניען נאָך מער פאַרפעסטיקט. איך רעד שוין נישט דערפון, וואָס אויף אירע עלטערן האָט דער קאָנווערט מיט דער געדרוקטער פירמע געמאַכט אַ גינסטיקן איינדרוק, און איך בין טאַקע גע־וואָרן מער אָנגעזען.

פון דעמאָלט אָן בין איך שוין אָפט געגאַנגען מיט סאָניען שפּאַצירן. זי האָט מיך גערופן אויף שפּאַס „רבי". ביים טיש האָב איך מיך שוין נישט געשעמט און האָב שוין געגעסן צו דער זאַט. מען האָט מיך בכלל אין דעם הויז באַהאַנדלט ווי

אַן אייגענעם. איך וועל דאָ ברענגען די פאָלגנדע פּאַסירונג:
איינמאָל פרייטאָג בין איך אַריין אין קיך. די קעכין האָט מיך אין שפּאַס געבעטן, אַז איך זאָל גיין אין קאַמער אַריין נאָך אַ ביסל האָלץ, ווייל זי קאָן נישט אַוועקגיין פון די טעפּ־לעך. איך האָב מיט פאַרגעניגן מסכּים געווען. אין קאַמער איז געווען טונקל. ווען איך האָב געמאַכט אַ פּאָר טריט פון דער טיר, האָב איך פּלוצלונג דערפילט, אַז איך פאַרליר דעם באָדן אונטער די פיס און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ לאָך אַריין...
ווען איך האָב צוריקגעקריגן דאָס באַוווסטזיין, האָב איך דערזען, ווי איך ליג שוין אין מיין צימער און אַרום מיר שטייען פאַרזאַמלט אַלע הויז־מענטשן. איך בין געווען שטאַרק צעקלאַפּט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די עפענונג צום איינ־קעלער איז נישט געווען פאַרמאַכט, און צוליב דער גע־דיכטער פינסטערניש אינם קאַמער האָב איך עס נישט באַמערקט און בין אַרויפגעפאַלן אויף אַ באַרג מיט אייז.
דער פאָרפאַל אַלס אַזעלכער איז געווען אַ טראַגישער. שפּעטער האָט מען צוליב דעם פון מיר אָפּגעלאַכט אַ לאַנגע צייט. אין דער ערשטער מינוט אָבער, זעענדיק מיך אַ צעהרגעטן, האָט מען מיך אַרומגערינגלט מיט אַ וואַרעמער אויפזיכט און מען האָט מיך געפּלעגט מיט דער גרעסטער זאָרגפעלטי־קייט. די קעכין האָט געוויינט און געבעטן, איך זאָל איר מוחל זיין; זי האָט געטענהט, אַז נאָר זי איז געווען דער גורם פון פאָרפאַל.
מיין קראַנקהייט האָט געדויערט אַ פּאָר טעג. אַ חוץ דעם, וואָס איך האָב מיך צעקלאַפּט, האָב איך מיך אויך פאַרקילט, ליגנדיק אין אייז־קעלער אַ געוויסע צייט אויפן אייז. מ'האָט מיך אָפּגעהיט ווי אַן אייגן קינד. און די גרעסטע איבערגעגעבנקייט האָט אַרויסגעוויזן סאָניע. זי איז נישט אָפּגעטרעטן פון מיר אויף אַ מינוט. אין שטוב האָט מען אַפילו צוליב דעם אָנגע־הויבן פון איר צו חוזקן, אַז זי איז פאַרליבט אין „רבין". אַממערסטן חכמהלעך אויף איר חשבון האָבן געשיט סאָניעס ברידער.

מען דאַרף דאָ מודה זיין, אַז די אַלע חוזק־באַמערקונ־גען זענען אין אַ געוויסער מאָס געווען באַרעכטיקט. פון דעם פאַרפאַל אָן זענען טאַקע מיינע פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען מיט סאָניען געוואָרן נאָך נענטער. נאָך מיין געזונט ווערן איז נישט געווען דער טאָג, אַז מיר זאָלן נישט גיין אין צווייען שפּאַצירן, אַמאָל אין וואַלד אַריין, אַמאָל אין די לאָנ־קעס. מיר האָבן זיך אַ סך מאָל אַזוי אַרומגעשלעפּט ביז שפּעט אויף דער נאַכט. האַלטנדיק זיך ביי די הענט, האָבן מיר אָפט שווייגנדיק געדעפּטשעט איבער די דורך דאַטשניקעס אויסגעטרעטענע שטעגלעך, אָדער מיר האָבן זיך אָפּגערוט אויף דעם ווייכן וואַלד־מאָך, איינהערנדיק זיך אין דעם גערויש פון ניעמאַן אָדער אין געהיימניספולן רוישן פון וואַלד, וואָס עס האָט האַרמאָנירט מיט אונזערע געפילן. גאַנץ זעלטן האָט איבערגעריסן די דאָזיקע שטילקייט אַן איבערגעוועקטער פויגל אָדער אַ מענטשלעך ווידערקול.

איך האָב מיך געפילט גליקלעך. כ'האָב מיך פאַרליבט אין סאָניען מיט דעם הייסן געפיל פון דער ערשטער, אמתער ליבע.

עס זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכן; אונזערע אָפּטע אויס־פלוגן האָבן ענדלעך אַרויסגערופן די אויפמערקזאַמקייט פון די הויז־מענטשן. זיי האָבן פאַרבאָטן סאָניען צו שפּאַצירן מיט מיר אויג אויף אויג. דאָס האָט אָבער ווייניק וואָס געענדערט די זאַכלאַגע. אין געהיים האָבן מיר ווייטער זיך באַשטימט זע־אונגען. צי האָט עס דען אַנדערש געקאָנט זיין? איך האָב מיך נישט געקאָנט באַגיין אָן דעם, איך זאָל דאָס מיידל נישט זען כאָטש אַ פּאָר מאָל אין טאָג. אין שלאָף און אויף דער וואַך האָב איך נאָר וועגן איר געחלומט. מיין גליק האָט זיך נאָך מער פאַרגרעסערט דערמיט, וואָס איך בין זיכער געווען אין איר קעגנזייטיקייט. קיין גליקלעכערן מענטש האָב איך מיר נישט פאַרגעשטעלט אונטער דער זון.

און דאָך האָט דער צופאַל אַזוי געוואָלט, אַז די גאָלדענע

חלומות זאָלן צערונען ווערן ווי אַ וואָלקן. ווי אַזוי דאָס איז געשען, וועל איך דאָ דערציילן.

אַ געוויסן טאָג פאַר נאַכט האָט זיך צעטראָגן איבערן דאָרף די ידיעה, אַז ס'איז אַוועקגעקומען איינער פון די דאַטש-ניקעס. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן עלטערן מענטשן, אַן אינהאַבער פון אַ באַנקהויז אין קאָוונע, וועלכער איז אין ד. פרימאָרגן-שעהן אַוועק אין וואַלד אַריין און ביז אין אָוונט נישט צוריקגעקומען. מען האָט גערעכנט, אַז ער האָט פאַר-בלאָנדזשעט. האָט מען באַשלאָסן, אַז דאָס גאַנצע דאָרף זאָל אים גיין זוכן. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז איך בין געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן געהערט צו דער עקספּע-דיציע. סאָניע, ווי דער לייענער שטויסט זיך אָן, האָט זיך אויך באַלד געפונען לעבן מיר.

דער וואַלד איז פול געוואָרן מיט זוכנדיקע. יעדע מי-נוט האָט זיך פון דאָ און דאָרט געטראָגן די אויסרופן: או-הו! או-הו! דער עכאָ האָט אויפגעכאַפּט די קולות און האָט זיי צעטראָגן אין אַלע ריכטונגען, אָנמאַכנדיק אַזאַ רעש, אַז אַ טוי-טער וואָלט עס דערהערט.

,דער פאַרלאָרענער האָט אפשר אויך געהערט דעם גע-רודער אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגערופן... איבעריקנס, איך וועל מיך דאָ וועגן אים נישט צופיל צעשרייבן, איך וועל באַלד אינפאָרמירן דעם לייענער וועגן זיין גורל: מען האָט אים נעמלעך געפונען אין וואַלד אַ טויטן; ער איז געשטאָרבן, ווי דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אויף אַ האַרץ-אַטאַק. ער האָט געהאַט ביי זיך אַ גרעסערע סומע געלט. דאָס געלט איז פאַר-בליבן פאַר די יורשים.

איך וועל אָבער דאָ צוריקגיין צום עיקר.

אין אָנהויב האָב איך מיט סאָניען גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם זוכן; מיר האָבן אַפילו געשריגן צוגלייך מיט אַלע אויפן גאַנצן קול; ביסלעכווייז האָבן מיר זיך אָבער דער-ווייטערט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט און מיר האָבן גע-שפּאַנט ביי דער גרענעץ פון וואַלד, מיטן ברעג פון ניעמאַן.

מיר האָבן אויפגעהערט צו שרייען און מיר האָבן זיך פאַרנו־מען מיט זיך...

עס איז געוואָרן אין גאַנצן פינסטער. דער סעפּטעמבער־אָוונט האָט אַרומגעהילט דעם וואַלד און דעם טייך מיט אַ וווּנדערבאַרן צויבער. די געשרייען זענען שוין לאַנג נישט דערגאַנגען צו אונזערע אויערן. צוגעטוליעט צו זיך זענען מיר אַלץ געגאַנגען פאָרויס, אַרומגענומען מיט דעם געהיימניספולן רויש פון דער אַרומיקער נאַטור. מיר האָבן אַריינגעטעמט מיט דער פולער ברוסט דעם באַלזאַם פון דער אַרומיקער לופט.

מיר זענען אַרויף אויף אַ קליין בערגל, וואָס האָט אויס־געזען ווי אַן אינזעלע אין מיטן אַ ים פון גרינס. סאָניע האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך געפילט מיד און פאַרגעלייגט מיר זיך אָפּצורוען. מיר האָבן זיך אוועקגעזעצט. זי האָט זיך נאָך שטאַרקער צוגעטוליעט צו מיר. פון טייך האָט גע־בלאָזן מיט קילקייט און פייכטקייט. זי איז געווען צוגעדעקט מיט אַ לייכטן שאַל און האָט געציטערט פון קעלט. האָב איך אַראָפּגענומען פון זיך דעם מאַנטל און אַרומגעהילט דער־מיט מיין פריינדין.

האָבנדיק מיין אויסדערווײלטע ביי דער זייט, האָב איך מיך געפילט גליקלעך אָן אַ גרענעץ און איך האָב געגאַרט, אַז דער אָוונט זאָל דויערן אייביק.

פון די טרוימען האָט מיך אויפגעוועקט איר פאַרלאַנג, אַז איך זאָל איר עפּעס דערציילן פון זיך. איך האָב איר אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן מיין פאַמיליע, וועגן דער מאַ־מען, וועגן דער שטוב; וועגן טאַטן האָב איך דערווייל גע־שוויגן; דען די דערינערונג פון טאַטן האָט מיר שטענדיק אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק מיין מיאוסע טאַט מיטן געלט. עס האָט מיך אָבער געוווּנדערט, ווען איך האָב באַמערקט, אַז סאָניע הערט מיך בלויז אויס, אָדער זי וואַרפט אַריין דאָ און דאָרט אַ פראַגע, גיכער צום צייט־פאַרטרייב, ווי צוליב פאַר־אינטערעסירונג.

איך האָב מיך דערפילט נישט היימלעך. בין איך צו־

מישט און אַנטשוויגן געוואָרן. מיט איין מאָל, אוי שרעקלעך! — נישט גלויבנדיק מיינע אייגענע אויערן, האָב איך דערהערט אָט אַזאַ פראַגע:

— זאָג מיר, „רבי" (מיר זענען שוין פון לאַנג געווען אויף „דו"), האָסט שוין אַמאָל געהאַט אַ פרוי?

איך בין פאַרשטומט געוואָרן פון שטוינונג. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער וואַלד איז מיר געפאַלן אין קאָפּ אַריין. מיין מוח האָט נישט געקאָנט באַגרייפן, אַז מיין געליבטע סאָניע זאָל קאָנען אַזעלכעס פרעגן. איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס זי איז דערמיט אויסן. וואָס שייך מיר, איז מיר קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, איך זאָל אַן עוולה טאָן דעם דאָזיקן פאַרגעטערטן מיידל... טראָץ דעם, וואָס עס האָט אין מיר געברענט די ליבע צו איר מיט אַן אומגעהייער פייער, האָב איך מיך געהאַלטן ווי אַ שקלאַף פאַר זיין פרינצעסין...

— זאָג!... זאָג!... — האָט זי זיך געבעטן, דריקנדיק מיר ליידנשאַפטלעך די האַנט. — נו, גיכער!... — האָט זי איבערגעחזרט.

— נ—יי—ן... ק—יי—נ—מ—אָ—ל נ—י—ש—ט, — האָב איך נישט ווילנדיק געשטאַמלט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע.

— און צי ווילסטו איצט האָבן? — האָט זי געפרעגט נאַאיוו, טוליענדיק זיך מיטן גאַנצן קערפּער צו מיר.

אַנשטאָט אַן ענטפער האָב איך נערוועז אָנגעהויבן צו רייסן אירע קליידער...

עס איז געשען...

נעמענדיק פאַר עדות די שטערן, וואָס האָבן אַזוי שיין געפינקלט, דעם וואַלד און דעם ניעמאַן, וועלכע האָבן געזען די מיסטעריע פון ליבע, האָב איך געשוואָרן, אַז איך וועל זי ליבן ביז צום קבר און קיין שום זאַך וועט נישט באַוויזן אונדז צו שיידן. זי האָט זיך בלויז הויך צעלאַכט אַלס ענטפער אויף מיין ליבעס־ווידוי, און געזאָגט:

— דאָס איז אַלץ איבעריק... האַלט נאָר די צונג צווישן

די ציין... ווען עס וועט זיך נאָר מאַכן אַ געלעגנהייט, וועל איך ווידער זיין דיינע...

איך האָב אויפגעציטערט, הערנדיק די ווערטער. בשום אופן האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין זייער באַדייטונג. ביז דאַן האָב איך גערעכנט, אַז אַ מיידל, בפרט אַזאַ, ווי סאָניע, דאַרף האַלטן דעם ליבעס־אַקט ווי עפּעס הייליקעס. וויי־ניקסטנס דאַרף זי עס האַלטן פאַר אַזוי וויכטיק, אַז דערפאַר מוז זי פאָדערן פון מאַנספּאַרשוין אַ קעגנזייטיקייט אין דער פאָרם פון אויפריכטיקע געפילן, וועלכע פאַרזיכערן געוויסע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט.

די לייכטקייט, מיט וועלכער סאָניע האָט באַהאַנדלט דעם ענין, האָט מיך פולשטענדיק אַרויסגעשטויסן פון גלייכגעוויכט. איך האָב נישט געקאָנט צוזאַמענגעמען די געדאַנקען און זי, צו להכעיס מיר, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, האָט געלאַכט און דעם גאַנצן צוריקוועג האָט זי אָפּגעחוזקט פון מיין נאַ־איווקייט און פאַרענדיקט דאָס אַלץ מיט דער צינישער באַ־מערקונג, אַז איך האָב איר צעריסן די מ...

עס איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט, ווען מיר זענען אַהיימגעקומען. אַלע זענען שוין געשלאָפן. בשתיקה האָב איך מיך אַריינגעגנבעט אין מיין צימער אַריין און האָב מיך געלייגט אין בעט אַריין. וועגן שלאָפן איז אָבער נישט געווען וואָס צו רעדן. איך האָב מיך געפונען אונטער אַ צו שטאַרקן איינדרוק פון דער נאָר וואָס איבערגעלעבטער פּאַסי־רונג. צום הונדערטסטן מאָל האָב איך זי איבערגעלעבט אין געדאַנק, איך האָב מיך אָבער כסדר אָנגעשטויסן אָן די, פאַר מיר קנאַפּ פאַרשטענדלעכע, ווערטער: „דאָס אַלץ איז איבע־ריק, האַלט נאָר די צונג צווישן די ציין" !...

מיט איין זאַך בין איך אָבער געווען איינשטימיק מיט דעם באַוווסטזיין, אַז דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך געגאָסן דאָס אמתע פאַרגעניגן, וואָס אַ פרוי קאָן געבן... איך האָב גערעכט געגעבן דער גמרא, וואָס באַצייכנט אַזעלכע איבערלעבונגען מיט די ווערטער: אָט דאָס געפיל איז געגליכן

צום תענוג פון גן־עדן. איך האָב, וואָס אַן אמת, נישט גע־קענט דעם „גן־עדן״, אָבער איצט האָב איך שוין געקאָנט האָבן אַ מער וויינעקער ריכטיקע פאָרשטעלונג; און מען דאַרף מודה זיין, אַז צו זיין כסדר אין גן־עדן — דאָס איז זייער אַן אָנגענעמע זאַך. איך האָב שוין אין האַרצן מקנא געווען די, וואָס מען וועט נאָכן טויט אַהינטראַנספּאָרטירן.

אַזעלכע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין קאָפּ; ענדלעך בין איך אַן אָנמעכטיקער און אַ מידער איינגעשלאָפן.

עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך בין אין גן־עדן. איך זיץ צווישן די שענסטע מיידלעך, אין גאַנצן נאַקעטע, וואָס זעען אויס ווי די אַלטערטימלעכע געטינס, וואָס איך האָב גע־זען אויף די בילדער אין אַ ביכל פון דער ביבליאָטעק, און איך פרעגל מיך אין תענוג. די מיידלעך באַמיען זיך איינע נאָך דער אַנדערער מיך צו פאַרלאָקן מיט זייער חן... איך כאַפּ צו זיך אין אָרעם די ערשטע פון דער ריי... ליידנ־שאַפטלעך צי איך זי צו צו מיר... און זי נעמט מיך אַרום מיט אירע אָרעמס... איך פיל ווי אַ תענוג און אַ מחייהדיקייט צעגיסט זיך איבער מיינע איברים... און איך וועק זיך. דאָס פינסטערע צימער איבערצייגט מיך גיך, ווי ווייט איך בין פון דער ווירקלעכקייט, בין איך בייז געוואָרן אויף זיך אַליין און האָב זיך באַמיט צו באַרואיקן.

אַ נעכטיקער טאָג! די איינמאָל צעבריקעוועטע פאַנ־טאַזיע וועבט אָן אויפהער פאַרכישופטע בילדער און זי גיט נישט קיין איין מינוט מנוחה דעם מוח. עס ווערן געבוירן געדאַנקען און פּלענער, וועלכע איך וואָלט פריער פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט געוואָגט צו פאַרווירקלעכן. עס אַנשטייט נעמלעך אין מיין מוח אַ משוגענער געדאַנק, און וואָס ווייטער אַלץ צודרינגלעכער ווערט ער, אַז איך זאָל אַריין אין סאָניעס צימער.

איך קאָן שוין ווייטער נישט קעמפן מיט דער געהיימער קראַפט, וואָס שטויסט מיך דערצו, און איך שטיי אויף שטילער־הייט פון בעט און, דורכגנבענענדיק זיך, ווי אַ שאָטן, דורכן

דעם קאָרידאָר און דעם עס־צימער, קריך איך צו צו איר שלאָפצימער, און דאָס הארץ קלאַפּט ביי מיר, ווי ביי אַ גזלן. צולייגנדיק אַן אויער צו דער טיר, בין איך פּשוט אָפּגעשטאָרבן; עס האָט זיך מיר עפּעס געדאַכט, אַז איך הער, ווי מען סודעט זיך דאָרט. איך האָב פעסטער צוגעלייגט דאָס אויער צו דער טיר און מיך גוט איינגעהערט.

ניין, איך האָב מיך נישט טועה געווען. דאָס איז נישט געווען קיין איינרעדעניש. איך האָב דייטלעך געהערט אַ שטיל סודלען זיך און אַ פאַרשטיקט געלעכטער פון צוויי מענטשן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך מיך אַפילו משער געווען, צו וועמען דאָס שעפּטשען געהערט.

איך האָב שוין נישט געהאַט קיין ספיקות. אין צימער פון מיין פאַרגעטערטער סאָניע האָט זיך געפונען דער סטודענט, אַ טיפּישער פּולבלוטיקער מאַנספאַרשוין פון אַ יאָר 25, ביי וועמען זי האָט זיך געלערנט פראַנצויזיש.

איצט האָב איך מיר ערשט אָפּגעגעבן אַ חשבון, וואָס פאַר אַ צוועק עס האָבן געהאַט זיינע אָפטע באַזוכן אין סאָניעס צימער. איך בין נאָך דעמאָלט אַזוי נאַאיוו געווען, אַז איך האָב מיר נישט פאָרגעשטעלט, אַז אָט די וויזיטן חזרן זיך איבער ביינאַכט אויך; איבעריקנס, איז דאָס נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין שום שוועריקייטן, ווייל דעם סטודענטס צימער האָט גע־גרענעצט מיט סאָניעס צימער.

דער שמערץ פון דער דאָזיקער מוראדיקער אַנטוישונג האָט מיר פאַרקלעמט דאָס הארץ. איך האָב מיך אָנגעהאַלטן אָן דער טיר, איך זאָל נישט אומפאַלן. איך האָב געפילט, ווי די טרערן איבער דעם פאַרלאָרענעם גליק שטיקן מיר אין האַלז און פאַרהאַלטן מיין אָטעם. מיט וואַקלדיקע טריט האָב איך געשפּאַנט אין דער ריכטונג פון סטודענטס צימער. דער צימער איז געווען פּוסט. די מלבושים זענען געלעגן צעוואָרפן אין אומאָרדנונג אויף די שטולן און אויף דער פּאָדלאָגע. ער איז, הייסט עס, אַרויסגעגאַנגען אין די וועש.

אַ היץ האָט מיך אַרומגעכאַפּט; דאָס בלוט האָט פּולסירט

מיט אַ פאַרשנעלערטן טעמפּאָ, צערייסנדיק די אָדערן; אין די שלייפן, האָט זיך געדאַכט, ווי האַמערס וואָלטן געאַרבעט.

איצט האָב איך שוין פאַרשטאַנען, וואָס עס באַדייטן די ווערטער: „דאָס איז איבעריק... האַלט נאָר די צונג צווישן די ציין״... זי אַלזאָ ליבט מיך נישט... זי איז בלויז אַן אויסגע־לאַסענע!

די קעגנזעצלעכע געפילן פון אַנטוישטער האָפענונג און אייפערזוכט, וואָס האָבן מיט מיר געשליידערט, ווי אַ הוראַגאַן, האָבן זיך אין דער מינוט אומגעוואַנדלט אין איינס — אין אַ שטרעבן צו נקמה! איך האָב פיבערדיק אָנגעהויבן צו זוכן אַ געלעגנהייט אויסצופירן דעם איינמאָל אַנטשטאַנענעם נקמה־געדאַנק, וואָס האָט מיך אויף קיין איין מינוט נישט אָפּגעלאָזט.

איך האָב נאָך נישט געוווסט, אין וואָס עס זאָל באַשטיין מיין נקמה. איך האָב אָבער באַשלאָסן עפּעס אָפּצוטאָן. דאָ האָט זיך מיין בליק פאַרהאַלטן אויפן גאָלדענעם זייגערל, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, וועלכער האָט מיט זיין גלאַנץ ווי גערייצט זיך מיט מיר און חוזק געמאַכט פון מיין אָנמאַכט.

נעם עס! — האָט געשעפּטשעט עפּעס אַ לאַקנדיקע שטים.— דאָרטן אונטערן קישן ליגט נאָך אַ פּאָרטפעל מיט געלט... נעם! נאָך די זיסע צאַפּלענישן פון ליבע וועט אים דער פאַרלוסט נאָך שמערצלעכער ווײ טאָן. אַזוי צי אַזוי וועט דיין בלייבן דאָ ווערן אומדערטרעגלעך. שטענדיק און אומעטום, אויף יעדן טריט האָט ער אָפּגעחוזקט פון דיר און זיך גערייצט מיט דיר. דו ביזט כסדר געווען דער אָביעקט פון זיינע בייזוויליקע באַמערקונגען... דו האָסט דאָך פריער אויך נישט געקאָנט פאַר־טראָגן זיין פּרצוף... און איצט, נאָך דעם, וואָס דו האָסט אַליין געזען... נעם, אַנטלויף!...

דורכגעדרונגען מיט די דאָזיקע געדאַנקען בין איך צו־געגאַנגען צום בעט און איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנט צום זייגערל. שטיל האָב איך עס אַראָפּגענומען פון דער וואַנט; נישט מיט קיין קלענערער געשיקטקייט, ווי איך וואָלט שוין געווען אַ פאַכמענישער גנב, האָב איך אַרויסבאַקומען דעם

פאַרטפעל, און ווערנדיק געיאָגט פון עפּעס אַן אומפאַרשטענד־
לעכע מורא, האָב איך מיך אַרויסגערוקט פון צימער און מיט
דעם אייגענעם וועג בין איך צוריק אַריין אין מיין צימער. דאָ
האָב איך מיך אין איין אויגנבליק אָנגעטאָן, איך האָב אויף
דער גיך צוזאַמענגענומען מיינע זאַכן און, ווי אַ שלאַנג, האָב
איך מיך אַרויסגעגליטשט אין דרויסן.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. איך בין גע־
גאַנגען, ניין, איך בין פּשוט געלאָפן פאָרויס, געיאָגט פון עפּעס
אַן אומפאַרשטענדלעכער מורא. די היץ האָט געשלאָגן פון
מיר און גלייכצייטיק האָט מיך געשווידערט פון קעלט; איך
האָב אין גאַנצן געציטערט. אַן אומבאַקאַנטע פאַר מיר שווער־
קייט האָט זיך מיר געלייגט אויפן קאָפּ און אין די פיס, ווי
מען וואָלט מיך געבונדן מיט בליי. און אין געוויסע מאָ־
מענטן האָב איך מיך אָפּגעשטעלט און האָב מיך פּשוט נישט
געקאָנט רירן, דרעפּטשענדיק אויף איין אָרט. איך האָב גע־
מאַכט אוממענטשלעכע אָנשטרענגונגען, כדי נישט אומצופאַלן.
אין דער קעל איז מיר טרוקן געוואָרן און דאָס האַרץ האָט
געזעצט אַזוי שטאַרק און שנעל, אַז עס האָט מיר פּשוט פאַר־
האַלטן דעם אָטעם.

איך בין איצט געווען בייז אויף זיך אַליין, וואָס איך
בין אַזאַ פּחדן. וואָס־זשע זענען ווערט נערוון, וואָס דער־
לאָזן אַזעלכע שרעקלעכע יסורים? אָך, ווען דאָס זאָל זיך
שוין ענדיקן...

דער וועג, וועלכן איך האָב מיר אויסגעוויילט, האָט גע־
פירט צו אַ קליינער באַן־סטאַציע, וואָס איז אָפּגעלעגן אויף צען
קילאָמעטער. איצט בין איך געווען פאַרנומען בלויז מיט איין
געדאַנק: איך זאָל מיך וואָס גיכער דאָרט אַהינקריגן! די פאַר־
ווירקלעכונג פון מיין נקמה, וואָס דער אָנגעשטאָפּטער פאָרטפעל
און דער זייגערל האָבן עס בולט באַשטעטיקט, האָט מיר צו־
געגעבן מוט און האָט מיך געשטופּט אַלץ פאָרויס, פאָרויס.

די מורא אָבער, אַז מען יאָגט מיך נאָך, האָט פאַראַלי־
זירט מיינע איברים; מינוטנווייז האָבן די פיס מיר אָפּגעזאָגט

צו פאָלגן און איך האָב מיך געמוזט אָפּרוען. איך האָב גע־פּרוווט פאַרגעסן וועגן דעם, וואָס ס׳איז געשען, אָבער טראָץ אַלע מיינע פאַרטיידיקונגס־אַרגומענטן, האָט דאָס געוויסן נישט געוואָלט שווייגן און אין די אויערן האָט כסדר געקלונגען: גנב!... גנב!... גיי צוריק! גיב אָפּ... כל זמן עס איז נאָך צייט!...

ווי אַ באַצוווּנגענער האָב איך מיך אָוועקגעריסן פון אָרט און ווידער האָב איך מיך געיאָגט אָן אָטעם, אַלץ ווייטער און ווייטער צו דער סטאַציע, וואָס וועט מיר ברענגען די ישועה...

ענדלעך האָבן די באַן־שינעס און די שוואַך־באַלויכטענע סטאַציע־בנינים זיך באַוויזן פאַר מיינע אויגן; האָב איך אָפּ־געטעמט מיט פאַרלייכטערונג און שוין מיט פאַמעלעכערע שריט האָב איך געאיילט צום ציל.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

אין וואַרטע־זאַל פון דער סטאַציע האָט אַ נאַפט־לאָמפּ געוואָרפן אַ קאַרגע שיין, און דער רויך פון מאַכאָרקע, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן, האָט נאָך געדיכטער גע־מאַכט דעם נעפּל, וואָס האָט דאָרט געהערשט. נאָך אַ לענגע־רער צייט ערשט האָב איך געקאָנט דערזען די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געוואַרט אויפן צוג.

אויף דער ערד ביי זייער געפּעק זענען געלעגן עטלעכע צענדליק פּויערן און אַ פּאָר פּויערטעס. קיין איינער פון די וואַרטנדיקע פּאַסאַזשירן איז נישט געווען געקליידט שטעטיש. איך האָב מיך מיסטרויאיש אַרומגעקוקט איבערן וואַרטע־זאַל און האָב מיך באַמיט צו געפינען עפּעס אַ ווינקל וואָס ווייטער, ווו איך זאָל ביי קיינעם נישט אַרויסרופן קיין אויפמערקזאַמ־קייט. קודם־כל האָב איך אָבער באַשלאָסן צו דערוויסן זיך, ווען דער צוג גייט אָפּ. צו דעם צוועק בין איך צוגעגאַנגען

צו אַ באָבע, וואָס האָט זיך געוואַקלט הין און צוריק פון שלאָף. זי האָט געבורטשעט און געבורטשעט און מיר ענדלעך דער־קלערט, אַז דער צוג דאַרף אָנקומען ערשט אין צוויי שעה אַרום. אויסרעכנענדיק, אַז דאָס זיצן אַזאַ לאַנגע צייט אויף דער סטאַציע קאָן ווערן פאַר מיר געפערלעך, האָב איך פאַר־וואָרפן מיין ערשטן באַשלוס דאָ צו בלייבן און האָב באַשלאָסן די דאָזיקע צייט צו פאַרברענגען נישט אין וואַרטע־זאַל פון דער סטאַציע, און בין צוגעגאַנגען צו דער טיר. מיטאַמאָל איז פלוצלונג, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן פאַר מיר אַ סטראַזשניק.

— ווי קודאַ? (וווהין גייט איר?) — האָט ער מיך גע־פרעגט.

איך בין פאַרשטומט געוואָרן פאַר שרעק און כ'האָב נישט געקאָנט דאָס מויל עפענען.

זעענדיק מיין איבערראַשונג, האָט דער סטראַזשניק ערשט רעכט געוואָרפן אויף מיר אַ חשד און אין די אויגן פון די פאַרווונדערטע נאַכט־פּאַסאַזשירן האָט ער מיך אָנגענומען פאַרן קאָלנער און צוגעפירט צום וואַך־פּאָסטן.

דער זשאַנדאַרם, וואָס האָט געדרימלט ביים טיש, האָט פויל אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַן אויפגערעגטער, וואַרשיינ־לעך, וואָס מען האָט אים איבערגעריסן דעם זיסן שלאָף, האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר בייזע, מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן. דער סטראַזשניק האָט אים באַלד געמאָלדן, אַז ער האָט אין מיין פּערזאָן אַהערגעבראַכט אַ פאַרדעכטיקן פּאַרשוין, וועלכער האָט גאַנץ זיכער עפּעס אויפן געוויסן... דען ער האָט זיך געוואָלט באַהאַלטן און דערצו האָט ער נישט קיין פּאַס.

אויסהערנדיק דעם אַביסל צו לאַנגן ראַפּאָרט, האָט דער זשאַנדאַרם אַ פּאָר מאָל אַ גענעץ געטאָן און אויסגעצויגן זיינע פאַרשלאָפענע גלידער; קענטיק, ער האָט עפּעס נישט געגלויבט דער אויסשפּירערישער אינטואיציע פון סטראַזשניק; ווען ער האָט אָבער דערהערט — „ניעט פּאַספּאָרטאַ” (נישטאָ קיין פּאַס), איז ער אַביסל לעבעדיקער געוואָרן און באַפוילן:

— באַזוכן!

איך בין געווען פאַרלאָרן. אַזוי פיל איבערלעבונגען, אַזוי פיל נייע עמאָציעס, וועלכע איך האָב ערשט נישט לאַנג איבערגעלעבט, און איצט די געזעלשאַפט פון דעם ביזן סטראַזשניק און דעם נישט וויניקער ביזן זשאַנדאַרם זענען געווען פאַר מיינע נערוון אַ ביסל צו פיל פאַר איין מאָל.

נישט ענטפערנדיק אויף די געשטעלטע פראַגן, האָב איך מיך פאַנאַנדערגעכליפּעט אויפן גאַנצן קול, און די טרערן זע־נען, ווי אַ קוואַל, געפלאָסן איבער מיינע באַקן.

דאָס ערשטע האָט אויפן טיש אַרויפגעוואָנדערט דער זייגער, און נאָך אים אויך דער פּאָרטפעל, אין וועלכן, ווי איך האָב מיך איצט געקאָנט איבערצייגן, עס איז געלעגן דריי־סיק רובל און עפּעס פּאַפּירן. דאָס אַלץ האָבן מיט גרויס פאַר־אינטערעסירונג באַטראַכט דער סטראַזשניק און דער זשאַנדאַרם, און בפרט דאָס זייגערל, וועגן וועלכן זיי האָבן איינשטימיק געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גאָלדנס.

איצט זענען שוין ביידע געווען זיכער, אַז זיי האָבן אין זייערע הענט אַ גנב.

נישט קאָנענדיק ביי מיר נענטער דערגיין, פון וואַנען די זאַכן שטאַמען, און וועמענס זיי זענען, דען, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָב איך די גאַנצע צייט געוויינט, האָט מיך דער זשאַנדאַרם געהייסן דערוויל, ביז די זאַך וועט זיך אַרויס־שטעלן, איינזעצן אין „קאָזע".

ווי נאָר די טיר האָט זיך הינטער מיר מיט אַ זעץ צו־געמאַכט, בין איך מיט אַ גרויס געיאָמער אַנידערגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע און האָב אָנגעהויבן זיך צו רייסן די האָר פון קאָפּ און צו מאַכן מוראדיקע געוואַלדן.

איך האָב געזען פאַר מיר דאָס בילד פון מיין טרויעריקער לאַגע אין איר גאַנצער שוידערלעכקייט. איך האָב זיך דערמאָנט, ווי דאָ ערשט פאַרהעלטניסמעסיק נישט לאַנג בין איך געווען אַ קליין ייִנגעלע, דאָס אויג אין קאָפּ פון דער מאַמען, וועלכע האָט זיך שטענדיק געשטעלט אין מיין שוץ, ווי דאָס לעבן איז

דעמאָלט געשוווּמען אַן דאגות. ווייטער: דאָס חדר... די ישיבה..., ווו איך בין שטענדיק געווען אָנגעזעענער פון אַלעמען אַלס גוטער תּלמיד. און דערנאָך... דערנאָך... איז געשטאַנען אויף מיין וועג אַ פרוי... דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן צו פּאַרנעפּלען... איך האָב שוין נישט געקאָנט גיין גלייך צום ציל, און שוין ווידער אַ פרוי... איז דאָך די גמרא גערעכט, ווען זי זאָגט, אַז „אַלדאָס בייז קומט פון אַ פרוי".

וואָס וועל איך זיי זאָגן אויף צו פאַרענטפערן זיך?!!

די גרויע מאָרגן־דעמערונג האָט שוין אָנגעהויבן צו ווייסן די ווענט פון דער „קאָזע", און איך בין נאָך אַלץ געלעגן אין מיינע צרות אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע פון דער ווייטער סטאַציע איבערן טייך ניעמאַן...

וואָס טוט מען!... וואָס טוט מען!... — האָב איך אַלץ איבערגעחזרט און האָב נישט געפונען קיין שום אויסוועג, ווייל איך האָב זיך געזען שולדיק אין דעם אַלעם, וואָס ס'איז געשען. אָך, ווי איך האָב באַדויערט מיין לייכטזיניקן טאַט און ווי ווייט בין איך שוין געווען פון דעם נקמה־געפּיל, פון וועלכען איך האָב מיך אין יענער שעה געלאָזט באַצווינגען!

אַ מידער פון די איינדרוקן, נאָנט פון חלשות, האָב איך פאַרמאַכט די אויגן און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ שלאָף, אין אַ נישט ווייניקער שמערצלעכן, ווי די ווירקלעכקייט. אָבער דער שלאָף איז נישט געווען קיין רואיקער: עקלהאַפטע, צעשויבערטע פאַרזעענישן מיט שרעקלעכע שפּיציקע נעגל און ריזיקע קינבאַקן מיט פאַרהאַנגענע אָרדערס אויף די באַוואַקסענע לייבער יאָגן מיך פון די אויבערשטע שטיגן פון דער טריבער געביידע אין די פינסטערע קעלערן אַראָפּ און יעדע מינוט זענען זיי מיך גרייט צו צעררייסן...

באַלד וועק איך מיך אויף אַן אָפּגעגאָסענער מיט שווייס, אַ דערשראָקענער גיב איך מיך אַ שטעל אויף און אין דער ערשטער מינוט ווייס איך נישט, וואָס עס איז מיט מיר געשען.

נאָר גיך קום איך אָבער צום באַוווסטזיין, ווו איך בין.

מיט שמוץ פאַרוואַקסענע, פון ברעטער צוזאַמענגעקלאַפּטע נאַרעס, אויף וועלכע עס זעען זיך אַ סך מיט מעסערס אויסגעשניטענע דאַטעס און אויפשריפטן; שפּינוועבס אין די ווינקלען, וואַנצן צעקוועטשטע אויף די ווענט. ביסלעכווייז האָב איך איצט אָנגעהויבן אַריינצוטראַכטן זיך אין מיין לאַגע און זיך מיישב צו זיין, מיט וואָס פאַר אַן אופן זיך צו ראַטעווען...

מיין בליק איז געפאַלן אויף די פאַרקראַטעוועטע פענסטער. איך בין אַרויפגעקראָכן אויף די נאַרעס און האָב אָנגעהויבן צו באַטראַכטן און באַטאַפּן די קראַטעס. עס האָט זיך מיר איצט דערמאָנט די באַשרייבונגען, וואָס איך האָב געלייענט אין די קרימינאַליסטישע ביכלעך, ווי גנבים אַנטלויפן דורך פאַרקראַטעוועטע פענסטער. דאָ האָט אָבער נישט געקאָנט זיין וועגן דעם קיין רייד. די אייזערנע שטאַנגען זענען געווען צו דיק, איך זאָל זיי קאָנען אויסבויגן מיט די הענט; קיין שום אינסטרומענטן האָב איך נישט געהאַט, איך זאָל זיי דורכזעגן. און איבעריקנס, ווען איך וואָלט צוגעטרעטן צו דער דאָזיקער אָפּעראַציע, וואָלט מען עס זיכער באַלד דערהערט. דאָ בין איך געפאַלן אויפן געדאַנק, אַז איך זאָל מיך פּרווון דורכצוקריכן צווישן די קראַטעס; ווייל די אייזנס זענען געווען גענוג שיטער פאַנאַנדערגעשטעלט.

עס איז מיר אַפילו אָנגעקומען מיט גרויסע שוועריקייטן, דאָך האָט זיך מיר פאַקטיש איינגעגעבן דורכצושטופּן דעם קאָפּ; ווען איך האָב געפּרוווט דורכצושטופּן זיך מיטן גאַנצן קערפּער, איז עס מיר בשום-אופן נישט געגאַנגען. מיטאַמאָל, וואָס טוט זיך דאָ? איך הער, ווי עס דערנענטערן זיך טריט. איך וויל צוריקציען זיך אויף צוריק און... שרעקלעך!... דער קאָפּ איז ווי אָנגעשוואָלן. די אויערן פאַרהאַלטן זיך... איך קאָן עס נישט באַווייזן. איך האָב איין מאָל אַ שלעפּ געגעבן און נאָך אַ מאָל; אויף קיין ווייטאָג קוק איך שוין נישט, אויף גאָרנישט... אָבער — אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט... די טיר האָט זיך געעפנט און אין מיינע אויערן האָט זיך אָפּגעשלאָגן דער שפּאָטישער געלעכטער פון סטודענט מיטן פּאָליציאַנט...

פון אַזוי פיל שמערצן און שאַנדע האָב איך פאַרלאָרן דעם באַוווסטזיין. נאָך לאַנגע אָנשטרענגונגען און שפּאָטישע באַמערקונגען, איז זיי ענדלעך געלונגען מיך אַרויסצוקריגן פון דער נעץ. פון די אויערן האָט מיר גערונען בלוט און דער שטערן איז געווען שטאַרק צעדראַפּעט. אַ פּאָר שטאַרקע קאָפּעס מיט די פיס האָבן דערגאַנצט דעם אַזוי אויך טרויעריקן סוף פון דער אונטערנעמונג.

אָך, די שאַנדע... קיינער קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, ווי גרויס ס'איז די שאַנדע פון אַ גנב, ווען מען כאַפּט אים דאָס ערשטע מאָל! שפּעטער, שפּעטער, ווען מען גייט אָן פאַר אַ רעצידיוויסט, פילט מען שוין אין אַ סך אַ קלענערער מאָס די שאַנדע.

דאָס געשילדערטע געשעעניש איז געווען דאָס ערשטע אין מיין גנבישער קאַריערע; און די איבערגעלעבטע חרפה איז געווען אַזאַ גרויסע, זי האָט מיך אַזוי געברענט, איך האָב צוליב דעם אַזוי שטאַרק געליטן, אַז איך קאָן נישט די געפילן איבערגעבן מיט ווערטער, מען דאַרף דאָס אַליין איבערלעבן, כדי צו האָבן וועגן דעם אַ ריכטיקן באַגריף. איבעריקנס, אָן אָנשטענדיקן מענטשן קאָן עס ווייניק אינטערעסירן. נעמענדיק דאָס אין באַטראַכט, וועל איך איבערגיין צו דערציילן די ווייטערדיקע געשעענישן.

נאָכן צוזאַמענשטעלן דעם פּראָטאָקאָל, האָט מען מיך צוגעמאַרגנס געשמידט די הענט אין קייטן און צוגעשטעלט אין פּאָוויאַט און פון דאָרטן האָב איך שוין אַוועקגעוואַנדערט די רעקט אין תפיסה אַריין.

איך געדענק אַזוי ווי היינט דעם פאַר מיר אַזוי שרעקלעכן טאָג פון 15-טן סעפּטעמבער פון יאָר 1913, ווען דער פּאָליציאַנט האָט מיך געפירט אין תפיסה אַריין.

אויפן וועג האָב איך געגאָסן מיט ביטערע טרערן. דער פּאָליציאַנט, אַ מענטש, ווייזט אויס, מיט אַ גוט האַרץ, וואָס ס'האָט אין דער רוסישער פּאָליציי געהערט צו די זעלטנהייטן, האָט מיך געטרייסט, אַז מען וועט מיך באַפרייען און אַלץ וועט

זיך ענדיקן ווי אַמבעסטן. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך האָב שוין דעם דריטן טאָג גאָרנישט געגעסן, האָט ער אויפן וועג געקויפט פאַר אייגן געלט אַ פּאָר זעמל און ער האָט זיי מיר געגעבן איינצוּשטילן דעם הונגער. עס איז שוין געווען טאַקע די העכסטע צייט צוּ עסן, ווייל איך האָב קוים גע־שלעפּט די פיס.

קיינעם פון מיינע אַפּוטרופּסים אין דער פּאָליציי איז נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז כאָטש איך האָב אויפגעהערט צו זיין אַן אָרנטלעכער מענטש, האָב איך נאָך נישט אויפגע־הערט צוּ עסן...

אין דער תּפיסה־קאַנצעלאַריע איז געווען אוּמעטיק און גראָ. גראָ, ווי אויף מיין נשמה. דורך דעם נידעריקן פאַר־קראַטעטן פענסטער, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ הויכן פאַרקאַן, האָט זיך אַדורכגעשלאָגן אַ קאַרגער שטראַל פון טאָג־ליכט.

אויפן הויף איז געווען וואַרעם, און דאָ האָט די קעלט מיך אַזוי אַרומגענומען ביז די ביינער, אַז איך האָב אין גאַנצן געציטערט. אַ ברייט־פּלייציקער חברהמאַן האָט מיך צוגערופן צום טיש, האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און האָט אָנגעהויבן עפּעס צו פאַרשרייבן, געבנדיק יעדע מינוט אַ קאָ־מאַנדעווע: — שטיי גלייך!... — הויב אויף דעם קאָפּ!... — ווייז די ציין!... — ווייז די פינגער!...

דערנאָך האָט ער געהייסן אויסטאָן זיך ביז צום העמד. איך האָב מיך געקווענקלט. אָבער אין זעלבן אויגנבליק האָב איך דערפילט, ווי עמיצנס אַ שטאַרקע האַנט האָט מיך אָנגע־כאַפּט פאַרן קאָלנער און מיך אַוועקגעשלעפּט אין אַ זייט; אין אויער האָט מיר געקלונגען זיין טיפע קעל־שטימע:

— טשטאָ, ניע פּאָניעמאַיעש, טשטאָ טיעביע סקאַזאַנאָ? (וואָס, דו פאַרשטייסט נישט, וואָס מען האָט דיר געזאָגט?)

דאָס איז געווען דער „קלוטשניק” (וואַכמאַן) פון דער תּפיסה. ער האָט מיך געדרייט און געבויגן אויף אַלע זייטן

און עס איז נישט אוועק קיין פּאָר מינוט, ווי איך בין גע־וואָרן גרינדלעך רעווידירט.

— טו דיך אָן און מאַרש!...

איך האָב מיך געפונען הינטער דער טיר. איך בין דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן אומהיימלעכן קאָרידאָר און בין גע־שטאַנען אין דער צענטראַלע; פון דאַנען זענען אין דער פאָרם פון אַ קרייץ זיך צעגאַנגען נאָך אַזעלכע קאָרידאָרן מיט אַ סך טירן, איינע לעבן די אַנדערע.

— דמאָך! — האָט אויסגערופן מיין פירער. — וואַזמי יעוואָ פּאָד נאָמער 93 (דמאָך, נעם אים אונטערן נומער 93).

באַלד האָט זיך טאַקע באַוויזן דער אויפזעער דמאָך און, ווארפנדיק אויף מיר אַ פאַרשנדיקן בליק, האָט ער געהייסן גיין פאָרויס אויפן דריטן שטאָק. דאָרט האָבן מיר זיך אָפּגע־שטעלט פאַר איינער פון די טירן, און אין אַ מינוט אַרום האָב איך מיך, „פּאַכמעניש" אַריינגעשטופּט, שוין געפונען הינטער דער טיר, אין דער אומהיימלעכער צעלע. איך האָב דערהערט הינטער מיר אַ קנאַל פון דער טיר און אַ סקריפּ פון שלאָס. און דערנאָך איז איינגעטרעטן אַ טויטע שטילקייט. הויב איך, הייסט עס, אָן אַ גאַנץ אַנדער, פאַר מיר אומבאַקאַנט לעבן, אַ לעבן אין תּפיסה...

אין דער צעלע איז געווען קאַלט נישט אויסצוהאַלטן. איך בין צוגעפאַלן מיטן גאַנצן קערפּער צו דער וואַנט פון פייכטן מויער, האַלטנדיק זיך קוים אויף די פיס; פון דער ברוסט האָט זיך אָפּגעריסן אַ ספּאַזמאַטיש שלוכצן.

ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט — ווייס איך נישט. ביס־לעכווייז האָב איך מיך באַרואיקט און האָב מיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן אַרום און אַרום. איך האָב מיר אָפּגעגעבן אַ חשבון, אין וואָס פאַר אַ שרעקלעכן אָרט איך געפין זיך.

איך בין פאַרזונקען אין רעיונות איבער מיין גורל. אַ טויט־שרעק האָט מיך אַרומגענומען. קיין רעטונג איז שוין נישט געווען. פון פאַרצווייפלונג בין איך געלאָפן הין און צוריק פון וואַנט צו וואַנט.

מיינע ביטערע רעיונות האָט איבערגעריסן עפּעס אַ באַוועגונג הינטער דער טיר. איך בין שטיין געבליבן אין דערוואַרטונג. מיטאַמאָל איז דאָס ברעטל אין קליינעם פענסטערל פון דער טיר אַראָפּגעפאַלן מיט אַ גערויש און פון דאָרט האָב איך דערהערט:

— קיפּיאַטאָק! (קאָכעדיק וואַסער).

איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל, און האָב מיך נישט גערירט פון אָרט. דאָ האָט זיך עמיצנס אַ פּנים צוגערוקט צו דער עפענונג און האָט איבערגעחזרט אויף פויליש, נאָר מיט אַ רוסישן אַקצענט:

— גיב אַהער דאָס קריגל אויף קיפּיאַטאָק!

איך האָב מיך אַרומגעקוקט איבער דער צעלע. אויף אַ פּאָליצע איז געשטאַנען אַ מעשן קריגל פון אומגעפער אַ ליטער. איך האָב עס דערלאַנגט אין דער דערוואַרטונג, אַז איך וועל באַקומען הייסן טיי, וואָס וועט מיך אַביסל קרעפטיקן.

אין אויגנבליק האָב איך עס שוין געהאַט צוריק אָנגעפילט ביז דער העלפט, און ווען דאָס ברעטל האָט זיך נאָר פאַרקלאַפּט, בין איך צוגעלאָפן מיטן מויל צום קריגל... איך האָב נישט באַוויזן אַראָפּצושלינגען אַ פּאָר טראָפּן, ווי איך האָב שוין אויסגעשפּיגן. דאָס איז געווען אַן עקלהאַפט, וואַרעם וואַסער. איך האָב עס אַוועקגעשטעלט. אַ צייט לאַנג האָב איך געוואַרט, רעכנענדיק, אַז ער וועט נאָך ברענגען טרוקענע טיי אַריינצושיטן און אויך צוקער. אַ נעכטיקער טאָג! דאָס וואַסער, וואָס איז גאַנץ קאַלט געוואָרן, האָב איך אויסגעגאָסן אין עמער אַריין. עס האָט זיך דערוועקט דאָס געפיל פון הונגער...

אומזיסט האָב איך געוואַרט אויף עסן... ענדלעך האָב איך, אַ פולשטענדיק דערשעפּטער, אָנגעהויבן מוראדיק צו קלאַפּן אין דער טיר אַריין. פּלוצלונג איז דאָס ברעטל אַראָפּגעפאַלן און אין דער עפענונג האָט זיך באַוויזן דער זעלבער קאָפּ וואָס האָט מיך מכבד געווען מיט „קיפּיאַטאָק".

— וואָס קלאַפּסטו, דו הינטישער זון?

— איך וויל עסן! — האָב איך געשריגן פון אויפרעגונג.
— כאַ, כאַ, — האָט ער געלאַכט. — אין 15 מינוט אַרום וועט מען קלינגען צו גיין שלאָפן, און דו פאַרסט אַרויס מיט פרעסן. מאָרגן אין דער פרי וועסטו ערשט קריגן.
— וואָס הייסט? — האָב איך געפרוווט פראָטעסטירן. — היינט האָב איך דאָך מער נישט געקריגן, ווי אַ ביסל וואַרעם וואַסער.
— איך זע, אַז דו ביזט אַ „פרייער"... דו זיצסט אוודאי צום ערשטן מאָל, — האָט ער צו מיר געזאָגט מיט פאַראַכ־טונג. — ביי אונז איז אַזאַ אָרדנונג, אַז אין דער פרי גיט מען אָנדערהאַלבן פונט ברויט מיט באָרשטש, 12 אַ זייגער מיטאָג, און דערנאָך אום 3 „קיפּיאַטאָק". ווער עס האָט צוקער מיט טיי און דערצו פון דער היים אַ „וואַלוווקע" (אַ פעקל עסן), דער לעבט, און ווער עס האָט נישט, דער טרינקט שיטערע זופּ, — און ער האָט זיך צעלאַכט פון זיין חכמה.
זעענדיק מיין טרויעריק פנים, איז ער עטוואָס ווייכער געוואָרן און האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט מיר אין אַ געשפּרעך:
— פון וואַנען ביזטו? — האָט ער געפרעגט. — פאַרוואָס האָט מען דיך דאָ „אַריינגעשכנט"? דו זעסט דאָך מיר גאָר נישט אויס, ווי אַ גנב.
איך האָב אים דערציילט וועגן אַלץ.
— ס'איז ביטער... — האָט ער געזאָגט. אַ זעקס „לבנה־לעך" וועט מען דיר אַריינרוקן, — און זעענדיק, אַז איך פאַר־שטיי אים נישט, האָט ער שוין איבערגעחזרט אָן „פרעמד־ווערטער" — ביז זעקס חדשים איז געזיכערט.
ווייטער האָט ער דערציילט וועגן זיך, אַז ער אַליין האָט אויך דריי יאָר פאַר אַ מאָרד. דערהערנדיק דאָס, האָב איך מיך נישט ווילנדיק אָפּגערוקט פון דער טיר. מיין פאַר־שוין האָט זיך צעשמייכלט:
— האָב נישט קיין מורא, — האָט ער געזאָגט, — דאָס האָט זיך מיר געטראָפן בלויז איין מאָל אין לעבן, און דעו צ ביי אַ „כוסה"... מער וועט זיך דאָס נישט איבערחזרן... כ'וויל

בעסער גנבענען, איידער הרגענען. און אפשר האָסטו עפּעס „אָפּצושטעקן״? — האָט ער געפרעגט.

זעענדיק, אַז איך פאַרשטיי אים נישט גענוג, האָט ער מיר באַלד אויסגעטייטשט, אַז ער איז דאָ דער עלטסטער „קאָ־רידאָרשטשיק״ און אַז ער קויפט דאָס טאַקע די אַלע זאַכן.

— ניין, איך האָב נישט, — האָב איך טרויעריק געענט־פערט, — מען האָט מיר אַלץ צוגענומען...

— ס׳הייסט, — זאָגט ער, — דו האָסט נישט? און אַן אַנצוג, און אַ פּאָר „טרעטערס״ (שיך), וועש, אַ מאַנטל?... קאָנסט דאָס אַלץ פאַרקויפן, און אָנשטאָט דעם וועל איך דיר געבן אַביסל ערגער אָנטועכץ און איך וועל דיר צוצאָלן געלט... געלט קומט דאָ צונוץ.

— ניין, איך האָב נישט... — האָב איך זיך געאיילט אָפּ־צוּוואַרפן דעם פאָרשלאָג.

— וועלן מיר זען!... ווען דו וועסט נאָך אַביסל זיצן, וועסטו זיך אַליין בעטן.

ווייזט אויס, אַז ער האָט נאָך עפּעס קאָמבינירט, ווייל ער האָט זיך באַלד טאַקע אַ פרעג געטאָן:

— דו רויכערסט?

— ניין, איך רויכער נישט! — האָב איך געענטפערט.

— נו, מילא, וועט עס אַביסל לענגער געדויערן... אָבער קומען צו מיר מוזטו... נישט נאָר אַזעלכע, ווי דו, דאָ זענען געווען „פרייערס״ און צו מיר זענען זיי געקומען.

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט דער־הערט די אָנגעקומענע טריט פון אויפזעער, האָט ער נאָך באַ־וויזן מיט אַ שוואַכער שטימע אויסצורופן: „זעקס״ („זעקס״ איז אַ גנבישער אויסדרוק, עס באַטייט „אַכטונג!״ אַ גנבישער פּאַראָל בעת אַ געפאַר) און ער האָט פאַרמאַכט דאָס ברעטל.

איך האָב נישט באַוויזן אָוועקצוגיין פון דער טיר, ווי איך האָב דערהערט אין קאָרידאָר אַ הויכן געשריי:

— ראַזקריט קראַוואַט אי ספּאַט! ספּאַט! (עפענען ס׳בעט און שלאָפן! שלאָפן!).

דער דאָזיקער אויסגעשריי האָט זיך געטראָגן איבער די קאָרידאָרן, אַזוי ווי אַן אומאויפהערלעך עכאָ. ער האָט דורכגעדרונגען ביז דער טיפעניש פון דער נשמה און האָט געאָטעמט מיט עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער פאַרצווייפלונג. שפּעטער האָבן זיך דערטראָגן וואָס אַמאָל נענטערע עכאָס פון געעפנטע ברעטער. ענדלעך האָט זיך אויך אין מיין טיר געעפנט די קליאַפּע און אין דער עפענונג האָט אַריינגעקוקט עמיצנס אַ פּנים אין אַ באַאַמטן-היטל, אַראָפּגערוקט ביז צו דער נאָז. אויף אַ מאָמענט האָבן זיך אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר בליצנדיקע אויגן, באַלד האָט זיך דערהערט אַ כאַראַקטעריסטישער טראַסק און דאָס געררויש האָט זיך דערווייטערט פון קאַמער.

מוז איך, הייסט עס, גיין שלאָפן הונגעריק, — האָב איך געטראַכט. די טרערן זענען מיר געקומען אין די אויגן אַריין, אָבער וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? עס איז קוים געווען פיר אַ זייגער נאָך מיטאָג און מען האָט שוין געהייסן גיין שלאָפן. ווילנדיק נישט ווילנדיק האָב איך מיך געמוזט אונטערגעבן. קודם-כל האָב איך אַראָפּגעלאָזט פון האַק איין זייט פון דער אייזערנער ראַם מיט צוויי פיס, וואָס איז געווען פאַרפעסטיקט צו דער וואַנט; אָט דאָס טאַקע האָט געטראָגן דעם נאָמען „בעט”. עס איז דאָרט געלעגן אַ שמוציקער שעניק מיט אַביסל שטרוי, עפּעס אַ קישעלע און אַ צעריסענער קאָץ.

איך האָב מיך אויסגעטאָן און מיט אַן עקל האָב איך מיך אָוועקגעלייגט אויף דעם דאָזיקן „מלכותדיקן” געלעגער.

עס איז נאָך גאַנץ ווייט געווען איך זאָל קאָנען איינשלאָפן, האָב איך, נאָכן אָוועקיאָגן די טריבע געדאַנקען, אַרומגעבלאָנדזשעט מיט די אויגן איבער די ווייניקע אָבער אָריגינעלע חפצים, וואָס האָבן מיך אַרומגערינגלט. דאָס זענען געווען: אַן אייזערנער טיש און אַ מין בענקל אויף צוויי פיס, וואָס איז געווען צוגעמויערט צו דער וואַנט, אין ווינקל נעבעטער צו דער טיר, אַן עמער צו די נאַטירלעכע באַדערפענישן... אויף דער וואַנט אַ פּאָליצע, אויף איר אַ צינערן שיסעלע מיט אויערן, ווייטער אַ ביסל דאָס שוין באַקאַנטע קופּערנע קריגל,

אַ הילצערנער לעפל, און צווישן דעם אַלעם אַ ביכל מיט דעם תפיסה־רעגולאַמין. אין צווייטן ווינקל — אַ שיסל מיט אַ שמאַטע. אויסער דעם, מער גאָרנישט. ברודיקע, נאַקעטע ווענט און... אומעטיקע מחשבות... מאַטערנדיקע... יסורים.

— וואָס וועט דער טאַטע זאָגן, ווען ער וועט זיך דער־וויסן מיין שטיקל אַרבעט?... עס איז הונדערט מאָל גלייכער, אַז די מאַמע לעבט שוין נישט און זי האָט פאַרשפּאָרט די חרפה נאָך אַזאַ זון... יאָ, טייערע מאַמע, דיין צעפּיעשטשע־טער זון וועט נישט זיין קיין רב... נאָך ערגער: ער איז שוין אַפילו קיין אָרנטלעכער מענטש אויך נישט... דאַקעגן וועט זיך דיין זון אַרומוואַלגערן איבער די תפיסות. אַ וואַכזאַמע שמירה וועט היטן און אַרומרינגלען אים ביי טאָג און ביי נאַכט, ווי די קראָען אַרום אַ פּגר. אין דער שרעקלעכער פאַנטאַזיע האָב איך זיך געזען, ווי איינער פון די מענטשן, וועלכע די נאַטור האָט שוין פון פריער אויס באַשטימט צו פאַרטיליקן...

איך האָב מיך איבערגעדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער. דער הונגער און די שוואַרצע געדאַנקען האָבן מיך נישט געלאָזט איינשלאָפן.

איך האָב געפילט, אַז איך האָב היץ. איך האָב מיך צוריק אָנגעטאָן און האָב אָנגעהויבן צו וואַנדערן איבער דער קאַמער.

נישט לאַנג האָט עס אָבער געדויערט, דאָס מאָל האָט זיך די קליאַפּע גאַנץ שטיל געעפנט און דער „קלוטשניק" האָט מיר דראָענדיק געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז איך זאָל מיך די מינוט לייגן שלאָפן. איך האָב געאיילט אויסצופירן דעם באַ־פעל און האָב מיך ווידער אַוועקגעלייגט אויפן בעט, וואָס איך האָב ערשט געהאַט פאַרלאָזט.

דער קאָפּ־ווייטאָג האָט מיר צוזעצט דעם שאַרבן. איך האָב נישט געקאָנט איינליגן. האָב איך מיך אַוועקגעזעצט און, צודריקנדיק מיט די הענט די שלייפן, בין איך פאַרגליווערט געוואָרן אין אומבאַוועגלעכקייט.

אין די געדאַנקען האָט געהערשט אַ כאַאָס: אַלץ האָט

זיך אויסגעמישט אין אַ ראָד אָן אַ צוזאַמענהאַנג און סדר.

ווי לאַנג עס האָט געדויערט דער שרעקלעכער צושטאַנד, איז שווער פעסטצושטעלן. נאַכט האָט שוין געהערשט און איך, פאַרלירנדיק זיך אין צייט און אין אָרט, בין געלעגן מיט אָפענע אויגן אַ צונויפגעקוועטשטער און פאַרציטערטער אין מיין נאַרע.

עפּעס אַ פאַרדעכטיקער רויש האָט מיך אַרויסגעריסן פון מיין פאַרשטאַרטקייט. איך האָב אָנגעשטרענגט דאָס געהער, ניין, דאָס האָט זיך מיר געוויס בלויז געדאַכט. דער פאַקט אָבער, צי אפשר די איינרעדעניש בלויז, האָט אַוועקגעפירט מיינע געדאַנקען אין אַן אַנדער ריכטונג.

עס האָט זיך מיר דערמאָנט, ווי איך האָב געהערט און געלייענט וועגן שרעקלעכע איבערלעבענישן פון אַרעסטאַנטן, וואָס זענען צעביסן געוואָרן דורך מייז, אָדער ענדיקן זייער לעבן אויף אַן אַנדער נישט ווייניקער שענדלעכן אופן; וועגן זינדיקע אַרעסטאַנטן־נשמות, וואָס קומען אָפּ זייערע זינד און וואָס וואַנדערן נאָך שפּעטער אַרום איבער די תּפיסות און פּייניקונגס־ערטער און קלינגען מיט די קייטן און לאָזן אַרויס טרויעריקע זיפצן.

אַ קאַלטער שוידער איז מיר דורך און די צעהיצטע פאַנ־טאַזיע האָט אַלץ געוועבט נייע בילדער, אוממעגלעכע צו באַ־שרייבן.

אָט די שרעקלעכע 7 טעג, פאַרבראַכטע אין די תּפיסה־מויערן, וועל איך ביז צום קבר נישט פאַרגעסן! אין פאַר־צווייפלונג האָב איך אַריבערגעצויגן די דעק איבערן קאָפּ. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן. איך האָב געליטן קערפּערלעכע און זעלישע שרעקלעכע יסורים. ענדלעך בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרגליווערטן צושטאַנד. דערשעפּט ביז צום לעצטן, בין איך איינגעשלאָפן.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

אויפגעוועקט בין איך געוואָרן מיט אַ שטאַרקן שטאָרך. פֿאַר שרעק האָב איך מיך נישט געקאָנט אָריענטירן, ווו אייגנט־לעך איך געפֿין זיך.

דער צווייטער „זעץ", נאָך אַ שטאַרקערער, און דאָס אַראָפּציען פֿון מיר דעם קאָץ, האָבן מיך צוריקגעבראַכט צום באַוווסטזיין. איבער מיר איז געשטאַנען דער באַוואָפֿנטער „קלוטשניק" און האָט עפּעס געברומט אונטער דער נאָז. איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען וואָס. איך האָב אָבער מיך געכאַפּט, אַז כ'מוז וואָס גיכער אויפשטיין, אָנטאָן זיך און אויפרוימען די קאַמער.

מיין אָריענטאַציע איז געווען אַ גוטע, דען אַרויסגייענ־דיק האָט דער אויפזעער געלאָזט אָפֿן די טיר, פֿון וואַנען איך האָב דערהערט אַ באַוועגונג און אַ געמורמל. אין אַ מינוט אַרום בין איך שוין געווען אָנגעטאָן און ווען איך האָב אַרויסגע־טראָגן דעם עמער אויפֿן קאָרידאָר, האָט זיך מיר פֿאָרגעשטעלט אַ פּאַר מיר אומבאַקאַנט בילד: אין מיטן קאָרידאָר איז געשטאַ־נען דער אייגענער „קלוטשניק" מיט אַ מינע פֿון אַ גענעראַל, פֿאַר וועלכן עס דעפֿילירט דאָס מיליטער, און ער האָט מוראַ־דיק געקוויטשעט דאָ אויף דעם, דאָ אויף אַן אַנדערן, וואָס האָט זיך נאָר געפּרוווט אָפּצושטעלן, כדי צו כאַפּן אַ פּאָר ווער־טער מיט זיין ליידנס־חבר, אָדער עפּעס איבערצוגעבן איינער דעם צווייטן.

איך האָב געקוקט מיט מיטלייד אויף די בלאַסע מענטשן, די אויסגעדאַרטע און באַוואַקסענע; ס'רוב פֿון זיי זענען געווען אָפּגעריסן. דער עקל, וואָס איך האָב אַמאָל געפֿילט צו די דאָ־זיקע מענטשן, האָט זיך איצט פֿאַרוואַנדלט אין אַ מיטלייד. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז צווישן זיי איז דאָ גענוג אומגליקלעכע, ענלעכע צו מיר, וועלכע דאָס לעבן גופא האָט אַרויפגעפֿירט אויפֿן וועג פֿון פֿאַרברעכן, און צום סוף אויך אין די דאָזיקע מויערן.

און עס איז אין מיר פֿאַרגעקומען אַ מערקווירדיקע ענ־דערונג. די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן האָפֿנונגסלאָז געשלעפּט די פּיס, האָבן מיר געעפֿנט די אויגן אויף אַ נייע וועלט, האָבן איבערגעקערט די צווייטע זייט פֿון מעדאַל און האָבן מיר גע־וויזן אַן אַנדער פֿאַרשטעלונג וועגן לעבן...

איך האָב באַגריפֿן, אַז דער מענטש, ווייזט אויס, לעבט דערפֿאַר, כּדי ער זאָל ליידן... פֿון דער מינוט אָן האָב איך שוין נישט רעאַגירט אויף קיין שום יסורים. איך האָב שלום געמאַכט מיטן גורל, ווייל איך האָב דערזען, אַז אַזעלכע מענטשן, ווי איך, אָדער גיכער מענטשלעכע שאָטנס, זענען דאָ פֿאַראַן הונדערטער, האָב איך מיך צונויפֿגעגאָסן מיט אָט דעם ים מענטשלעכע ליידן און איך בין געשוואומען מיט זיין שטראָם.

ווי אַנדערש איז געווען ביז איצט!

דורכגייענדיק לעבן אַ תּפֿיסה, האָב איך געהאַלטן אָט די טריבע הייזער פֿאַר אַ וויכטיקן אויפֿטו פֿון דער קולטור. איך האָב געזען אין די תּפֿיסות אַ העכסט נוצלעכע אינסטיטוציע, ווו מען פֿאַרשליסט ענלעכע צו די, וועלכע האָבן אין זיינער צייט געמאַכט דעם אָנפֿאַל אויף אונזער הויז, אָדער נאָך גרע־סערע רוצחים.

איך בין געווען גאַנץ זיכער, אַז אין די מויערן פֿון די תּפֿיסות זענען פֿאַראַן געפֿערלעכע בעסטיעס.

און איצט, שוין נישט רעדנדיק וועגן זיך גופֿא, טרעף איך דאָ מענטשן, וואָס זעען אויס פֿולשטענדיק נאָרמאַל.

אַנדערש האָב איך מיר געמאָלט דעם אויסזען פֿון רוצחים...

צוריקקערנדיק צו באַשרייבן דאָס „לויפֿעניש" (אויף תּפֿיסה־שפּראַך — דאָס אויסרייניקן די עמערס), מוז איך דאָ דערמאָ־נען די כאַראַקטעריסטישע בילדלעך, וועלכע לאָזן זיך ביי דער דאָזיקער „איידעלער" מלאכה באַמערקן:

לויפֿנדיק מיט די עמערס אין דער לענג פֿון קאָרידאָר, דערליידיקן דערווייל די אַרעסטאַנטן אין אויגנבליק פֿאַרשידענע האַנדלס־טראַנזאַקציעס. עס בליט דער אויסטויש־האַנדל. ס'איז אַ

זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז טיטון שפּילט די ראָלע פון אַמעריקאַנער דאָלאַר און ער איז דער ציל, צו וועלכן עס גאַרט דער רויכערער.

דערטאַפּנדיק אַזעלכע עבירות, לויפט דער „קלוטשניק" פון איין אָרט אויפן צווייטן, ווי אַ באַצוווּנגענער, און טופּעט מיט די פיס, שרייט, יאָגט אַרויס פון קלאָזעט, ווו עס שאַפט זיך, געוויינלעך, אַ צענטראַלע פון דער דאָזיקער בערזע; ער דראָט, ביז עס איז שוין ענדלעך קיינער אויפן קאָרידאָר נישטאָ און די קאַמערן זענען פאַרהאַקט. אַזאַ 10-מינוטיקער תּפיסה-מאַרק איז פאָרגעקומען צוויי מאָל אין טאָג.

צי דאַרף מען עס ערשט דערציילן, אַז מיין באַווייזן זיך אויפן קאָרידאָר איז דורך אַלע באַמערקט געוואָרן?

באַלד זענען צו מיין אויער דערגאַנגען פאַרשידענע באַמערקונגען וועגן מיר, וואָס די אַרעסטאַנטן האָבן זיך איבערגעגעבן שעפּטשענדיק.

— קוק, אַ פרישער „פּרייער".

— אַ יונגער „ניגוס" (פּוילער) און וואַזשנע אָנגעטאָן...

— בעניעק (דער נאָמען פון „קאָרידאָרשטשיק", וועגן וועלכן עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן) וועט שוין האָבן וואָס „אָפּצושטעקן" (צו פאַרהאַנדלען).

— וואָס הערט מען אויף דער „פריי"?

איך האָב מיך געקליבן צו געבן אים אַ געהעריקן ענטפער, נאָר דער „קלוטשניק" האָט אונז אָפּגעשטעלט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז באַלד בין איך ווידער געוועזן פאַרשלאָסן און אָפּגעטיילט פון מענטשן, פון דער וועלט און פון דער לופט.

מער פון אַלץ האָט מיך דער הונגער געמאַטערט פון סאַמע אויפשטיין אָן. איך האָב מקנא געווען די, וועלכע, ווי איך האָב געזען, האָבן באַקאַנטע און טיילן זיך מיט אַלעם. און איך, כאָטש איך בין אַזוי מוראדיק הונגעריק, האָב קיינעם נישט, ווער עס זאָל מיר אַרויסהעלפן. אַלע פּנימער זענען מיר פרעמד.

— האַלט! — האָט עמיצער אַ געשריי געטאָן.

דאָס האָט דער „קאָרידאָרשטשיק" בעניעק מיר דערלאַנגט אַנבייסן, וואָס איז באַשטאַנען פון ברויט מיט גריץ.

ווי אַ וואָלף האָב איך מיך געוואָרפן אויפן עסן, אָבער דאָס ערשטע אָפּגעביסענע שטיקל ברויט האָב איך באַלד אויסגעשפּיגן... איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער זופּ, — דאָרט אויף דער אויבערפלאַך זענען געשוואומען עקלהאַפטיקע חזירגריוון. האָב איך וואָס גיכער אַראָפּגעגאָסן פון אויבן, איך זאָל כאָטש נישט קוקן אויף די צרות...

וואָס טוט מען... וואָס טוט מען? אַזוי קאָן דאָך נישט זיין... זינט דריי טעג האָב איך נאָך גאָרנישט געגעסן...

איך האָב געשריגן צו מיר אַליין און צו די פיר ווענט פון מיין קבר.

אַ פאַרצווייפלונג האָט מיך אַרומגעכאַפּט.

דאָס קאָן מען דאָך נישט עסן,— האָב איך געטראַכט, און דאָ האַלט איך מיך קוים אויף די פיס.

איך האָב אָנגעהויבן ביטער צו וויינען און האָפנונגסלאָז צו רופן:

— מאַמע... מאַמע!...

דער הונגער אָבער איז געווען שטאַרקער פון אַלע רעליגיעזע איסורים... באַקעמפנדיק זיך אַליין, האָב איך ענדלעך, אַ גלייכגילטיקער צו אַלעם, אויפגעגעסן אַ שטיקל ברויט און די רעשט גריץ.

איינשטילנדיק אַביסל דעם הונגער, האָב איך מיך גענוי אַרומגעקוקט איבער דער קאַמער. איך האָב אויספירלעך באַטראַכט יעדע זאַך, אַזוי ווי כ'וואָלט געוואָלט זיך איבערצייגן, צי מען וועט דאָ קאָנען לעבן...

דערנאָך בין איך צוגעגאַנגען צום פענסטער. דער פענסטער איז געווען הויך. בין איך אַרויפגעקראָכן אויפן בעט. נאָר אַפילו איצט האָב איך נישט דערגרייכט אויף אַזוי פיל, כדי צו קאָנען אַרויסקוקן אויף דער וועלט. וועלנדיק אָבער דאָס אומבאַדינגט טאָן, האָב איך מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער

ראָם און נאָך אַ לאַנגער אָנשטרענגונג האָב איך מיך אַרויפֿגעדראַפּעט העכער און האָב מיך אַוועקגעזעצט אויפֿן קאַנט פֿון פֿענסטערל. כּדי נישט אַראָפּצופֿאַלן, האָב איך מיך פֿעסט צוגעהאַלטן בײַ די קראַטעס.

די זון האָט מיך פֿריילעך באַגריסט און האָט באַגאָסן מײַן געזיכט מיט אַ העלן, וואַרעמען שטראַל. פֿון דעם נחתדיקן געפֿיל האָב איך פֿאַרמאַכט אויף אַ מינוט די אויגן. דערנאָך האָט מײַן בליק דורך די קראַטעס און איבער דער הויכער מויער געצילט אַוועק אין דעם ווײַטן שטח.

מיט וואָס פֿאַר אַ מעכטיקער בענקשאַפֿט עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט מײַנע אויגן אויף די געמיטלעכע הײַזלעך, אויף די ביימער און אויף דעם פֿעלד! צווישן זיי שלענגלט זיך אַ וועג. מענטשן גייען איבער אים. דאָרט אַ מחנה יונגוואַרג, דאָ צוויי ווײַבער מיט אַן אַלטיטשקן... דאָרט ווידער גייט אַ פּויער און טראָגט עפּעס... לעבן אים שפּאַנט אַן אַלטע פּויערטע.

אַך, ווי איך האָב אין האַרצן מקנא געווען די פֿרײַע מענטשן! די פֿרישע לופֿט, ווי זי וואָלט זיך געשעמט, פֿאַרוואָס זי האָט אַן מיר אַזוי לאַנג פֿאַרגעסן אין דעם דומפּיקן לאָך, האָט איצט מיט אַ דערפֿרישנדיקער כוואַליע געגלעט מײַן צעברענט געזיכט און מיר געקושט די אויגן... האָב איך זי טאַקע געטרונקען מיט גאַנצע הויפּנס, געטרונקען ביז צום פֿאַרלירן דאָס באַוווסטזײַן. דאָס אָרעמע האַרץ מײַנס האָט געקלאַפּט שטאַרק, שטאַרק, ווי עס וואָלט געוואָלט אַרויסשפּרינגען.

עפּעס אַ פֿויגל איז דורכגעפֿלויגן פֿאַרבײַ מײַן פֿענסטער און האָט אָפּגעווענדט מײַן אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם ביז איצטיקן אָביעקט פֿון מײַן אָבסערוואַציע.

— אַך!... ווען איך וואָלט געקאָנט אַרויספֿליען צוגלייך מיט דעם פֿויגל...

מײַן בליק האָט איצט אַרומגעבלאָנדזשעט אין דער נאָענטער פּערספּעקטיוו און איז איבערגעלאָפֿן פֿון פּונקט צו פּונקט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך דערזען אויפֿן תּפֿיסה־

הויף אַ מערקווירדיק בילד: אַרום און אַרום דעם גראָז־בייט האָבן זיך געדרייט אַ צוואַנציק מענטשן. יעדער האָט אויף זיך געהאַט אַ מלבוש, וואָס איז געווען מוראדיק צעפליקט. אַנדערע זענען געשפּרונגען און האָבן געלאַכט, אַנדערע ווידער האָבן געוויינט. איך האָב געזען, ווי פון פענסטער האָט מען גע־וואָרפן שטיקלעך ברויט אָדער צוקער, און אַפילו גאַנצע פּעק־לעך. דער, וועמען עס איז געלונגען עס צו כאַפּן, האָט דערביי געגעבן אַן אומפאַרשטענדלעכן אויסגעשריי און ער האָט אויס־געטאַנצט אַ כאַאָטישן טאַנץ, אויסדריקנדיק דערמיט זיין צופרידנ־הייט. עטלעכע פון די דאָזיקע משונהדיקע מענטשן האָבן גע־האָט אויף זיך עפּעס אין דער פאָרם פון זעק מיט אַן עפענונג פאַרן קאָפּ, נאָר אָן אַרבל, כדי די הענט זאָלן זיין אומבאַ־וועגלעך.

אויף דער מחנה פון די דאָזיקע אומגליקלעכע באַשעפע־נישן האָט אַכטונג געגעבן אַ סטראַזשניק מיט אַ נאַגייקע אין דער האַנט, האָט זיי פּלייסיק געהיט, יעדע ווייל האָט ער עמיצן געדרייט מיט דער האַנט, וואָס איז געווען באַוואָפנט מיט דעם שרעקלעכן אינסטרומענט. גאַנץ זעלטן נאָר האָט ער זיך צעשמייכלט, ווען עפּעס אַ וויציקער אויפטו פון עמיצן איז אים געפעלן געוואָרן.

די דאָזיקע שרעק אַרויסרופנדיקע אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום און אַרום, דאָס זענען געווען גייסטיק קראַנקע.

זייער אַנבליק האָט מיך אַזוי דורכגענומען און האָט מיר אַזוי פיל שרעק פאַרשאַפט, און גלייכצייטיק האָט עס אַזוי פאַרנומען מיין אויפמערקזאַמקייט, אַז איך האָב נישט דערהערט דעם „קאָנוואָי", וועלכער האָט געשריגן צו מיר פון אונטן, איך זאָל אַראָפּקריכן פון פענסטער.

איך האָב אים ערשט דעמאָלט באַמערקט, ווען ער האָט שוין אויסגעשטעלט אויף מיר זיין ביקס גרייט צום שיסן.

איך האָב מיך אַראָפּגעשיט אויפן אַספאַלט פון דער קאָ־

מער, און הינטער מיר האָבן זיך געשיט שטיקלעך פון צע־האַקטע גלאָז.

איידער איך האָב מיך אָריענטירט, וואָס עס איז געשען, האָב איך דערפילט, ווי עמיצנס אַ האַנט האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער און גלייכצייטיק האָב איך געקריגן אַ שטויס אין דער זייט.

מען האָט מיך אַרויסגעשטופּט פון דער קאַמער.

צום באַוווסטזיין בין איך צוריקגעקומען ערשט דעמאָלט, ווען איך בין פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַר דעם בייזן תּפיסה־נאַטשאַלניק.

פון „קלוטשניקס" ראַפּאָרט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב שוין באַוויזן צו באַגיין אַ שרעקלעך פאַרברעכן: ערשטנס, מיט מיין אַרויפקריכן אויפן פענסטער האָב איך איבערגעשריטן דעם תּפיסה־רעגולאַמין, צווייטנס, האָב איך מיך פאַרזאַמט צו דערפילן דעם באַפעל, בעת מען האָט מיר אַ פּאָר מאָל געהייסן אַראָפּגיין, דריטנס, האָב איך צעבראָכן אַ שויב... פערטנס, — אין וואָס עס זענען דאָרט באַשטאַנען די איבעריקע פונקטן האָב איך נישט געהערט, ווייל איך האָב מיך אויך צעוויינט. איך האָב מיך פאַר זיך אַליין דערשראָקן; איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז איך בין אַזאַ פאַרברע־כער... איך האָב מיך אַזש געחידושט, וואָס איך בין ביז איצט געווען אויף דער פריי.

דער נאַטשאַלניק האָט אין מיר אַריינגעשריגן, וויפל עס איז נאָר אַריין; זעענדיק, אַז איך רעאַגיר נישט, האָט ער שוין אַראָפּגעלאָזט פון טאָן און האָט זיך געפרעגט בנעימותדיק, צי איך האָב געלט פאַר דער שטראָף. ווען איך האָב גע־דרייט מיטן קאָפּ אויף ניין, האָט ער ווידער אָנגענומען אַ דראָ־ענדיקע שטעלונג און אָן אַ לענגערן ישוב־הדעת האָט ער צו־געוואָרפן:

— זיבן מעת־לעת אין קאַרצער!

איך האָב נאָך נישט געוווסט, וואָס פאַר אַ שטראָף דאָס איז; אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין עפּעס

וייער שרעקלעכס. איך האָב אַלזאָ בדעה געהאַט צו בעטן רחמים, מען זאָל מיר דורכלאָזן, איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז נאָך געלט וועל איך שרייבן צום טאַטן און אַז ער וועט מיר נישט אָפּזאָגן. נאָר איידער איך האָב באַוויזן אַרויסצוזאָגן מיינע ווערטער, האָט דער נאַטשאַלניק אַ געשריי געגעבן:

— ווזיאַט יעוואָ! (נעמען אים!)

דער דאָזיקער באַפעל איז געוואָרן אויגנבליקלעך אויס־געפירט. די האַנט פון „קלוטשניק" האָט זיך ווידער אַוועק־געלייגט אויף מיין קאָלנער און מיט דעם זעלבן וועג בין איך אָפּגעפירט און אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דער קאַמער.

איך האָב מיך אָנגעלייגט אָן דער וואַנט און בין פאַר־גליווערט געוואָרן אין אומבאַוועגלעכקייט. אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. פון ערגעץ איז נישט צוגעקומען קיין שום עכאָ. אָנגעלייגט אָן דער קאַלטער מויער, האָב איך מיך איינגעהערט אין די זיפצן פון מיין אייגענער נשמה.

— וואָס טוט מען! וואָס טוט מען! — האָב איך הילפ־לאָז געשעפטשעט.

„זיבן מעת־לעת אין קאַרצער... זיבן מעת־לעת" — האָט מיר אָן אויפהער געעקבערט אין מוח.

די מורא פאַר דעם אומבאַקאַנטן קאַרצער איז געווען פּשוט נישט צו באַשרייבן. מיין פאַנטאַזיע האָט געצייכנט פאַרשידענע פּייניקונגען... איך האָב אָנגעהויבן תּפילה צו טאָן:

— רבונו־של־עולם! — האָב איך גערופן. — לייז מיך אויס פון דאַנען, און איך שווער, אַז איך וועל צוריקגיין אין דער ישיבה אַריין און איך וועל שוין קיינמאָל נישט עובר זיין אויף דיין געבאָט.

ענדלעך האָב איך פון פאַרצווייפלונג געבעטן אויף זיך דעם טויט, אַבי שוין איין מאָל צו באַפרייען זיך פון די יסורים. דאָ האָב איך ווידער געזאָגט פון אויסנווייניק קאַפּיטלעך תּהילים און אַלערליי תּפילות.

אַזוי איז אַוועק ביז מיטאָג. מען האָט געגעבן קרויט

מיט קאַרטאָפל און פון אויבן, אַך, שרעקלעך! — זענען ווידער געשוווּמען גריוון. אינסטינקטיוו האָב איך ווידער געוואָלט אַרויסגיסן דאָס פאַרשאָלטענע געקעכץ; נאָר דער שאַרפער הונ־גער, וואָס האָט זיך דערוועקט ביים אָנבליק פון עסן, האָט מיך אָפּגעהאַלטן דאָס אויסצופירן און איך האָב מיך פאַרלויפיק באַגנוגנט מיט אַרויסוואַרפן די גריוון.

מיט דעם הילצערנעם לעפל האָב איך אויפגעכאַפּט איין קאַרטאָפל און, פאַרמאַכנדיק די אויגן, האָב איך אים אַריינגע־לייגט אין מויל אַריין. עס האָט מיר פאַרשמעקט. איינציק־ווייז האָב איך טאַקע אויפגעגעסן אַלע קאַרטאָפל און איך האָב אפילו געפּרוווט דאָס קרויט. דאָס האָב איך אָבער בשום־אופן נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען, עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן עקלהאַפט.

דאָס דאָזיקע מאָגערע מיטאָג האָב איך פאַרענדיקט מיט די רעשטלעך ברויט, וואָס האָט מיר אין דער פרי נישט גע־שמעקט. איך האָב מיך, וואָס אַן אמת, נישט אָנגעגעסן צו זאַט, אָבער דאָך האָט זיך מיין הומאָר באַדייטנדיק פאַרבעסערט און איך האָב דערזען אַ שטראַל פון האָפענונג.

ווען נישט דער קאַרצער, — האָב איך מיר געטראַכט,— וואָלט נאָך געווען דערטרעגלעך... דער קאָרצער האָט מיר קיין רו נישט געגעבן.

ווי איך האָב אַזוי וועגן דעם געטראַכט, איז אויפן קאָ־רידאָר געוואָרן אַ גערודער. איך האָב דערהערט דאָס גע־טראַסק פון געעפנטע טירן און הויכע אויסגעשרייען:

— נאַ פּראָגולקו! (אויף שפּאַציר!) נאַ פּראָגולקו!

באַלד האָט זיך אויך מיין טיר געעפנט. איך האָב אַרויס־געשטעקט דעם קאָפּ. אין קאָרידאָר לענג אויס די ווענט האָב איך דערזען שטיין מענטשן.

דאָס זענען געווען אַרעסטאַנטן פון דער אויספאָרשונג. מיין נאָענטער שכן, אַ מענטש פון אַ יאָר 46, מיט אַ באָרד ביז צום גאַרטל, און מיט לאַנגע האָר, וואָס האָבן שוין, ווייזט אויס, גאַנץ לאַנג נישט געהאַט אויף זיך קיין שער, איז גע־

ווען אָנגעטאָן אין אַ פעלצל. באַמערקנדיק מיך, האָט ער זיך צו מיר עטוואָס דערנענטערט. איך אָבער האָב מיך נישט ווילנדיק צוריקגעצויגן, ווייל זיין אויסזען האָט מיך פשוט איבערגעשראָקן. איך האָב גערעכנט, אַז דאָס איז אַוודאי דער גרעסטער רוצח. מיין שכן האָט זיך בנעימותדיק צעשמייכלט און געפרעגט, פון וואַנען איך בין און פאַרוואָס איך זיץ. ער האָט מיר געהייסן אַוועקשטעלן זיך לעבן אים אין דער ריי, וועלכע האָט זיך טאַקע פאָרמירט אין מיטן קאָרידאָר.

— וווהין גייען מיר? — האָב איך געפרעגט.

— אויפן הויף, אויף אַ האַלבע שעה שפּאַצירן, — האָט ער געאיילט צו דערקלערן.

איך האָב מיך דערפרייט, אַז איך וועל ווייניקסטנס אָפּ־עטעמען מיט פרישער לופט. ביז מיר זענען צוגעקומען צו דער איינגאַנגס־טיר, האָב איך באַוויזן אים טיילווייז צו דער־ציילן וועגן זיך און וועגן מיין ענין, וואָס האָט מיך דאָ אַהער געפירט. דעם וויטערדיקן שמועס האָט איבערגעריסן די רעוויזיע, וועלכע מיר האָבן זיך געמוזט אונטערוואַרפן ביים אַרויסגיין אויפן הויף.

דאָרט, אָפּגערוקט 5 שריט איינער פון צווייטן, האָבן מיר אָנגעהויבן אַרומצוקרייזן אַרום דעם גראָז־בייט. אין דער מיט אָבער איז געגאַנגען אַ סטראַזשניק הין און צוריק אין אַ גליי־כער ליניע און האָט אַכטונג געגעבן, אַז די אַרעסטאַנטן זאָלן צווישן זיך נישט רעדן, אָדער זיי זאָלן איינער דעם אַנדערן נישט איבערגעבן קיין זאַכן.

מיין נייער באַקאַנטער, אָנקניפּנדיק דעם איבערגעריסע־נעם געשפּרעך, האָט מיר אין אָנהויב געגעבן עטלעכע וויכטי־קע אָנווייזונגען, ווי אַזוי איך האָב מיך צו פאַרהאַלטן, כדי נישט צו ווענדן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון סטראַזשניק און דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— וואָס הערט זיך אויף דער פריי?

אַ תלמיד בין איך געווען אַ גלענצנדער, און איך האָב שוין וויטער געפירט דעם געשפּרעך, ווי אַן אַלטער אַרעס־

טאַנט. איך האָב גערעדט דעמאָלט, ווען דער סטראַזשניק איז געווען אויסגעדרייט מיטן הינטן צו אונז, אָדער איך האָב אַזוי פֿאַרמאַסקירט די באַוועגונג פֿון מויל און האָב מיך אַזוי פֿאַרהאַלטן, ווי איך וואָלט אין גאַנצן נישט געהאַט קיין צונג אין מויל.

מיר האָבן געמאַכט אַ פּאָר „הקפות" אַרום און אַרום. סיי ווי סיי האָב איך מיך דערוווּסט, אַז מיין שכן איז דער אַדוואָקאַט ס. ל., אַז ער האָט אַ פּאָליטישן פּראָצעס און אַז ער זיצט שוין דריי יאָר „אין דער אויספֿאָרשונג".

הערנדיק דאָס, האָב איך מיך געוווּנדערט אין האַרצן, ווי איז דאָס מעגלעך, אַז זייענדיק אַן אַדוואָקאַט, זאָל מען זיצן אַזש דריי יאָר אויף דער אויספֿאָרשונג, און צי איז בכלל מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל קאָנען זיצן אַזש דריי יאָר; איך האָב מיך אָבער נישט געפֿרעגט וועגן דער סיבה, ווייל באַלד דערנאָך איז דאָס געשפּרעך איבערגעשפּרונגען אויף מיין פּערזאָן.

ער האָט מיר געראָטן שרייבן צום טאַטן און מיר דערקלערט, אַז איך קאָן ביזן פּראָצעס זיין אויף דער פֿריי קעגן אַ קויציע אָדער אַ גאַראַנטיע. ער האָט געזאָגט, אַז דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער זאָל איך אַלץ דערציילן פֿון אַלף ביז תּיו, גאָרנישט פֿאַרהוילן.

די דאָזיקע עצות האָב איך אויסגעהערט מיט גרויס אויפֿמערקזאַמקייט און האָב באַשלאָסן געגנוי צו זיי זיך צוצופּאַסן. עס איז מיר לייכטער געוואָרן אויפֿן האַרצן און עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ האָפֿענונג. איך האָב מיך דערמאָנט אָן קאַרצער, און האָב אים אין איילעניש דערציילט וועגן דער גאַנצער געשעעניש, וועגן דער שטראָף פֿון זיבן טעג, און האָב אים געפֿרעגט, וואָס דאָס איז אַזעלכעס.

ער האָט זיך פֿאַרכמורעט, ווען איך האָב אים דאָס דערציילט; פֿון זיין מויל האָב איך געהערט עפּעס אַ קללה אויפֿן חשבון פֿון דער נאַטשאַלסטוואָ און פֿון די צאַרישע סאַטראַפּן. און ענדלעך, ווען איך האָב געענדיקט, האָט ער מיר געזאָגט,

אַז איך זאָל אויף דער נאַכט מעלדן, אַז ער, ס. ל., אַן אַד־וואָקאַט, וועט באַצאָלן פאַר מיר די 50 קאָפּיקעס פאַר דער אויסגעהאַקטער שויב.

— וועל איך, הייסט עס, נישט גיין אין קאַרצער!

איך האָב נישט געוווסט, ווי צו דאַנקען מיין וווילטע־טער. אויסדרוקן פון דאַנקבאַרקייט אַן שום צוזאַמענהאַנג האָבן זיך געשיט פון מיין מויל; איך בין געווען גרייט צו וואַרפן זיך אים אויפן האַלז און אים צודריקן צו מיין ברוסט.

איך האָב זיך אַזוי פאַרגעסן, אַז איך האָב אַפילו נישט באַ־מערקט, ווי דער סטראַזשניק באַאָבאַכטעט מיך שוין אַזוי אַ צייט לאַנג. ער האָט מיר געהייסן זיך אָפּשטעלן, און ווען אַלע האָבן מיך שוין געהאַט אויסגעמיטן, האָט ער דעמאָלט געגעבן אַ צייכן, איך זאָל גיין נאָך אים. אַזוי אַרום בין איך גע־וואָרן צעשיידט פון מיין פריינט.

די פאַרקניפּטע פריינטשאַפט אָבער האָט זיך נישט אָפּ־געקילט. נאָכן צוריקקומען פון שפּאַציר, האָט ער צונויפגע־בונדן אַ פּעקל און האָט עס מיר איבערגעשיקט. דאָס איז גע־ווען אַ פונט צוקער, טיי און ווייס ברויט מיט פּוטער. איך האָב מיך געוואָרפן דערויף מיט אַ וועלפישן אַפּעטיט.

ווען איך האָב מיך אָנגעגעסן, האָט זיך שוין מיין הו־מאָר אין גאַנצן פאַרבעסערט און האָב אַפילו געפּרוווט אונ־טערצופייפן פון שמחה. „וואָס פאַר אַ גוטע מענטשן עס זיצן אין תפיסה", האָב איך געטראַכט וועגן מיין באַקאַנטן. איך האָב אים זייער באַדויערט, דעם גוטן מענטשן.

און גיט נאָר אַ טראַכט, אַז דאָס איז נישט קיין ייד!

אין תפיסה־קאַמער איז יעדער מענטשלעכער גייסט, זאָל ער אַפילו זיין אַן אמתער לאָמבראָזאָ־טיפּ, געניט צו פילאָזאָ־פירן. אויך איך האָב מיך איבערגעגעבן מיינע רעיונות.

איך האָב מיך אָפּגעשטעלט איבער אַ סך זאַכן, וועלכע זענען מיר פריער אַפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען.

די וועלט, אויף וועלכער איך האָב דאָרט, אויף דער פרייהייט, געקוקט מיט די אויגן פון אַ נישט דערפאַרן יינגל,

האָט דאָ, אין דער קאַמער, אָנגעהויבן אָננעמען אַנדערע פאַרבן און פאָרמען.

און וואָס נאָך מער חידוש — מיין איצטיק לעבן אין תפיסה האָט מיך אָנגעהויבן צוצוציען מיט זיין געהיימניספול־קייט. איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס לעבן אין תפיסה האָט אויך זיין רייץ. עס האָבן זיך אויך געענדערט די מיינונגען און אָנשויאונגען אויף אַנדערע געביטן, למשל: דאָס וואָרט גנב, ווען איך האָב עס נישט געזאָלט הערן, האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ פאַרשטעלונג פון אַ שרעקלעכן מענטש. רעאַל האָב איך מיר עס נישט געקאָנט דערקלערן; פאַר יעדן פאַל בין איך געווען אין דער מיינונג, אַז אַזאַ מענטש וואָלט איך געקאָנט אונטערשיידן פון טויזנט אַנדערע.

איצט האָב איך שוין וועגן דעם גאַנץ אַנדערש גע־טראַכט. צי דערפאַר, וואָס איך בין עס אַליין געווען?

מיינע רעיונות זענען איבערגעריסן געוואָרן מיטן אַראָפּ־לאָזן פון דער קליאַפּע.

— דיערזשי! (האַלט) — האָט זיך דערהערט.

איך בין צוגעשפרונגען צו דער טיר. דאָס האָט דער קאָרידאָרשטשיק מיר דערלאַנגט אַ קריגל און אַ טעפל און האָט געהייסן גיך אויסליידיקן ס׳געפעס. דאָס אַלץ האָט מיר גע־שיקט מיין שכן. ער האָט באַקומען אַלע טאָג פון דער פריי־מיטאָגן, האָט ער אויך אָן מיר נישט פאַרגעסן.

איך האָב צוריקגעגעבן דאָס געפעס און האָב געבעטן, ער זאָל דאַנקען אין מיין נאָמען.

— כאַראָשאָ, סקאַזשו (גוט, איך וועל זאָגן), — האָט ער געזאָגט מיט אַ געהיימניספולער מינע און האָט זיך דערוויי־טערט. באַלד איז ער אָבער צוריקגעקומען און געפרעגט, צי איך רויכער.

— ניין! — האָב איך געזאָגט. — איך רויכער נישט.

ער האָט מיך צוליב דעם שטאַרק באַדויערט. האָבנדיק שוין צום צווייטן מאָל אַ דורכפאַל, האָט דער קאָרידאָרשטשיק זיך געקראַצט הינטער דעם אויער און שוין אָן לענ־

גערע פירושים איז ער צוגעטרעטן צו דער זאַך. ער האָט מיר נעמלעך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער וועט מיר אַלץ דערליידיקן, אויב איך וועל אים אָפּגעבן מיינע וועש און די „טרעטערס" (אַ גנבישער אויסדרוק אויף שיך). איידער ער האָט געענדיקט זיינע אָנצוהערענישן, האָב איך אים שוין דער־לאַנגט די געפאָדערטע זאַכן. ער איז געווען צופרידן.

אין אַ צייט אַרום האָט ער מיר אָנשטאָט זיי געבראַכט צעריסענע לאַטשן און אַ רויט העמד.

איך האָב זיי אָנגעטאָן מיט אַן עקל־געפיל, אָבער וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? מיין גורל איז אין זיינע הענט, — האָב איך מיר געטראַכט. די פּערזאָן פון קאָרידאָרשטשיק האָט אין מיין פאַנטאַזיע זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַזאַ איינפלוסרייכע און אַזאַ פילבאַדייטנדיקע, אַז איך האָב גערעכנט, אַז פון אים הענגט אַפילו אָפּ מיין פרייהייט.

פון דער מינוט אָן, ווען איך האָב דערליידיקט דאָס גע־שעפט, האָט דער קאָרידאָרשטשיק מיר אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער מיטגעפיל. יעדע פאָר מינוט האָט ער אַריינגעקוקט צו מיר און האָט מיך באַערט מיט זיין געשפּרעך. ביי מיין לאַגע איז דאָס אויך עפּעס ווערט געווען.

נישט אָפּשטעלנדיק זיך ביי דעם, האָט ער מיר אויך געבראַכט עטלעכע פּאָרציעס „שפּענער" (אויפן תפיסה־זשאַר־גאָן: שטיקער חזיר־פלייש). דאָס האָב איך אָבער נישט אָנ־גענומען, דערקלערנדיק, אַז אַזאַ פלייש טאָר איך נישט עסן. ער האָט געלאַכט פון מיר און געטענהט, אַז ווען איך וועל דאָ לענגער זיצן, וועל איך מיך צוגעוויינען צום פלייש, אַפילו צו די גריוון.

די דאָזיקע נביאות איז ווירקלעך בקרוב מקוים געוואָרן. עס איז אַוועק אַ וואָך און איך האָב שוין געגעסן דאָס פלייש אָן שום קווענקלעניש. אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען איך האָב מיך איבערצייגט, אַז נאָכן אויפעסן דאָס געאַסרטע פלייש איז מיר קיין שום בייז נישט געשען, האָב איך מיר אָנגעטאָן אַ כוח און איך האָב אָנגעהויבן עסן גריוון.

איך בין שוין געווען אַן אַלטער אַרעסטאַנט.

איך האָב מיך אויך אויסגעלערנט קלאַפּן אין די ווענט אַריין צום שכן און דאָס האָט אויסגעצייכנט צעשטרייט דאָס מאָנאָטאָנע תּפיסה־לעבן און האָט עס געמאַכט דערטרעגלעך. מיין פריינט האָט אויך ווייטער אָן מיר געדענקט; אָפּטמאָל האָט ער אויסגעטיילט אַ חלק פון זיין מיטאָג און האָט עס מיר געשיקט דורך דעם קאָרידאָרשטשיק. צי דאַרף איך זאָגן, מיט וואָס פאַר אַ גרויסער סימפּאַטיע איך האָב באַשאָנקען אָט דעם מענטשן? אין די דאָזיקע פאַר מיר ערנסטע טעג האָט ער באַוויזן אַזוי פיל גוטסקייט און הארץ, אַז מיין דאַנקבאַר־קייט צו אים טראָג איך אין מיין נשמה נאָך היינט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, ווען איך ווייס אפילו נישט, צי לעבט ער נאָך. איך וועל זי אויך טראָגן ביזן סאַמע טויט. ער אַליין בלויז האָט מיך אָפּגעראַטעוועט אין דער קריטישסטער צייט. איך ווייס נישט, צי אָן אים וואָלט איך איבערגעלעבט דאָס אומגליק.

דער וועג פון מיין לעבן איז אויך שפּעטער נישט איין מאָל געגאַנגען דורך פאַרווירונגען און אַ סך ביטערע מינוטן האָב איך איבערגעלעבט; איך האָב אויך אָפטמאָל געהאַט פריינט; אָבער די שפּעטערדיקע זענען מן־הסתּם נישט גע־ווען אַזעלכע אויפריכטיקע. אָדער, עס קאָן זיין, אַז דאָס ליידן האָט שוין אויף מיר געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז דאָס אָנ־דענקען וועגן זיי האָט זיך שוין טיילוויז פאַרמעקט און זעלטן ווען שוועבן מיר זייערע בילדער פאַר די אויגן.

„אַ סך גיט דער, וואָס גיט באַצייטנס”.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

עס זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכן זינט דער ערשטער שרעקלעכער נאַכט אין תּפיסה, וואָס וועט מיר אייביק בלייבן אין זכּרון. עס איז שוין געווען אָקטאָבער. אין דער קאַמער

איז געווען אַזוי קאַלט, אַז אַ הונט וואָלט זיך אַוודאי אָפּגע־דיסן פון דער קייט, ווען מען וואָלט אים דאָ צוגעבונדן.
איך האָב מיך צוגעטוליעט צו די צוויי רערן אין ווינקל פון דער קאַמער, וואָס האָבן געדינט פאַר אַן אויוון, נאָר זיי זענען געווען קאַלט און גאַרנישט געוואַרעמט. אַ טרויעריקער, אַ פאַרביטערטער, האָב איך מיך צום הונדערטסטן מאָל אָנגע־הויבן אַריינטראַכטן אין מיין קלאָגעדיקער לאַגע.
זיץ איך אַזוי הונגעריק, אָפּגעריסן... נאָך די שיך און די וועש איז באַלד דאָס איבעריקע אויך איבערגעוואַנדערט צום אַלמעכטיקן קאָרידאָרשטשיק. אָנשטאָט דעם האָב איך געקריגן שמאָטעס.
איך בין זיכער, אַז דאָס אַלץ איז געווען דעם קלוטש־ניקס אַרבעט און אַז ער איז געווען דער פאַקטישער סוחר ווייל ווען דער קאָרידאָרשטשיק האָט געהאַט עפּעס צו דערליי־דיקן, איז די טיר פון מיין קאַמער, עפּעס ווי מען וואָלט גראָד דערין פאַרגעסן, געשטאַנען אַ געוויסע צייט אָפן.
צום שטאַרקסטן האָט מיך געטראָפן דאָס אַרויספירן פון מיין פריינט. ער איז געווען מיין שכן קוים דריי וואָכן. ווען איך האָב געפרעגט וועגן אים דעם קאָרידאָרשטשיק, האָט ער מיר געזאָגט, אַז מען האָט אים אַוועקגעפירט אין טיף רוס־לאַנד און אַז מען וועט אים זיכער הענגען. איך האָב אים אומגעהייער באַדויערט. איך האָב תפילה געטאָן פאַר זיין לעבן און געזאָגט תהילים.
ענדלעך, אין אַ געוויסן נאָך מיטאָג, אַרום סוף אָקטאָבער, בין איך אַרויסגערופן געוואָרן צום אויספאָרשונגס־ריכטער. איך האָב שוין געוווסט, אַז ער איז אַ גרויסער רשע, בין איך טאַ־קע, גייענדיק איבערן קאָרידאָר, געווען אין איין שרעק; און ווען איך בין פאַר אים געשטאַנען, האָב איך אין גאַנצן גע־ציטערט.
אָן לאַנגע הקדמות האָט זיך אָנגעהויבן די פאַר מיר פיינלעכע אויספאָרשונג. מיט אַ געוויין האָב איך דערציילט, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען יענע נאַכט. וועגן דעם ראָמאַנס

אָבער, אַלס הויפּט־סיבה פון מיין גניבה, האָב איך נישט דער־מאָנט קיין וואָרט. איך האָב שוין געהאַט אַזוי פיל שכל צו פאַרשפּאָרן סאָניען אַזאַ שאַנדע. דאָס געפיל פון ליבע, וואָס איז טראָץ אַלעם נישט אָפּגעקילט געוואָרן אין מיין האַרץ צו סאָניען, האָט אויך דערצו פיל מיטגעווירקט.

נאָך דער פאַרענדיקטער אויספאָרשונג האָט מיך דער ריכטער געפרעגט, צי איך האָב עמיצן, וואָס זאָל איינלייגן פאַר מיר 200 רובל קויציע.

— יאָ, איך האָב אַ טאַטן, — האָב איך געענטפערט.

ער האָט מיר געהייסן שרייבן אַהיים און מודיע זיין וועגן זיין דעציזיע, ד. ה. אַז נאָכן איינלייגן דאָס געלט וועל איך ווערן באַפרייט. דערנאָך בין איך צוריק אַריינגעפירט געוואָרן אין דער קאַמער. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך נישט גע־קאָנט איינשלאָפן. אָנשטאַט צו פרייען זיך מיט דער האָפנונג צוריקצוגעווינען די פרייהייט, האָט מיך, פאַרקערט... אַרומגענו־מען אַ גרענעצלאָזער טרויער.

אין מיין זכרון האָט זיך דורכגעשלייכט איין טאָג נאָכן צווייטן, אָנהויבנדיק פון דעם פאַרפאַל, ווען איך בין אַנטלאָפן פון דער היים, ביז צו דעם איצטיקן מאָמענט. איך האָב אין מיר באַמערקט גרויסע ענדערונגען צום שלעכטן; אויסערלעך האָב איך אויסגעזען ווי אַן אָפּגעריסענער, פיזיש בין איך אָפּ־געקומען; בלויז שוואַכינקע כוחות האָב איך אין מיר געפילט; אין דער נשמה האָבן זיך נאָך ערגערע אָפּגרונטן געעפנט. דער ווילן איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און איך האָב מיך אונ־טערגעגעבן דער פוילקייט. אַפילו דאָס דאַווענען האָב איך פאַרנאַכלעסיקט; מיין מויל האָט שוין נישט געפּליסטערט די פריער אַזוי אָפט איבערגעחזרטע תפילות, וועלכע האָבן מיר געבראַכט טרייסט און לינדערונג.

מיין שוואַכער גייסט איז געווען פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ פון ברודיקע געדאַנקען און אַרויסרייסן זיך פון דער נעץ בין איך נישט געווען אימשטאַנד. איך האָב ביטער געוויינט איבער מיין געפאַלנקייט.

צומאָרגנס בין איך אויפגעשטאַנען קראַנק און פול מיט אַפּאַטיע. נאָכן אָנבייסן האָב איך געקריגן פּאַפּיר אויף אַ בריוו. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ שווערער מאָמענט, ווייל ביז איצט האָב איך צום טאַטן נישט געשריבן. איך האָב מיר געזאָגט, אַז איך וויל בעסער שטאַרבן, איידער אים מודיע צו זיין וועגן מיין ירידה. איצט אָבער, ווען עס איז געקומען דערצו, ווען איך האָב פאַרשטאַנען, אַז פון אים הענגט אָפּ מיין פרייהייט, האָב איך באַשלאָסן צו שרייבן.

מיין גרויסער בריוו איז געווען אין גאַנצן באַגאָסן מיט טרערן. מען האָט מיר דערלויבט אים אָנצושרייבן אין יידיש, ווייל מיטן צענזורירן איז נישט געווען קיין דאגה: דער אויס־פאָרשונגס־ריכטער איז געווען אַ משומד. צווייטנס, האָט מען מסתמא גערעכנט, אַז איך קאָן אָנשרייבן עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב אפשר באַהאַלטן בעת דער אויספאָרשונג.

ווען עס איז אַוועק אַ וואָך נאָכן אַוועקשיקן דעם בריוו, האָב איך מיך אָנגעהויבן באַאומרואיקן. גאַנצע טעג בין איך געשטאַנען ביי דער טיר, אונטערהערנדיק אויפמערקזאַם, צי מען רופט מיך נישט אויף דער פריי. ווען מען האָט נאָר אויס־גערופן עמיצנס אַ נאָמען, האָב איך באַלד געמיינט, אַז דאָס רופט מען מיך. עס איז געקומען דערצו, אַז אַפילו ביי נאַכט האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און בין צוגעלאָפן צו דער טיר. ווידער האָבן מיך אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן אין חלום שרעק־לעכע וויזיעס. די מאַמע איז מיר צו חלום געקומען נאַכט ביי נאַכט. כמעט תמיד האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי שטייט איבער מיר און וויינט. און ווען איך האָב זיך פון שרעק איבערגעוועקט, האָב איך לאַנג נישט געקאָנט קומען צום באַ־וווסטזיין, ווו איך געפין זיך און וואָס טוט זיך מיט מיר.

וואָס אַמאָל מער האָט מיך געפּייניקט דער צווייפל, צי דער טאַטע וועט זיך בכלל פאַראינטערעסירן מיט מיין גורל.

און ווען אַפילו ער וועט מיך אַרויסראַטעווען פון דאַ־נען, האָב איך געטראַכט, ווי אַזוי וועל איך איבערלעבן די חרפה פאַרן טאַטן, און דערנאָך, וואָס וועלן מענטשן זאָגן,

ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז דער, וואָס האָט געזאָלט ווערן אַ רב, איז געוואָרן... אַ גנב?

אין האַרצן האָב איך שוין באַדויערט, וואָס איך האָב געשריבן צום טאַטן. און עס איז מיר גאָרנישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז אָן מיין בריוו איז דער טאַטע נאָך מיין אַרעסט געוואָרן אויף דער פּאָליציי און אַז דאָס גאַנצע שטעטל רעדט נישט וועגן קיין שום אַנדער זאַך, נאָר וועגן מיין ירידה.

אַך, די געוויסנס־פּלאָגן... ווי שרעקלעך זענען זיי, ווען דער מענטש איז נאָך פּעאיק זיי צו דערפילן, און די איידעלע געפילן זענען נאָך אין גאַנצן נישט פאַרלאָשן געוואָרן!

איך האָב אויך געטראַכט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ פּנים עס וועט האָבן מיין באַגעגענען זיך מיטן טאַטן. איך האָב גוט געדענקט, אַז ווען איך בין צוריקגעקומען פון דער ישיבה האָט ער אַפילו דעמאָלט נישט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקע שמחה, ווי־זשע ערשט איצט, ווען איך וועל צוריקקומען פון דער תּפיסה...

איצט האָב איך פאַרגעסן וועגן זיך. איך האָב געזען בלויז זיין ווייטאָג און שאַנדע, און דערנאָך זיין כּעס. איך האָב געוווּסט, ווי שרעקלעך עס איז דער כּעס פון טאַטן, כאָטש ער האָט אויף אַזעלכן נישט אויסגעזען.

איך האָב געגאַרט די פרייהייט, און גלייכצייטיק האָב איך זיך פאַר איר אינסטינקטיוו געשראָקן. איך האָב פאַרגע־פילט, אַז מיט דעם מאָמענט, ווען איך וועל איבערשרייטן די שוועל פון דער תּפיסה, וועט מיך עפּעס אַ פּאַטום פאַר־פאָלגן און אַז עס דערוואַרט מיך אַ שרעקלעכער גורל.

אוי, די פאָרגעפילן... שוין דעמאָלט האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך בין איינער פון די מענטשן, וועלכע זענען דורך עפּעס העכערע כּוחות פון פריער אויס פאַרמשפּט אויף אייביקע אומגליקן און פאַרניכטונג.

איך האָב געהאַט סיבּות אַזוי צו דענקען. צום ביישפּיל: אַזאַ יונגער טויט פון דער מאַמען. ווען זי וואָלט געלעבט, ווער

ווייסט, צי איך וואָלט דערגאַנגען צו אַזאַ חורבן. דער איינ־ציקער פּאַרפּאַל האָט פּאַראורזאַכט אַנדערע, מיט וואָס אַמאָל ערגערע פאָלגן. און אַזוי דורך אַ ריי לאַנגע יאָרן.

די דאָזיקע ווערטער, צום ביישפּיל, שרייב איך, זיצנדיק נישט אין אַ באַקוועמען פאָטעל אָדער שטול, נישט אין אַ שטוב, וואָס איז לויטן אייגענעם געשמאַק איינגעאָרדנט, אויך נישט אין קיין גאָרטן, אָדער אויף דער שויס פון דער נאַטור, ערגעץ אין וואַלד אָדער ביי אַ טייך. ניין. איך שרייב זיי, געפינענדיק זיך אין הויז פון „דמיונות", אין אַ הויז, אין וועלכן מען האָט דעם מענטש אַלץ צוגענומען, חוץ דעם תּענוג, ניין... חוץ די פּיין פון דענקען, דאָס הייסט, דאָס, וואָס עס איז שוין נישט אימ־שטאַנד צוצונעמען קיין שום ראַפינירט סיסטעם, וואָס האָט דעם צוועק צו באַרויבן דעם מענטש פון די מתּנות, וואָס די נאַטור האָט אים באַשאָנקען.

ווען איך הויב איצט אָן צו קאָנטראָלירן אין די געדאַנ־קען מיין פאַרגאַנגענהייט און אויפצוגראָבן די סצענקעס פון מיין קינדהייט, צי פון די שפּעטערע, יינגלשע יאָרן, וווּנדער איך מיך אַליין, ווי אַזוי איך האָב געקאָנט ווערן דאָס, וואָס איך בין, אין דער צייט, וואָס איך בין דערצויגן געוואָרן אין אַ מאָראַלישער אַטמאָספערע, ווו דאָס זיבעטע געטלעכע געבאָט איז געוואָרן אַזוי געניי אָפּגעהיטן.

איך ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ גע־מיינער פאַרברעכער, פאַר וועלכן איך אַליין באַטראַכט זיך איצט, כאָטש ביזן היינטיקן טאָג זענען אין מיר נישט אויסגעלאָשן געוואָרן די איידעלע שטרעבונגען.

— אוי דאָס לעבן! דאָס לעבן! ווי ביטער איז דאָס גע־טראַנק אין בעכער, וואָס איז פאַר מיר באַשטימט געוואָרן, און דער גורל וועט מיך זיכער נישט אָפּלאָזן, ביז איך וועל אים נישט אויסטרינקען ביזן דנאָ.

איבעריקנס, גענוג מיט דער פילאָזאָפיע! ביי וואָס האָב איך מיך אָפּגעשטעלט? אַהאַ! איך האָב געוואַרט אויף דער באַפרייאונג, אויף וועלכער איך האָב מיך טאַקע דערוואַרט.

אין איינעם פון די טעג פון אָנגעשטרענגטער דערוואַר־טונג און דעם צווייפל, וואָס איז באַלד נאָכגעקומען, בין איך געשטאַנען ביי דער טיר פון מיין קאַמער. פלוצלונג האָב איך דערהערט אויסרופן מיין נאָמען. עס האָט מיך עלעקטריזירט. איך האָב גערעכנט, אַז איך האָב מיך פאַרהערט. האָט זיך מיר דאָך די לעצטע וואָך כסדר געדאַכט, אַז מען רופט אויס מיין נאָמען. אָבער ניין, — צום צווייטן מאָל האָב איך שוין דייט־לעך געהערט, אַז מען רופט מיך.

דאָס האַרץ איז פון פרייד שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען. פרייהייט, — האָט עס גערוישט אין די אויערן, הייסט עס, אַז אין אַ מינוט אַרום וועל איך דאָ נישט זיין. מיטן לעצטן בליק האָב איך אַרומגענומען מיין קבר מיט דעם פעסטן באַשלוס, אַז שוין קיינמאָל, קיינמאָל וועל איך דאָ אַהער נישט צוריקקערן...

עס איז מיר אַפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז אין ענלעכע קברים וועל איך נישט בלויז וואָכן, נאָר לאַנגע יאָרן... אַ העלפט פון מיין לעבן ליגן באַגראָבן...

איך האָב דייטלעך דערהערט אָנקומענדיקע טריט: איך האָב פאַרהאַלטן דעם אָטעם. ניין, איך בין זיך נישט טועה, זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר מיין טיר. איך בין אָפּגעשפּרונגען צום פענסטער. עס האָט אַ סקריפּע געטאָן דער שליסל און... אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער קלוטשניק.

— נעם צו אַלץ, וואָס דו האָסט, און מאַרש! - האָט ער אויס־געשריגן. — סקאָרעי (גיכער)! — האָט ער געשריגן, זעענדיק, אַז איך ריר זיך נישט פון אָרט.

איך האָב נאָר געפּרוווט צו פרעגן, צי דאָס לאָזט מען מיך אַרויס אויף דער פריי.

— ניע זנאַיו (איך ווייס נישט), — האָט ער געענטפערט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַזוי איז עס, ווייל דערנאָך האָט מען מיר צוגענומען די תפיסה־וועש, וואָס איז געווען געמאַכט פון זאַק־לייוונט.

שוין דעמאָלט האָב איך באַמערקט, אַז די תפיסה־אויפ־זעער לאָזן נישט גערן אַרויס זייערע קעסט־קינדער. אין די

שפּעטערדיקע צייטן האָב איך מיך נאָך מער איבערצייגט דערין.

מען האָט מיך אַוועקגעפירט אין קאַנצעלאַריע אַריין. דאָרט האָב איך מיך שטאַרק דערשראָקן, ווייל מען האָט מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ קאָנוואָי. דער לעצטער האָט מיר געאײַלט מודיע צו זיין, אַז מיר גייען צום פּאָליצמייסטער. ווען איך האָב אויך אים געפרעגט, צי איך וועל באַפרייט ווערן, האָב איך ווידער באַקומען אַ תשובה: „ניע זנאַיו".

אין מיין קאָפּ האָבן ווידער אָנגעהויבן צו עקבערן פאַר־שידענע געדאַנקען. איך האָב מיר די גאַנצע זאַך נישט געקאָנט דערקלערן.

צום פּאָ־ליצ־מיי־סטער! — האָב איך איבערגעחזרט. דער דאָזיקער אויסדרוק האָט גאָרנישט אויפגעקלערט.

וואָס פאַר אַ פּאַרשוין קאָן דאָס זיין דער פּאָליצמייסטער? — אַלערליי השערות האָבן דעמאָלט געעקבערט אין מיין „פרייע־רישן" קאָפּ. איך בין נאָך נישט געוועזן באַקאַנט מיטן אַפּאַראַט פון דער יוסטיץ.

אויפן וועג האָב איך זיך אַרומגעקוקט אויף די מענטשן, וואָס שפּאַנען פריי איבער די טראָטואַרן. עס האָט מיך געפרייט דער געדאַנק, אַז איך וועל ווידער געהערן צו די פרייע מענטשן, וואָס דיספּאָנירן מיט זיך לויט דעם אייגענעם ווילן און איינזען. ווידער וועל איך עסן אין דער היים געשמאַקע, כשרע עסנס, וועלכע איך האָב שוין כמעט צוויי חדשים נישט געהאַט אין מיין מויל. דאָ ערשט האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן מיין אַנטאָן.

איך האָב אויסגעזען שרעקלעך. איך האָב אויף זיך גע־האַט עפּעס משונהדיקע שמאַטעס. שטיוול צעפּליקטע, צוזאַמענ־געשטיקעוועטע פון פאַרשידענע שטיקלעך. וואָלט איך כאָטש געהאַט מיין מאַנטל, אָבער אויך אים האָט סעניעק צוגענומען פאַר 100 שטיקלעך צוקער. איך האָב געברענט פאַר שאַנדע, אָבער וואָס זאָל מען טאָן?

דורכגייענדיק אַ ריי גאַסן, זענען מיר געוועזן ביים ציל.

דאָס איז געווען אַ גרויסע געביידע, דאָס זיך־אָרט פון פּאָליצי־מייסטער און פון די פּאָליצייאישע אַמטן. איך בין געוואָרן אַריינגעפירט אין אַ שטיבל פון צווייטן שטאָק. אין אַ מינוט אַרום האָט מען מיך אַריינגעפירט אין קאַנצעלאַריע פון פּאָליצי־מייסטער.

ווען איך בין נאָר אַריין, בין איך געבליבן שטיין, ווי איינגעזונקען: ביים פּאָליצמייסטער־טיש איז געזעסן מיין טאַטע. ער האָט אַפילו נישט אַ קוק געגעבן אויף מיין זייט. איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. איך בין אַזוי געשטאַנען אַ מינוט צייט, און, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַ גאַנצע אייביקייט; ענדלעך האָט דער ערשטער גערעדט דער פּאָליצמייסטער. איך האָב אַפילו נישט פאַרשטאַנען וואָס, ווייל אין יענעם מאָמענט האָט זיך אויף מיר אָפּגעשטעלט דער בליק פון מיין טאַטן. דאָס איז געווען אַ בליק, וואָס שטעכט דורך מיט זיין קראַפט, וואָס פאַרניכטעט מיך אין שטויב. פון זיין פּנים, פול מיט פאַר־אַכטונג, האָב איך אַראָפּגעלייענט דעם גרויזאַמען, פאַרדאַמענ־דיקן אורטייל. אַזאַ אויסדרוק פון געזיכט האָב איך נאָך ביי אים קיינמאָל נישט געזען, אַפילו ביי דעם גרעסטן כּעס. איך וועל אים אויך נישט פאַרגעסן ביז צום קבֿר. מיט אַ שטאַרקן שלוכצן האָב איך מיך אים געוואָרפן צו די פיס. ער האָט מיך אָפּגעשטופּט בלויז מיטן פוס, ווי אַ היימלאָזן הונט, און האָט ווייטער גלייכגילטיק גערעדט מיטן פּאָליצמייסטער.

צופע.יק האָט זיך דער טאַטע מיט אים געקענט. דאָס איז אויך געווען די סיבה, וואָס דער פּאָליצמייסטער האָט מיך באַערט מיט זיין אויפמערקזאַמקייט און איצט, אין דער אָנוועזנהייט פון מיין טאַטן, האָט ער מיר אָנגעהויבן מוסר צו זאָגן, אַז איך טו אָן חרפּות ובֿושות דעם טאַטן און דער גאַנ־צער משפּחה, אַז ער שעמט זיך אַפילו פאַרן טאַטן.

— טאַקאָי פּאַריאַדאָטשני טשעלאָוויעק, אַ טוט טאַקאָי סין (אַזאַ אָרנטלעכער מענטש, און דאָ אַזאַ זון)! — האָט ער גע־זאָגט, ווייזנדיק אויפן טאַטן, דערנאָך געראַטן דעם טאַטן, אַז אויב איך וועל נישט ווערן קיין לייט, זאָל ער מיך אָפּגעבן

אין אַן אויסבעסערונגס־הויז. זייענדיק פּאַרטיפּט אין זיינע איי־גענע געדאַנקען, האָט דער טאַטע נישט געענטפערט. דער פּאָ־ליצמייסטער האָט דאָס באַמערקט און ער האָט ווייטער גע־רעדט:

— יעסלי טאַק דאַלשע בודיעש וויעסטי סעביאַ, נאַש צאַר סטידיטסיאַ בודיעט טאַבאַי אי נאַ וואָיענגוויו סלוזשבו ניע וואָזמיאָט! (אויב דו וועסט זיך ווייטער אַזוי פירן, וועט זיך אונזער צאַר שעמען מיט דיר און ער וועט דיך נישט נעמען צום מיליטער־דינסט).

נאָך אַ סך פּאָנישן מוסר האָט ער מיר אַריינגעזאָגט; איך האָב עס אָבער נישט אויסגעהערט, ווייל איך האָב די גאַנצע צייט געוויינט.

נאָך אַ געשפּרעך פון אַ שעה צייט האָט דער פּאָליצמייסטער זיך געזעגנט מיטן טאַטן זייער פריינטלעך, און מיך האָט ער געוואָרנט, צוגעבנדיק, אַז דאָס נאַרישקייט, וואָס איך בין באַ־גאַנגען, קאָסט אָפּ דעם טאַטן אַ סך געלט...

ביים אַוועקגיין האָב איך געהערט, ווי ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך באַמיען די גאַנצע זאַך צו פאַרריכטן.

אויפן וועג צו דער באַן־סטאַציע האָט מיך דער טאַטע אַריינגעפירט אין אַ געשעפט פון פאַרטיקע מלבושים. דאָרט האָט ער געהייסן, מען זאָל מיך אויסקליידן פון קאָפּ ביז די פיס, און אַליין איז ער אַוועק. אַרויסגייענדיק האָט ער אויפמערק־זאַם געמאַכט דעם סוחר, ער זאָל אויף מיר אַכטונג געבן, ווייל איך קאָן נאָך עפּעס צוגנבענען. הערנדיק דאָס, בין איך רויט געוואָרן פאַר שאַנדע. באַלד איז ער צוריקגעקומען. ווען ער האָט רעגולירט דעם חשבון, בין איך שוין געוועזן ביי דער טיר, איך זאָל וואָס גיכער פאַרלאָזן דאָס אָרט, וווּ מען ווייסט ווער איך בין.

זעענדיק, וואָס איך בין אויסן, האָט דער טאַטע באַשלאָסן מיך נאָך מער צו פאַרשעמען. ער האָט זיי דערציילט דאָס ערגסטע, וואָס ער האָט וועגן מיר געוווסט. אַנוועזנדיקע איז געוועזן אַ שפּאַר ביסל; זיי האָבן צו מיר נייגעריק זיך צוגע־

קוקט, האָבן געשמאָטשקעט מיט די ליפּן, געשאָקלט מיט די קעפּ און האָבן געמאַכט פאַרשידענע באַמערקונגען. אַן עלטערע פרוי, ווייזט אויס די אייגנטימערין פון געוועלב, האָט מיר אָנגעהויבן צו פרײדיקן מאָראַל. דערנאָך האָט זי געטרייסט דעם טאַטן, אַז איך בין יונג און נאַריש און אַז איך וועל זיך שפּעטער פאַרבעסערן.

פאַרן דעמאַסקירן מיך פאַר פרעמדע מענטשן האָב איך דערפי.ט צום טאַטן אַן אומגעהייערן האַס. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אויף דער גאַנצער וועלט האָב איך נישט קיין גרעסערן שונא, ווי דעם טאַטן... שוין איצט האָט אין מיר אויפגעבליצט דער געדאַנק, איך זאָל וואָס גיכער אַנטלויפן פון דער היים, באַדיי אין עק וועלט אַריין און איך זאָל ווערן אַ מענטש פאַר זיך.

עס איז מיר באַלד איינגעפאַלן, אַז כדי דורכצופירן דעם פּלאַן, דאַרף מען געלט. עס האָט מיר אָנגעהויבן צו עקבערן דער געדאַנק, פריער נישט דרייסט, דערנאָך וואָס אַמאָל אַנטשלאָסענער, אַז דאָס געלט מוז מען דעראָבערן דורך באַגנבענען דעם טאַטן.

וואָס נענטער איך בין געווען פון דער היים, אַלץ דייטלעכער איז דער באַשלוס אין מיר צייטיקער געוואָרן. עס האָט זיך בלויז געהאַנדלט וועגן אויסאַרבעטן די פּרטים.

די רייזע צוריק האָבן מיר געמאַכט מיט דער באַן. יעדע קלענסטע סטאַנציע האָט געבראַכט דעם טאַטן פרישע באַקאַנטע און מיר אַ גרעסערע חרפּה און דערנידערונג. דער טאַטע, ווי ער וואָלט זיך פאַרלייגט אויף מיר, האָט יעדן דערציילט מיין שטיקל אַרבעט. איך האָב מיך אַליין געוווּנדערט אויף זיין רעדן, דען דער טאַטע איז בטבע געווען אַ שווייגנדיקער.

איך בין געזעסן לעבן אים, ווי אויף גליענדיקע קוילן. ווען איך וואָלט נישט קיין מורא געהאַט פאַר אים, וואָלט איך שוין לאַנג אַנטלאָפן, רעזיגנירנדיק אַפילו פון באַגנבענען אים. מען דאַרף פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ יסורים איך האָב געמוזט איבערטראָגן, הערנדיק, ווי ער האָט יעדן באַזונדער דערציילט

וועגן אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפן דורך זיין זינדל. אָנ־ווייזנדיק מיטן פינגער אויף מיר, האָט ער געטענהט:

— פון וואַנען האָט זיך דאָס צו מיר גענומען? די מאַמע איז נישט געווען קיין גנבטע, אין דער גאַנצער משפחה איז אַפילו נישטאָ אַזעלכער, וואָס האָט געזאָלט שטיין אין געריכט. און דאָ גאָר האָסטו דיר... מיין זון אַ גנב! טפו!...

נאָך יעדן מאָל איבערדערציילן די היסטאָריע האָט ער אויסגעשפיגן אויף דער פאָדלאָגע און געוואָרפן אויף מיר אַ בליק פול מיט פאַראַכטונג.

עס איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז אין קופּע זענען אַ חוץ באַקאַנטע אויך געווען פרעמדע מענטשן. ווען דער טאַטע האָט גערעדט, האָבן זיי מיך אָנגעקוקט, ווי איך וואָלט דער־מאָרדעט אַ הונדערט מענטשן און נאָך אַ מאָל אַזוי פיל וואָלט איך געהאַט בדעה צו דערמאָרדן.

צום סוף פון דער רייזע בין איך געווען נאָענט צו חלשן. עס איז מיר געווען הייס און דושנע. איך האָב קוים אָפּגעעטעמט; דאָס אַלץ איז מיר געווען אַזוי אומדערטרעגלעך, אַז אין הארצן האָב איך געבעטן גאָט אויף עפּעס אַ נס, זאָל עס אַפילו זיין אַ באַן־קאַטאַסטראָפע. עס האָט זיך מיר אויס־געוויזן, אַז אַלע מענטשן זענען מיינע שונאים.

אָט דעם וועג פון דער תפיסה אַהיים אונטער דער זאָרגפולער אויפזיכט פון טאַטן וועל איך שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אַזוי פיל שאַנדע האָב איך נאָך קיינמאָל — נישט פריער, נישט שפּעטער — נישט איבערגעלעבט.

יאָ, דעמאָלט בין איך נאָך געווען פעאיק צו שעמען זיך... אין שפּעטערדיקן לעבן איז דאָס פאַרגעקומען וואָס אַמאָל זעלטענער.

אַזוי, אַזוי... מיין אומגליקלעכער טאַטע האָט אַוודאי גע־מיינט, אַז אויף אַזאַ אופן וועט ער פאַר מיר פאַרמיאוסן דאָס פאַרברעכערישע לעבן. די דאָזיקע טאַקטיק האָט אָבער פאַר־פעלט די ווירקונג און האָט, פאַרקערט, צוגעאיילט מיין גורל.

נאָך דעם אַלעם, וואָס עס איז געשען, האָב איך מיך

פאַרגעשטעלט מיין לעבן אין דער היים אַזוי אומדערטרעגלעך, אַז עס איז נישט געווען וואָס מיך מקנא צו זיין. אַקעגן דעם וואָס מיך דערוואַרט, איז די תּפיסה געווען אַ גאָרנישט. ערשט איצט וועט זיך פאַר מיר אָנהויבן אַ גיהנום — האָב איך גע־טראַכט.

איך האָב אויך נישט פאַרגעסן וועגן דער לייב־שטראָף, וועלכע וועט מיך, ווי איך בין געווען זיכער, נישט אויסמיידן. אַ ציטער איז מיר דורך דורך דער הויט אויפן בלויזן געדאַנק וועגן טאַטנס כעס.

ביי אַזאַ לאַגע, צי דאַרף מען זיך נישט אַליין פאַר־שטעלן, אין וועלכער ריכטונג עס זענען אַוועק מיינע געדאַנ־קען? מען דאַרף נישט דווקא זיין אַ פּחדן, כּדי מורא צו האָבן פאַר אַזאַ סיטואַציע, אין וועלכער איך האָב זיך דעמאָלט געפונען.

מיט אַזעלכע ביטערע געדאַנקען בין איך געקומען אַהיים.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

יעדער איינער האָט דאָ אויף מיר געקוקט, ווי אויף אַ וואָלף. אויף דער גאַס האָט מען אויף מיר געטייטלט מיט די פינ־גער. באַלד נאָך מיין אָנקומען האָט אין שטעטל אָנגעהויבן צו זשומען, ווי אין אַ בינשטאָק. מיטן אויסרייד, אַז זיי דאַרפן צו אונז געשעפטלעך, זענען פאַרשידענע באַקאַנטע אַריינגעקו־מען צו אונז, אַבי נאָר מיך אָנצוקוקן. דער טאַטע האָט גע־האַלטן פאַר אַ מצווה יעדן איינציקן באַזונדער צו דערציילן וועגן זיין אומגליק. נאָך ערגער: אין דער שטוב האָט מען מיך געהיט אויף יעדן שריט, איך זאָל נישט עפּעס, ווי זיי האָבן געזאָגט, „צולאַקכענען". צום מיטאָג האָט מען מיר פאַר־באָטן צו זיצן ביי איין טיש מיט אַלעמען, ווייל אַזוי האָט דער טאַטע פאַראָרדנט.

— איך וויל אים נישט זען אויף די אויגן, — האָט ער געזאָגט.

מיין עסן האָב איך אַריינגעכאַפּט אין דער קיך. די שטיף־מאַמע, כאָטש זי האָט זיך באַמיט צו זיין גוט צו מיר, האָב איך געהאַסט. די סיבה דערפון האָב איך מיר נישט גע־קאָנט דערקלערן; די פיינדלעכע געפילן צו איר זענען אַנט־שטאַנען פון זיך אַליין. די דאָזיקע, פאַר מיר פרעמדע, פרוי האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער פאַרגעטערטער מאַמען — דאָ מן הסתם דאַרף מען זוכן דעם אָנהויב.

דער ברודער און די שוועסטער האָבן געקוקט אויף מיר, ווי זיי וואָלטן געצווייפלט, צי איך בין פאַקטיש זייער לייב־לעכער ברודער.

איך האָב אָנגעהויבן אויסצומיידן אַלעמען. דעם גרעסטן טייל פון טאָג האָב איך פאַרבראַכט אַליין. איך האָב אויך ליב געהאַט אַריינצוגיין אין צימער, וווּ עס איז געלעגן דאָס קליינע שוועסטערל. דאָרט, ביי איר וויגל, האָב איך אָפט פאַרבראַכט גאַנצע שעהן. איך האָב זי ליב געהאַט מיט דער גאַנצער קראַפט פון ברודערלעכע געפילן, ווייל זי איינע אַליין האָט נאָך נישט געקאָנט האַסן.

אויף דער גאַס האָב איך מיך פאַר חרפה אין גאַנצן נישט געוויזן. מיינע אַמאָליקע חברים האָבן מיך איצט אויס־געמיטן. אַזאַ לעבן איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. האָב איך מיך טאַקע וואָס אַמאָל מער פאַרטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי גנבעט מען דאָ עפּעס צו און מען אַנטלויפט, נאָר מען האָט מיך שטענדיק געהאַט אויפן אויג.

אַ געוויסן טאָג האָב איך באַמערקט, ווי ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מען היט מיך נישט: שטילערהייט האָב איך מיך אַריינגעגליטשט אין צימער אַריין, וווּ אין דער קאָמאָדע פלעגט שטענדיק ליגן געלט.

איידער איך האָב אָבער באַוויזן דאָרט אַריינצוגיין, האָט די טויב־שטומע דינסט געמאַכט אַזאַ טומל, אַז איך האָב גע־

מוזט וואָס שנעלער אַנטלויפן. איך האָב נישט גערעכנט, אַז אַפילו זי איז פעאיק מיך צו שפּיאָנירן.

עס זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכן. דער טאַטע איז ווייטער געווען פאַר מיר נישט צוטריטלעך.

דער באַשלוס אַדורכצופירן אַ גניבה און צו אַנטלויפן האָט זיך אין מיר וואָס אַמאָל מער פאַרשטאַרקט. וועגן עפּעס אַנ־דערש האָב איך נישט געטראַכט. איך האָב נאָר געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט. ענדלעך האָב איך אין אַ געוויסן שבת באַשלאָסן ווידער צו פּרוּוון דאָס גליק.

איך האָב אויסגעקליבן שבת, ווייל איך האָב גע־ווּסט, אַז אין דעם טאָג טראָגט נישט דער טאַטע ביי זיך קיין געלט. דאָס מאָל האָב איך מיך אויך לייכטער געקאָנט אָריענטירן, ווייל פרייטאָגצונאַכטס האָב איך דערשנאַפּט, ווי דער טאַטע האָט זיך איבערגעטאָן און אַרונטערגערוקט דעם פּאָרטפעל אונטערן מאַטראַץ.

— איצט אָדער קיינמאָל נישט, — האָב איך מיר גע־טראַכט.

אַזוי ווי דער טאַטע איז נאָר אַרויס, נישט פאַרלירנדיק קיין איין רגע, האָב איך מיך אַריינגעשלייכט אין שלאָפצימער און האָב אַרויסגעצויגן פון באַהעלטעניש דעם פּאָרטפעל. ער איז געווען אַזוי אָנגעשטאָפּט, אַז דער טאַטע האָט אים אַזש אַרומגעבונדן מיט אַ שטריקל. איך האָב אָנגענומען אַ באַ־שלוס צוצונעמען בלויז אַ טייל פון געלט. צו דעם צוועק האָב איך גענומען אויפבינדן דאָס שנירל. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט עמיצנס טריט. איך האָב באַהאַלטן דעם פּאָרטפעל הינטער דער מאַרינאַרקע און האָב מיך געלאָזט צו דער טיר. דאָרט האָב איך מיך אָנגעשטויסן מיט דער טויב־שטומער דינסט. זי האָט געמאַכט אַ געוואַלד, און איך האָב מיך אויגנ־בליקלעך געוואָרפן צו דער טיר, וואָס פירט אין גאַס אַריין, כדי צו אַנטלויפן. אָבער — אַך ווי שרעקלעך! די טיר האָט זיך אַליין געעפנט און... אין איר איז געשטאַנען דער טאַטע.

— וואָס האָסטו דאָרט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן,

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער אַריינגע־
שטעקט די האַנט הינטער דער מאַרינאַרקע און האָט אָפּער־
געצויגן דעם פּאָרטפעל. זעענדיק דעם אָביעקט פון מיין
גניבה, איז ער בלאַס געוואָרן, ווי די וואַנט. באַלד האָט ער
מיך מיט דער צווייטער האַנט געגעבן אַ נעם אָן פאַרן קאָל־
נער און טראָגנדיק אין דער לופטן, האָט ער מיך אַריינגע־
טראָגן אין שטוב אַריין. דאָ האָט ער מיך אַ שליידער גע־
געבן אויף דער ערד און, שווער אָפּטעמענדיק, איז ער אַ
לענגערע ווײַלע געשטאַנען איבער מיר אַ שווייגנדיקער און
גרויזאַמער, ווי ער וואָלט זיך באַטראַכט, צי ער זאָל מיך
שוין צעטרעטן, ווי אַ וואָרעם; איך בין געלעגן צונויפגעקאָר־
טשעט ביי זיינע פיס, נישט וואַגנדיק זיך צו רירן. אַלע
הויז־מענטשן האָבן זיך צונויפגעדריקט אַרום אים און האָבן
נישט געוואַגט איבערצורייסן דאָס דראָענדיקע שטילשווייגן.

ענדלעך האָט זיך דער טאַטע אָנגערופן צו דער שטיף־
מאַמע, אָנכאַפּנדיק זיך ביים קאָפּ:

— קוק, — האָט ער געזאָגט, ווייזנדיק אויפן פּאָרטפעל, —
רבונו של עולם, ער וואָלט אונז אומגליקלעך געמאַכט אויפן
גאַנצן לעבן!...

— איך וועל אים דערהרגענען! — האָט ער געשריגן
און האָט זיך געוואָרפן אויף מיר.

אין זעלבן מאָמענט האָט זיך די שטיף־מאַמע אַוועקגע־
שטעלט צווישן טאַטן און מיר, זי האָט אָנגעהויבן מיט אים
איינצוטענהן. איך פון מיין זייט האָב מיך אָנגענומען מיט מוט
און איך האָב מיך אָנגעהויבן צו פאַרטיידיקן, אַז איך האָב
בלויז געוואָלט אַרויסנעמען אַ פּאָר רובל און דאָס איבעריקע
אַוועקלייגן צוריק. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

דער טאַטע איז געווען טיף איבערצייגט, אַז איך האָב
אים געוואָלט אומברענגען און צוגנבענען דעם גאַנצן פּאָרטפעל,
וואָס האָט אַנטהאַלטן צען טויזנט רובל. דאָס געלט האָט ער
זיך צוגעגרייט אויסצוקויפן עטלעכע וואַגאָן צוקער און מעל.

צווישן מיר און טאַטן איז פון איצט אָן געשטאַנען אַ וואַנט נישט מער דורכצובּרעכן.

עס האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס דער טאַטע האָט מיך אַזוי צעשלאָגן, אַז איך בּין אַ פּאָר טעג געלעגן אין בּעט. מען האָט אַפילו אַרויסגערופן דעם דאָקטאָר. איך האָב גע־הערט, ווי ער האָט געמאַכט אַ פאָרוואורף דעם טאַטן:

— ווי קאָן מען אַזוי צעהרגענען אַ קינד!

ער האָט אַפילו געוואָרנט, אַז אויב דאָס וועט נאָך אַמאָל פאָרקומען, וועט ער מאַכן דעם טאַטן אַ פּראָצעס.

דער טאַטע האָט זיך פאַרענטפערט כמעט מיט געוויין. די גניבה פון דעם געלט האָט דאָך אים געדראָט מיט אַ פול־שטענדיקן רואין, וואָס־זשע איז דער וווּנדער, וואָס ער האָט זיך פאַרגעסן. — „איבּעריקנס, דער טייוול וועט אים נישט נעמען" — האָט ער געטענהט.

צום סוף, ווענדיק איין מאָל פאַר אַלע מאָל ענדיקן דאָס אומאַנגענעמע געשפּרעך, האָט ער געפייערט:

— אויב אים איז בּאַשערט צו זיין אַ גנב, וויל איך אים בּעסער זען אין קבר...

נאָך דעם געשעעניש האָט אין שטעטל ווידער געקאָכט, ווי אין אַ קעסל. דאָס איז פאַרן עולם נישט געווען קיין ליאַדע נייעס. יעדער האָט דאָס אויסגעטייטשט אויף זיין שטייגער.

די מערהייט האָט מיך פאַרדאַמט. עס זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבּן מיט מיר מיטגעפילט. זיי האָבּן געטענהט:

— אָרעמער יתום, דער טאַטע האָט אַ יונג ווייבל און וויל פּטור ווערן פון די קינדער.

עס האָט זיך אַפילו געפונען אַ דרייסטער אורח, וועלכער האָט דאָס געזאָגט דעם טאַטן אין די אויגן. ער האָט אָבער נישט בּאַוויזן דאָס צו ענדיקן, ווייל ער איז שוין געלעגן אויף יענער זייט טיר.

וואָס אָנבּאַלאַנגט מיר, האָב איך בּכלל נישט פאַרשטאַנען

וואָס עס טוט זיך מיטן טאַטן... דער דאָזיקער מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ גבורה פון שמשון הגבור, איז פונדעסטוועגן שטענדיק געווען מילד און איינגעהאַלטן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אַזוי געוואָרפן, ווי איצט. טראָץ אַלעם איז מיר אָפטמאָל געווען אַ רחמנות אויפן טאַטן. גלייכצייטיק האָט אין מיר אַלץ געקאָכט צוליב דער ענדערונג פון זיין כאַראַקטער. האָב איך דעריבער צוגעשריבן אַלדאָס בייז דער שמייכלענדיקער, בילדשיינער שטיף־מאַמען. אַז איך האָב זי דערזען, איז מיר דורכגעלאָפן אַ ציטער איבערן לייב. איך האָב אינסטינקטיוו געפילט, אַז די פרוי האַסט מיך, כאָטש זי ווייזט עס נישט אַרויס. מעגלעך, אַז איך האָב זי צו שאַרף פאַראורטיילט. איך האָב פאַרלאָרן די מאַמע! צוליב דער פרוי אָבער האָב איך פאַרלאָרן די ליבע פון טאַטן!

אין יענער צייט האָט דער טאַטע געבויט אַ ניי, געמויערט הויז. איך האָב מיך אָפגעזאָגט פון מיינע פּלענער, מיינע געדאַנקען האָב איך געווענדעט אין אַן אַנדער ריכטונג. איך האָב באַשלאָסן צו געווינען דעם צוטרוי פון טאַטן. איך האָב זיך באַמיט צו זיין נוצלעך.

זייענדיק פיזיש שטאַרק געבויט, האָב איך מיך גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב צוגעהאָלפן ביי דער בוי־אַרבעט, האָב געפירט ציגל, געשלעפּט משאות, געגראָבן.

כדי צו באַווייזן, אַז איך האָב מיך פאַרבעסערט, און כ׳האָב חרטה, בין איך געגאַנגען צום דאַווענען. שבת, באַלד נאָכן עסן, בין איך אַוועק אין בית־מדרש אַריין. דאָרט האָב איך מיך פאַרטיפט אין אַ גמרא. אָבער בלויז מען זאָל מיינען... פאַקטיש אָבער האָב איך, ווי אַמאָל אין דער ישיבה, באַהאַלטן אין דער גמרא עפּעס אַ ראָמאַן אָדער אַ דערציילונג. ערשט ווען יידן זענען זיך צוזאַמענגעקומען צו מנחה־מעריב, האָב איך באַהאַלטן ס׳ביכל און איך האָב אָנגעהויבן צו לערנען מיטן אמתן גמרא־ניגון.

דער טאַטע איז אויך געקומען. איך האָב נישט איין מאָל באַמערקט, אַז ער קוקט אויף מיר בגניבה און זיין פּנים האָט

זיך בשעת מעשה אַביסל אויסגעלייטערט. נאָך מער האָב איך עס געקאָנט באַמערקן, ווען אַרום מיר האָט זיך געשאַפן אַ גרעסערער עולם יידן, וואָס האָבן זיך צוגעהערט מיט גרויס כוונה צו מיין לערנען.

וועלנדיק אים נאָך מער פאַרפעסטיקן אין זיין צוטרוי, בין איך יעדן טאָג צווישן מנחה און מעריב געזעסן אַ שעה צייט מיט גרויס כוונה איבער דעם אייביקן ספר.

אַלץ אָבער איז געווען אַרויסגעוואָרפן. מיינע באַמיאונגען האָבן נישט געבראַכט די דערוואַרטעטע רעזולטאַטן. דער טאַטע האָט ווייטער אויף מיר געקוקט מיט פאַראַכטונג. אין שטוב האָט מען מיך כסדר פאַרפאָלגט. די אַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביים בוי פון הויז, האָבן געשמייכלט צווייַדייטיק און איראָניש, ווי זיי האָבן מיך נאָר דערזען. אין שטעטל האָבן מיך אַלע אויסגעמיטן, ווי אַ קרעציקן.

אַזאַ לאַגע איז פּשוט נישט געווען צום אַריבערטראָגן. וואָס־זשע איז דער וווּנדער, וואָס דער עקשנותדיקער געדאַנק וועגן אַנטלויפן איז וואָס אַמאָל אָפטער צוריקגעקומען?

אָבער ווי פירט מען דאָס דורך, ווען איך ווער אַזוי געהיט און שפּיאָנירט! און, צווייטנס, האָב איך געהאַט דאָס עסק מיטן געלט — אויף וויפל דאָס ערשטע האָט זיך געלאָזט דורכפירן, האָב איך אָבער פאַרשטאַנען, אַז אָן געלט וועל איך ווייט נישט פאַרפאָרן.

אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך צוגעצויגן ביז ניי־יאָר.

עס איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1914, אַ יאָר, וואָס האָט באַשטימט דעם גורל און די עקזיסטענץ פון מיליאָנען מענטשן; אַ יאָר, אין וועלכן עס איז אויף זיי געפאַלן דער טויט־אורטייל, צי זיי זאָלן אומקומען אויפן שלאַכטפעלד, אָדער נאָך ערגער,— זיי זאָלן בלייבן אייביקע קאַליקעס. אָט די פאַראורטיילטע האָבן איצט אָן שום פאָרגעפיל פריילעך באַגעגנט דעם ניי־יאָר צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן שפּעטער דערוואָרבן רייכטום און כבוד אויפן חשבון פון אַנדערע.

איך האָב אָנגעהויבן דאָס אַכצנטע יאָר פון מיין לעבן.

דאָס איז נישט קיין סך. און דאָך האָב איך שוין געהאַט גע־נוג דאָס דאָזיקע לעבן. אין די מינוטן פון מיין גרויסער פאַר־צווייפלונג האָב איך נאָכגעזאָגט נאָך דעם ביבלישן איוב: „יאבד יום אולד בו, והלילה אמר הורה גבר" (זאָל אומקומען דער טאָג, אין וועלכן איך בין געבאָרן, און די נאַכט, אין וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרן, זאָל געבוירן ווערן אַ מענטש). עס האָט געטראָפן, אַז ווען איך האָב אין חדר געלערנט דעם דאָזיקן פסוק פון איוב, האָבן זיך מיר די טרערן געשטעלט אין די אויגן ביים געדאַנק, וויפל דער דאָזיקער אָרעמער מענטש האָט געמוזט דורכליידן.

דעמאָלט האָב איך מיר נאָך נישט פאָרגעשטעלט, אַז עס זענען אויך דאָ היינטצייטיקע איובס, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס איוב האָט פאַר זיינע ליידנס־טעג געהאַט אַ סך גוטס און איז געווען רייך. איבעריקנס, האָט דער דאָזיקער לעגענדאַרער איוב לאַנג נישט געליטן, גיך האָט ער באַקומען אַ באַלוינונג...

און היינט?

נישט איינעם קומט די פראַזע אויפן מויל פון דער מי־נוט אָן, ווען ער פאַרשטייט שוין די שפּראַך פון זיין מאַמען, ביז צום קבר. און קיינמאָל באַקומט ער נישט דערויף קיין ענטפער, און דערלעבט נישט קיין בעסערע מינוט.

איך בין איינער פון די דאָזיקע איובס, מיט דעם אונ־טערשייד, וואָס יענעם האָט באַשטראָפט גאָט, און מיר — מענטשן... אויסער דעם האָט איוב געהאַלטן, אַז ערליידט נישט פאַרדינטערהייט, און איך אָנערקען מיינע ליידן פאַר פולשטענ־דיק פאַרדינטע; ניין, איך האָב נאָך פאַרדינט אויף גרעסערע.

טראָץ דעם אַלעם, בעט איך דעם לייענער, דו זאָלסט מיך נישט פאַראַכטן. מיטן גאַנצן פאַרטרויען גיב איך מיך איבער דיין געריכט, צו דיר געהערט ער און פון פריער־אויס בין איך מסכים אויף דיין אורטייל.

ווערעמענס שולד איז עס, וואָס איך בין געוואָרן אַ גנב, אַ פאַרברעכער?... נישט איין מאָל האָב איך מיך פאַרטראַכט איבער דעם, ווער טראָגט די שולד, וואָס איך בין געוואָרן אַ

שעדלעכער מענטש פאַר דער געזעלשאַפט, פאַר די זעלבע, וועלכע איך האָב געזאָלט ברענגען אַ זעלישע טרייסט און אַ לינדערונג אין זייער אומגליק. דעמאָלט, ווען איך טראַכט אַזוי, דאַכט זיך מיר, אַז איך באַשטיי פון צוויי וועזנס, אָדער אַנדערש געזאָגט, אַלדאָס שלעכטס, וואָס איך בין באַגאַנגען אין לעבן, האָט גיכער געטאָן מיין צווייטער „איך", איידער איך אַליין, דער נישט־דערגאַנגענער רב...

אַזוי, אַזוי, טייערער לייענער, אַפילו היינט, נאָך אַזוי פיל יאָרן פאַרבראַכטע אין דער וועלט פון פאַרברעכן און שמוץ, קאָן איך נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז איך בין עס דער, פאַר וועלכן מען האַלט מיך. אָבער איך באַשווער דיך! טראָץ די אַלע פאַרברעכנס, וועלכע איך וויל דאָ אַלע באַשרייבן, נישט באַהאַלטנדיק גאָרנישט פאַר דיר, דערשרעק דיך נישט, ווען דו וועסט דאָס אַלץ לייענען, און פאַרמשפט מיך נישט פריער־אויס! זיי געררעכט!

זיי גנעדיק און וויל מיך אויסהערן ביז צום סוף. דאָס באַוווסטזיין, אַז אין דיר האָב איך אַן אומפּאַרטייאישן ריכטער, וועט מיר אפשר צוגעבן כוח, אַז איך וועל פטור ווערן פון מיין צווייטן „איך", וואָס טוט שלעכטס. עס וועט דעמאָלט בלייבן מיין אמתער „איך", וועלכער איז נישט פעאיק אַ פליג צו באַעוולהן, ווער שמועסט נאָך אַ מענטש! איך פאַרזיכער עס דיר!

איך פיל, אַז איך בין אַ מינדערווערטיקער פילאָזאָף און אין מיינע אויספירונגען פעלט זאָגאַר די מינדעסטע לאָגיק. זיי מיר מוחל! נעם אין באַטראַכט, אַז ווען איך שרייב די ווערטער, געפין איך זיך איינער אַליין, אַן איינזאַמער, אין אַ טונקעלער תפיסה־קאַמער מיט אַ פענסטער, פאַרשטעלט מיט אייזערנע קראַטעס. אַ קאַמער, וואָס איז גיכער ענלעך צו אַ קבר, איידער אויף אַ וווינונג פאַר אַ לעבעדיקן, נאָרמאַל־דענקנדיקן מענטשן... ס'איז טריב און גראָ אומעטום. עס איז איצט צוויי אַ זייגער, אַלזאָ נישט לאַנג נאָך מיטאָג, און דאָך בין איך שוין הונגעריק. איז זשע אַ וווּנדער, וואָס איך רעד אַ ביסל נישט צו דער

זאָך? נאָך אַ תּפיסה־מיטאָג איז די שטימונג באמת נישט קיין געהויבענע.

נו, האָב איך מיר שוין פאַרענטפערט פאַר דיר און איצט איז מיר לייכטער צוריקצוקערן צום ענין.

האָבן מיר שוין אַלזאָ דאָס יאָר 1914.

פון דעם דאָזיקן יאָר אָן דאַטירט זיך מיין פולשטענדיקע ירידה. באַלד נאָך ניי־יאָר איז פאָרגעקומען אַ פאַמיליען־באַ־ראַטונג. אין דער באַראַטונג האָט זיך באַטייליקט אפילו דער פעטער, וועלכער איז ספּעציעל וועגן דעם געקומען פון רוס־לאַנד, פון וואַנען דער טאַטע האָט אים אַרויסגערופן.

מען האָט לאַנג געשוויצט איבער דעם, וואָס צו טאָן מיט מיר, כדי צו ראַטעווען די גאַנצע פאַמיליע פון שאַנדע. עס איז געפאַלן דער אַנטשיידענער באַשלוס, מען זאָל מיך אָפּגעבן צו אַ מלאכה, אָן אונטערשייד וועלכע. די איינע טובה האָט מען מיר געטאָן, וואָס מען האָט באַוויליקט מיך צו פרעגן, צו וועלכן פאַך איך האָב מער חשק. זיי האָבן מיך אַריינגע־רופן צו זיך אין צימער און האָבן אונטערגעשטראָכן די לעצט־גילטיקייט פון זייער באַשלוס און האָבן דערקלערט, אַז איך קאָן בשום אופן לענגער אין דער היים נישט בלייבן.

איך האָב גאָרנישט געענטפערט, ווייל עס האָט מיך פאַר־דראָסן, וואָס מען וויל פון מיר אומבאַדינגט פּטור ווערן. דאָ האָט מיך דער פעטער צוגערופן נענטער צו זיך און גוטמוטיק געפרעגט, צי איך וויל ווערן אַ בעקער; אויב יאָ, וועט ער ריזיקירן און מיך נעמען צו זיך, אָבער מיטן באַדינג, אַז איך וועל אים נישט אָנטאָן קיין חרפה.

מיין פעטער איז געווען אַן אמתער טיפּ פון אַן אויפגע־קומענעם נגיד. ער האָט אויך געקרענקט אויף אינטעליגענץ, און כדי ער זאָל אויסזען „אינטעליגענט", האָט ער זיך פאַר־לייגט גאָלדענע פענסנע, וואָס עס האָט אים טאַקע צוגעגעבן אַ וויכטיקן אויסזען. מיט פיר יאָר צוריק האָט ער חתונה גע־האָט זייער רייך און געגומען נדן אַ גרויסע בעקעריי, וואָס האָט זיך גלענצנד אַנטוויקלט אין אַ תבואה־האַנדל.

דער דאַזיקער מענטש האָט מיט עקשנות געשטרעבט צו זיין ציל. פאַר דער חתונה איז ער געווען אַ געזעלן ביי זיין קומענדיקן שווער, אַ רייכן סוחר אין דער שטאָט ס. דער דאַזיקער סוחר האָט געהאַט דריי טעכטער. אין איינער טאָקע פון זיי האָט זיך דער פעטער פאַרליבט. איר פאָטער אָבער האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן פון דעם שידוך.

דער פעטער האָט געוווסט, אַז צוזאַמען מיט דער שיינער טאָכטער וועט אים אויך צופאַלן נישט קיין ווייניקער שיינער נדן, האָט ער די זאַך נישט אויפגעגעבן און איידער וואָס ווען, האָט ער זיך שוין צוגעכאַפּט צום „האָניק". שפּעטער האָט זיך געשאַפן אַזאַ סיטואַציע, אַז דער סוחר איז שוין געווען צופרידן, וואָס דער פעטער האָט מסכים געווען חתונה צו האָבן, איידער מענטשן האָבן נאָך געקאָנט עפּעס באַמערקן. אָט דער דאָזיקער בכבודיקער פעטערל האָט זיך איצט גאַנץ געוויס מיט מיר געשעמט. נאָר וועלנדיק טאָן אַ טובה דעם עלטערן ברודער, האָט ער ענדלעך איינגעשטימט מיך צו נעמען צו זיך און מאַכן מיך פאַר אַ „לייט". כאָטש איך האָב, וואָס אַן אמת, נישט געהאַט קיין גרויס חשק, אָבער נישט זעענדיק קיין אַנדער אויסוועג, האָב איך אויסגעדריקט מיין הסכמה.

די זעלבע נאַכט האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. באַשרייבן די רייזע וועל איך נישט, ווייל זי האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. די גאַנצע צייט בין איך געווען פאַרזונקען אין די אייגענע געדאַנקען. אויפן צווייטן טאָג זענען מיר שוין געווען אויפן אָרט. ווי איך האָב איבעריקנס דערוואַרט, איז די מומע פון מיין אָנקומען געווען נישט איבעריק צופרידן. באַלד צומאָרגנס האָט מיך דער פעטערל איינגעשפּאַנט צו דער אַרבעט. ער האָט נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט צו האַלטן דערביי אַ דרשה:

— אַז דו וועסט זיין פלייסיק ביי דער אַרבעט, — האָט ער געזאָגט, — וועל איך מיך אָננעמען פאַר דיר ביים טאַטן און מ׳וועט דיך מאַכן פאַר אַ סוחר. דאָס פאַך, וואָס דו וועסט זיך אויסלערנען, וועט גאָרנישט קאַליע מאַכן; אין לעבן קאָן

אַלץ צונויף קומען, פאַרשטייסט? איך האָב אויך מיט אַ צייט צוריק געאַרבעט ביי מענטשן, און איצט... צי האָט עס מיר געשאַדט צו ווערן אַ סוחר?

דאָ האָט ער ספּעציעל אונטערגעהוסט און האָט זיך צו־רעכטגעמאַכט די פּענסנע. דעם איבעריקן מוסר, וואָס ער האָט מיר אַריינגעזאָגט, האָב איך שוין גאַנץ קנאַפּ פאַרשטאַנען, ווייל עס איז געווען פאַרבראָקט מיט פאַרשידענע ראיות און פאַר־גלייכונגען.

פון דעם טאָג אָן האָב איך טאַקע אָנגעהויבן צו אַר־בעטן אין דער בעקעריי, און איך מוז מודה זיין, אַז מיט גע־נוג חשק. די געזעלן האָבן מיך פון אָנהויב באַהאַנדלט מיט אַ געוויסער אומגינציקייט און אומצוטרוי. דאָס איז געווען מחמת צוויי סיבות: ערשטנס — אַזוי איז שוין דער מנהג אין די יידישע בעקערייען, אַז די געזעלן באַהאַנדלען די לערן־יינגלעך זייער שלעכט. אַז אַזאַ לערן־יינגל כאַפּט איבערן קאָפּ מיט אַ לאָפּעטע, איז דאָס פון די טאָג־טעגלעכע געשעענישן. אַזאַ יינגל, תמיד פאַראַרבעט, תמיד פאַרטאַראַראַמט, מוז דער־פילן יעדן באַפעל פון אַ געזעלן אָן שום טענות. ווינטער שלאָפט ער, געוויינלעך, ערגעץ אויפן פּיעקעליק אונטער דער אומאויפהערלעכער מוזיק פון דער גריל; און זומער—אין אַ שמוציקן ווינקל, ערגעץ לעבן דער „בייט". וואָלט ער זיך כאָטש אויסגעשלאָפן, וואָלט שוין גוט געווען. וועגן דעם קאָן אָבער קיין רייד נישט זיין. דערויף איז נישטאָ קיין צייט. פיר שעה שלאָף אין אַ מעת־לעת איז שוין אַ סך.

איך האָב געזען די יינגלעך מיט די בלאַסע פּנימער און די פאַררויטלטע אויגן, ווי זיי האָבן זיך אַרומגעשלייכט ביי נאַכט, זייענדיק גיכער ענלעך אויף לונאַטיקער, ווי אויף נאָר־מאַלע מענטשן.

ס'איז דעריבער קיין חידוש נישט, אַז ווען אַזאַ שקלאַף ווערט ענדלעך אַ געזעלן, אָדער גאָר אָן אייגנטימער פון אַ בע־קעריי, באַמיט ער זיך דעמאָלט אָפּצושלאָגן זיך אויף דער פרעמדער הויט דאָס, וואָס ער האָט אַליין דורכגעליטן.

אין דעם פאַל אָבער, אין באַצוג צו מיר, האָבן די געזעלן זיך נישט דערלויבט צו באַהאַנדלען מיך אַזוי, ווי זיי האָבן באַהאַנדלט די אַנדערע צוויי לערן־יינגלעך. זיי האָבן ווייל געוווסט, אַז איך בין אַ קרוב פון באַלעבאָס און מיט דעם דאָזיקן פאַקט האָבן זיי ווילנדיק נישט ווילנדיק זיך געמוזט רעכענען.

די צווייטע סיבה פון זייער אומצוטרוי איז אַנטשטאַנען טאַקע דערפון, וואָס זיי האָבן געהאַט זייטיקע הכנסות, וועגן וועלכע דער פעטער האָט מסתמא נישט געוווסט. האָבן זיי דעריבער מורא געהאַט, אַז איך קאָן זיי פאַרראַטן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט דאָס אייז צווישן אונז געלאָזט.

זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז די משפּחה־פּריווילעגיעס האָב איך בכלל נישט אויסגענוצט. ביי דער אַרבעט בין איך בייהילפיק נישט ווייניקער פון אַנדערע. איך האָב קיינמאָל נישט פאַרלייגט די הענט. נאָך צ צוועלף שעה אַרבעט, אַ מידער, אַ פאַרשוויצטער, אַן אויסגעשמירטער מיט מעל און מיט טייג, האָב איך אויסגעזען ווי אַ נישט־מענטשלעך באַשעפעניש. דער פעטער האָט זיך גאַנץ ווייניק דערמיט גערעכנט, אַז ביי אַן אַכצן־יעריקן יינגל קאָן אַזאַ שווערע פּראַצע איבערלאָזן אַן איינפלוס אויפן געזונט.

כמעט יעדן טאָג האָב איך געמוזט פאַרלאָדן עטלעכע צענדליק שווערע זעק מעל, אָדער אַזאַ צאָל זעק אָנלאָדן אין אַ שנעלן טעמפּאָ, ווייל די שנעלקייט האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. דאָס, וואָס די דאָזיקע אַרבעט האָט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס מיטן בעקער־פאַך, דאָס האָט דעם פעטער קנאַפּ געאַרט.

איך האָב מיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט, פונדעסטוועגן האָט מען מיך באַהאַנדלט זייער קאַלט. ביי דער מינדעסטער געלעגנהייט האָט דער פעטער נישט פאַרגעסן מיר פאַרצוּוואַרפן, אַז ער האָט אויף זיך גענומען אַ זייער נישט זיכער שפּיל. דערמיט, וואָס ער האָט מיך, אַ גנב און אַ געוועזענעם

אַרעסטאַנט, צוגענומען צו זיך, אין אַן אַנשטענדיק הויז אַריין, דערמיט האָט ער שטאַרק ריזיקירט. זיין ווייב, מיין מומע, הייסט עס, האָט צו אים טענות, אַז דורך דעם, וואָס ער האָט מיך צוגענומען, האָט ער פאַרשוועכט די שטוב.

איך מוז דאָ זאָגן, אַז מיין פעטער איז געווען זייער אַן אָפגעהיטער ייד. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט ער זאָל מיך אַלס אַ קרוב, פאַרנוצן צו „ערלעכע אַרבעט", ווי אַ שטייגער צו מישן קליי׳ען פון קאָרן און ווייץ מיט אַ געוויסער דאָזע זאַמד.

אַזאַ „פּרימאַ"-קוואַליטעט קלייען אָדער מעל האָט מען אָפּטמאָל געדאַרפט צוזאַמענשטעלן אַ צוויי הונדערט זעק און נאָך מער. עס איז געווען נישט קיין פּשוטע אַרבעט, ווייל דאָס אַלץ האָט מען געמוזט גענוי דורכמישן און צוריק אַריינ-שיטן אין די זעק אַריין. דאָס איז געגאַנגען קיין דייטשלאַנד. צו פאַבריצירן און צוגרייטן אַזאַ טראַנספּאָרט האָט מען בלויז מיך צוגעלאָזט. דער פעטער, ווייזט אויס, איז געווען זיכער דערין, אַז איך וועל אים נישט פאַרראַטן.

יעדעס מאָל, נאָך אַזאַ אַרבעט, האָב איך אַ צוויי טעג דערנאָך קוים געשלעפּט די פיס און האָב נישט געקאָנט פריי אָפּעטעמען. אָבער וואָס האָט מען געקאָנט טאָן? דאָס אַלץ איז געווען פאַר מיין טובה ווען... זיי האָבן דאָך געוואָלט פון מיר „מאַכן אַ לייט"... שבת האָב איך ערשט געקאָנט מיך אַביסל אויסרוען און געקריגן אַ מענטשלעך אויסזען.

מילא, האָב איך געליטן.

אָבער מיין געדולד האָט גיך געפּלאַצט. זייענדיק בטבע אַ טעמפּעראַמענטפולער, האָב איך מיך אָנגעהויבן בונטעווען. באַלד איז געקומען דער אויפרייס.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן, באַלד נאָכן ענדיקן די נאַכט-אַרבעט, האָט דער פעטער מיך געהייסן, אַז איך זאָל אַריין אין שפּייכלער און צוגרייטן אַ טראַנספּאָרט קלייען. איך האָב עס געדאַרפט פאַנאַנדערמישן, ווי איך האָב שוין דער-

מאָנט, און דערנאָך פונאַנדערוועגן צו איין צענטנער אין אַ זאַק אַריין.

איך האָב זיך געפילט נישט געזונט, איך בין אויך גע־ווען נישט אויסגעשלאָפן; עס האָט זיך מיר נישט געגלוסט, דאָך האָב איך מיך נישט אַקעגנגעשטעלט מיט קיין וואָרט און בין אַוועק דערפילן די מיסיע, וואָס מען האָט מיר אָנפאַר־טרויט. אַ האַלב־שלאָפנדיקער האָב איך מיך גענומען צו דער אַרבעט. בלויז מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג האָב איך מיך באַהערשט. די אויגן־הייטלעך האָבן זיך אַליין פאַרמאַכט. שפּע־טער, ווען איך האָב נישט געקאָנט באַזיגן דעם שלאָף, האָב איך מיך אַרויפגעוואָרפן אויף די אויסגעליידיקטע זעק און בין איינגעשלאָפן מיט אַ האַרטן שלאָף. ווי לאַנג איך בין גע־שלאָפן, ווייס איך נישט. עס האָבן מיך אויפגעוועקט עפּעס מאָדנע, אוממענטשלעכע קולות. דאָס, וואָס איך האָב דערזען מיט די פאַרשלאָפענע אויגן, האָט מיר נישט באַלד געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו אָריענטירן, וואָס עס קומט אייגנטלעך פאָר לעבן מיר... איך האָב בלויז געזען און געהערט, ווי עפּעס באַשעפענישן מיט קורצע פיס און לאַנגע אויערן באַלעבאַטע־ווען איבערן גאַנצן שפּייכלער, איינער און דער צווייטער איז פאַרגראָבן אין אַ ריזיקן באַרג מיט קלייען, אַן אַנדערער ציט פאַר אַן עק פון אַ זאַק מיט מעל, און נאָך איינער איז פּשוט אַריינגעקראָכן ביז אין דער העלפט אין אַ זאַק אַריין... און עס שטעקט אַרויס פון דאָרט בלויז דער הינטן און דער קורצער ווידל, פאַרדרייט אין דער פאָרם פון אַ ליולקע...

איך האָב מיך אַרומגעקוקט און... אַ שוידער איז מיר דורך איבערן לייב אויפן בלויזן בילד פון דער פאַרוויסטונג, וואָס די דאָזיקע „טריפהנע בהמות" האָבן אָנגעמאַכט. עס האָט זיך דאָ פאַרזאַמלט אַ גאַנצע סטאַדע חזירים פון די אַרומיקע קריסטלעכע שכנים פון דער פאָרשטאָט. ס'איז באמת אַ וווּנ־דער, פון וואַנען עס האָט זיך צו די דאָזיקע חזירישע בריאים גענומען אַזאַ חוצפה, אַריינצופּאַקן זיך אין די טירן פון אַ יידישן שפּייכלער...

איך האָב מיך געשטעלט אויף די פיס, געכאַפּט אַ לאַ־פּעטע און גענומען זיך אַרויסטרייבן די אומגעבעטענע געסט. אָבער אַ נעכטיקער טאָג!... נישט מיינע געוואַלדן, נישט די קלעפּ, וואָס כ׳האָב נישט געקאַרגט, האָבן נישט געבראַכט דעם דערוואַרטעטן רעזולטאַט. ווי ס׳ווייזט אויס, זענען זיי געווען געוווינט צו אַזאַ נישט דעליקאַטער באַהאַנדלונג, און די זאַטע אכילה האָט, וואַרשיינלעך, געהאַט אויף זיי אַ היפּנאָטישן איינ־פלוס; גענוג, אַז איך האָב מיר בשום אופן נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט די „חזירישע״ חזירים. געזען, אַז ס׳האַלט שלעכט, בין איך אַרויס מיט אַ געוואַלד אויפן הויף. אין אַ מי־נוט אַרום זענען אָנגעלאָפן אין דער ריכטונג פון שפּייכלער די געזעלן מיטן פּעטער אין דער שפּיץ. אַלע זענען געווען באַ־וואָפנט מיט דרענגער און לאָפּעטעס. נאָך זיי איז אָנגעקומען די סטרוזשקע.

ווען דער פּעטער האָט דערזען דעם מעמד, האָט ער שיעור נישט געחלשט.

— געוואַלד! געוואַלד! — האָט ער געשריגן. — אפשר 200 רובל שאָדן!...

— דערהרגענען די „פּאַסקודניאַקעס״! — האָט ער גע־קוויטשעט.

די סטרוזשקע האָט פאַרשפּאַרט הינטער זיך די טיר מיט אַ בעזעם און מיר האָבן זיך געלאָזט מיט אַן אַטאַקע אויף די חזירים. די קלעפּ זענען געפאַלן, ווו ס׳האָט זיך געלאָזט. עס איז אַנטשטאַנען אַ מהומה פּשוט נישט צו באַשרייבן. די קולות פון די אַטאַקירנדיקע און די געקוויטשעריי פון די חזירים האָבן זיך אויסגעמישט צוזאַמען און האָבן געשאַפן פּשוט אַ גיהנומדיקע יללה. ווען מען זאָל נאָך צו דעם צוגעבן דעם געדיכטן וואָלקן פון מעל־שטויב, וואָס האָט דערגענצט דעם גאַנצן טאַראַראַם, אַזוי אַז עס איז אַזש געוואָרן שטאָק־פינס־טער, דאַן וועט דער לייענער האָבן אַ שטיקל באַגריף, וואָס דאָרטן האָט זיך געטאָן.

בעת דעם יאָגן זיך איז איין חזיר אַריינגעפאַלן דעם

פעטער צווישן די פיס. דער חזיר האָט אים אויפגעהויבן און באַלד אַראָפּגעוואָרפן. פאַלנדיק, האָט דער פעטער אָנגעמאַכט נאָך אַ גרעסערע מהומה, און איך בין צוגעלאָפן אים ראַטע־ווען. ס'איז אים פּאַקטיש קיין שום שלעכטס נישט געשען. ער האָט זיך אויפגעהויבן גאַנץ און אומבאַשעדיקט, ווייל ער איז געפאַלן אויף די ווייכע קלייען. פונדעסטוועגן האָט ער גע־שאָלטן מיט טויטע קללות מיך און די חזירים. ער האָט זיך באַלד איבערצייגט, אַז די אָנגענומענע מיטלען העלפן גאָרנישט און זיי ברענגען נאָך מער שאָדן. האָט ער באַשלאָסן אָפּצו־שטעלן די עקזעקוציע און באַפוילן די סטרוזשקע, זי זאָל עפע־נען די טיר. ס'האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. נישט זעענדיק קיין פרייען אַרויסגאַנג, זענען די צעיושעטע בהמות אַרומגע־שפּרונגען איבער די שטויסן פאַשע און מעל מיט ריזיקע שפּרייזן. איין חזיר איז אַפילו אַרויף אויף די טרעפּ אויפן ערשטן שטאָק. ער האָט דאָרטן דערזען אַ קליין פענסטערל, וואָס גייט אַרויס אויפן הויף, און זיך געוואָרפן צום פענסטערל.

די עפענונג איז אָבער געווען אַביסל צו קליין. דער חזיר האָט זיך אַריינגעקוועטשט ביז אין דער העלפט און געבליבן הענגען אין דער לופטן. אַז דער פעטער האָט דאָס דערזען, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען אויף אונז, מיר זאָלן קומען צו לויפן און ראַטעווען דעם חזיר, ווייל אויב ער וועט געהרגעט ווערן, וועט ער האָבן נאָך מער צרות. קיינער פון אונז האָט אָבער נישט געוואַגט אָנצורירן אַ נבילה. נישט וואַרטנדיק קיין מינוט, האָט דער פעטער אַליין אָנגעכאַפּט דעם חזיר פאַרן עק מיט דער הילף פון אַ נאָז־טיכל און מיט אַלע כוחות האָט ער אים געצויגן צו זיך.

דער חזיר האָט זיך געריסן מיט מוראדיקע קולות. דער פעטער האָט אויסגעשפּיגן, אָבער ער האָט ווייטער געשלעפּט פאַרן עק. זעענדיק, אַז דער פעטער אַליין וועט זיך קיין עצה נישט געבן, האָבן מיר אים נאָכגעטאָן און געכאַפּט דעם חזיר פאַר די הינטערשטע פיס. מיר האָבן זיך באַמיט אים אַרויסצושלעפּן און צו פאַרמיידן אַ זעלבסטמאָרד. ס'האָט אָבער

גאָרנישט געהאָלפן. די בעסטיע האָט זיך אָנגעהאַלטן מיט די פאָדערשטע פיס, און מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג האָט ער באַזיגט די שטערונג פון דעם ענגן פענסטערל און פון אונ־זערע הענט, וואָס האָבן אים צוגעהאַלטן, און... און ער איז געגעבן אַ פאַל אַראָפּ. מיר זענען פאַרשטומט געוואָרן פון שרעק. וואָס איז אָבער געשען?

נאָכן ליקווידירן דעם געשעעניש, זענען מיר אַרויס אויפן הויף, און צו אונזער גרעסטער פאַרוווּנדערונג האָבן מיר נישט געטראָפן קיין שפור נאָכן זעלבסטמערדער... אַ חזיר איז אַלזאָ אויך אַמאָל אַ גוטער שפרינגער. דער פעטער האָט געסאָפּעט מיט כּעס. כ'האָב געמיינט, אַז ער וועט זיך אַ מעשה אָנטאָן. כ'האָב קוים געפונען די פענסטער און האָב זיי אים דערלאַנגט. ער האָט אויף מיר געקוקט פּשוט מיך אויפצוועסן. אַז ער איז געוואָרן בייז, איז גאָרנישט קיין וווּנדער: דער שפּייכלער האָט אויסגעזען, ווי ס'וואָלט אַריבערגעגאַנגען איבער אים אַ שטורעם־ווינט. עס איז מיר געווען ביטער אויף דער נשמה, האָב איך מיך גאַנץ גיך אָפּגעטראָגן פון קאַטאַסטראָפע־פּלאַץ, האָב איבערגעלאָזט דעם קרעכצנדיקן פעטער און בין אַוועק אויפן פּיעקעליק.

דאָס איז געווען מיין שלאָפצימער. אַלס מאַטראַץ האָבן מיר געדינט די ליידיקע זעק.

כ'האָב מיך געלייגט אויפן געלעגער און האָב באַלד איינגעדרעמלט. פּלוצלונג גיט מיר עמיצער אַ שלעפּ פאַרן פוס און שרייט, איך זאָל תּיכף גיין אויפרוימען די שפורן נאָך דער קאַטאַסטראָפע. דאָס איז געווען דער פעטער. איך האָב געענטפערט, אַז איך בין קראַנק, כ'קאָן נישט איינהאַלטן זיך פון שלאָפן, און דעריבער וועל איך נישט גיין. כ'האָב מיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און געוואָלט איינשלאָפן. דער פעטער האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט און מיך געשלעפּט פאַר אַן אַרבל. ער איז אַרויף אויפן לייטערל אַביסל העכער און דעריבער געקאָנט דערגרייכן ווייטער.

דאָס איז שוין געווען צופיל. איך בין אויפגעשפּרונגען

פון געלעגער און, אליין נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין רעכנונג פון מיין טאַט, האָב איך אים דערלאַנגט אַ זעץ אין אויער אַריין.

דער רעזולטאַט פון דאָזיקן זעץ איז פאַר מיר געווען אין גאַנצן אַן אומדערוואַרטעטער: קודם־כּל זענען אים אַראָפּגע־פאַלן די פּענסנע, און באַלד נאָך זיי האָט זיך דער פעטער אויסגעצויגן, אַזוי גרויס ווי ער איז, אויף דער פּאָדלאָגע.

די מהומה, וואָס איז דערנאָך אַנטשטאַנען, איז שווער צו באַשרייבן. דער פעטער האָט זיך געוואָרפן, ווי אַ גע־בונדענער. אויף זיינע קולות זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן נישט בלויז די הויז־מענטשן, נאָר אפילו די שכנים. די מומע האָט געקוויטשעט:

— כ'האָב דיר געזאָגט, אַז דער גנב וועט אונז ברענ־גען אַן אומגליק... גאַנץ גוט אויף דיר!... דו ווילסט מיך קיינ־מאָל נישט הערן!

און ווען זי האָט שוין אויסגעבראַכט דעם גאַנצן לאַגער מיט קללות, האָט זי אָנגעהויבן דערציילן, וואָס פאַר אַ „פוי־געלע״ איך בין און וואָס פאַר אַ שאָדנס איך האָב זיי געמאַכט אין שפּייכלער.

איך בין געלעגן אַן איבערגעשראָקענער אויפן פּיעקעליק און נישט גערירט מיט קיין איבר. איך האָב אַפילו נישט גע־וואַגט הויך צו עטעמען.

— וואָס טוט מען? — האָב איך מיר געטראַכט

מיין בעקעריש־טרעגערישע קאַריערע איז שוין, הייסט עס, פאַרביי! וואָס טוט מען ווייטער?

איך האָב מיר אָפּגעגעבן רעכענונג, אַז איך מוז מיך פון דאַנען אָפּטראָגן.

אָבער וווּהין?

אַהיים האָב איך פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט נישט געקאָנט צוריקפאָרן. דאָרטן וואָלט מען מיך נישט אַריינ־געלאָזט. טאָ ווו זשע דען?... וווּהין?...

מיט די דאָזיקע נישט פריילעכע געדאַנקען בין איך,

איינגעשלאָפן. ביז מיטאָג האָט מען מיך, ווי געוויינלעך, נישט געוועקט.

איך האָב מיך אַליין איבערגעוועקט, ווען עס האָט שוין געטונקלט.

כ'האָב מיך געוווּנדערט, אַז מ'האָט מיך ביז איצט געלאָזט צורו און קיינער שלעפּט מיך נישט אַראָפּ פון אויוון און שלאָגט מיך נישט...

טראָפּנס שווייס האָבן באַדעקט מיין לייב, און דער קאָפּ איז געווען ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. כ'האָב געשפּירט, אַז איך האָב היץ. כ'האָב מיך געפּרוווט אויפצוהייבן, איך האָב נישט געקאָנט. עס האָט זיך מיר פאַרדרייט אין קאָפּ. כ'בין געפאַלן אין אָנמאַכט און פאַרלאָרן דאָס באַוווּסטזיין...

ווען איך האָב צוריקבאַקומען דאָס באַוווּסטזיין, בין איך שוין געלעגן נישט אויפן אויוון, נאָר אויפן בעט און אַרום מיר פּאָרעט זיך עפּעס אַ מיידל. איך האָב זי דערקענט, — דאָס איז געווען די יינגערע שוועסטער פון דער באַלעבאָסטע, רחל.

איך האָב מיך נייגעריק אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס עס האָט אַזעלכעס געקאָנט טרעפן, אַז איך ליג איצט ביים פעטער אין שטוב אויף ווייך, ריין בעטגעוואַנט, אין אַלבאַסטער־ריינעם וועש.

מיין צוריקקומען צום באַוווּסטזיין און אויפוועקן זיך פון שלאָף האָט דאָס מיידל שטאַרק דערפרייט. פון איר האָב איך מיך אויך דערוווּסט, אַז אין דעם צימער געפין איך זיך שוין זינט אַ פּאָר טעג; אַז דער דאָקטאָר, וואָס איז גערופן געוואָרן, האָט איינגעפונען, אַז עס איז אַ געהירן־אָנטצינדונג. ווייטער האָט זי מיר דערציילט, ווי דער פעטער איז געשטאַנען איבער מיין בעט און געוויינט. ער האָט זיך אַליין געמאַכט פאָרווורפן, וואָס ער האָט מיך געהייסן אַזוי שווער אַרבעטן. אַפילו די מומע האָט פאַרגעסן וועגן אַלץ און איז געזעסן לעבן מיין בעט, און ווי זי האָט געקאָנט, האָט זי מיך אָפּגעהיט.

ווען כ'האָב דאָס געהערט, האָב איך מיר נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס כ'בין צום פעטער געווען אַזוי ברוטאַל. כ'האָב מיך פאַר רחלן געגומען פאַרענטפערן, אַז איך קאָן מיר אַליין נישט אָפּגעבן קיין חשבון, ווי אַזוי דאָס איז געשען, אַז איך האָב אַ קלאַפּ געגעבן דעם פעטער.

רחל האָט מיך באַרואיקט און געזאָגט, אַז דער פעטער און די מומע בייזערן זיך שוין נישט, ווייל זיי זענען געקומען צום באַשלוס, אַז איך האָב דאָס געטאָן, בעת איך בין געווען קראַנק. איבעריקנס, וועל איך מיך אַליין איבערצייגן דערין פון זייערע אייגענע ווערטער. דאָס זאָגנדיק, איז זי געלאָפן נאָך דעם פעטער מיט דער מומען.

אין אַ מינוט אַרום זענען זיי שוין געווען ביי מיר.

באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, האָב איך זיי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און געבעטן, זיי זאָלן מיר מוחל זיין. דער פעטער מיט דער מומען האָבן נישט געגעבן צו דערקענען, אַז זיי זאָלן פילן צו מיר אַ כעס, פאַרקערט, זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס דער קריזיס איז אַוועק און די געפאַר איז אַריבער. כ'האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז זיי זאָלן זיין אַזוי גוט צו מיר. עס איז מיר איצט אַ רחמנות געווען אויפן פעטער, וואָס איז מיט אַ בלאָען צייכן אונטערן אויג געשטאַנען לעבן מיר און האָט פריינטלעך געשמייכלט. ער האָט דערמאָנט, אַז זיי האָבן שוין געהאַט בדעה צו שיקן אַ דעפּעשע צום טאַטן מיט אַ ידיעה, אַז איך שטאַרב.

מעגלעך, אַז שפּעטער האָבן זיי באַדויערט, וואָס איך בין נישט געשטאָרבן...

איך באַדויער אַליין אויך! מען האָט מיך אָפּגעראַטעוועט פאַר שפּעטערדיקע יסורים און פיין. די יוגנט און דער שטאַרקער אָרגאַניזם האָבן באַזיגט די קראַנקהייט און איך בין גיך צוריקגעקומען צום געזונט.

עס איז אָנגעקומען אַפּריל.

דער פרילינג האָט זיך געשטעלט אַ הערלעכער. קיין שום אַרבעט האָט מיר דער פעטער נישט אָנגעוויזן. בכלל האָט

זיך זינט דער קראַנקהייט זיין באַציאונג צו מיר אין גאַנצן געענדערט. דער פעטער ווי די מומע זענען געווען צו מיר זייער גוט. און דאַן האָב איך זיי נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַריין. איך האָב מיך געשעמט מיט מיין האַנדלונג לגבי דעם פעטער. איך בין אַרומגעגאַנגען אַ פאַרמרה־שחורהטער. אַלע האָבן זיך באַמיט מיך צו באַרואיקן. און רחל האָט נישט אויפגעהערט מיך צו פלעגן, אַפילו נאָך דער קרענק. זי האָט זיך געזאָרגט וועגן מיר, ווי אַ געבוירענע שוועסטער. דאָס איז געווען אַ סימפּאַטיש, גענוג געבילדעט מיידל פון 18 יאָר.

טראָץ דער זאָרגפעלטיקער אויפזיכט, וואָס מען האָט איצט איבער מיר געהאַט, האָב איך מיך געפילט, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, נישט היימיש, און מיט יעדן טאָג בין איך געוואָרן אומעטיקער.

ביז איין מאָל האָט מיך דער פעטער צוגערופן און האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויב איך וויל צוריק אַהיימ־פאָרן, האָט ער גאָרנישט קעגן דעם. פאַרקערט, ער איז מודה, אַז ער איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט דערמיט, וואָס ער האָט מיך געוואָלט מאַכן פאַר אַ בעקער.

— די מאַמע האָט דיך צו איידל אויפגעצויגן, — האָט ער געזאָגט, — און איך האָב דאָס טאַקע נישט גענומען אין באַטראַכט. נאָך דער קראַנקהייט דאַרפסטו אויסרוען, און דאָ ביי מיר טוסטו זיך בלויז לאַנגווייליקן.

דאָ האָט ער מיך אויפמערקזאַם אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע ווער־טער וועלן אויף מיר מאַכן.

איך האָב נישט דרייסט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַלס צייכן פון הסכמה. צומאָרגנס האָט מיר די מומע געגעבן זעקס רובל אויף רייזע־הוצאות.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

אַהיים האָב איך מיך אָבער נישט געאײַלט. באַלד נאָכן געזעגענען זיך, וואָס איז אַריבער זייער אײַנדרוקספול, בין איך אַרויס אין גאַס אַרײַן, אָבער נישט כדי צו גיין צו דער באַן. כמעט אַ גאַנצן טאָג האָב איך מיך אַרומגעשלעפּט אָן שום ציל איבער דער שטאָט.

עס האָט דערצו מיטגעווירקט דאָס שיינע וועטער, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט, אין אָנהויב מאַי 1914.

עס איז געווען וואַרעם. אויפן האַרצן איז מיר געווען גאַנץ גוט. טראָץ דעם קלאָגעדיקן מצב, אין וועלכן איך האָב מיך געפונען, האָב איך מיך געפילט גאַנץ צופרידן פון מײַן לאַגע.

ענדלעך האָב איך נישט איבער זיך קיין שום אויפזיכט, האָב איך געטראַכט. איך האָב זיך געפילט ווי אַ פרייער מענטש און איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז איך קאָן שוין טאָן אַלץ, וואָס מיר געפעלט... דאָ מוז איך אונטערשטרייכן, אַז פון די קינדער־יאָרן אָן האָב איך שוין נישט ליב געהאַט עס זאָל עמיצער איבער מיר אַ דעה זאָגן, אַפילו די לאַנגווײַליקע און זאָרגפעלטיקע אויפזיכט פון מײַן פאַמיליע האָב איך אויך נישט ליב געהאַט. ווען איך פלעג באַגעגענען עפּעס אַ היימלאָזן יתום, האָב איך אים מקנא געווען מיט זיין פרייהייט.

ווען איך האָב מיך איצט אַרויסגעריסן פון די קייטן, וואָס האָבן מיך געשטיקט, האָב איך מיך דערפילט גליקלעך. איך האָב באַשלאָסן פון דאַנען אַוועקצופאָרן, אָבער נישט אַהיים, נאָר ערגעץ ווייטער, ווו קיינער זאָל מיך נישט קענען און איך אויך קיינעם נישט...

מײַן גאַנץ פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון אַ קליין פעקעלע, וואָס האָט אַנטהאַלטן פיר העמדער און אַ שבתדיקן אַנצוג, און אין דער קעשענע האָב איך געהאַט זיבן רובל מיט 50 קאָפּיקעס. די צוקונפט האָט מיך נישט געשראָקן; איך האָב

געגלויבט, אַז עס וועט זיך שוין עפּעס מאַכן און איך וועל מיך ווי עס איז איינאָרדענען.

פּאַר נאַכט בין איך אַריין אין אַ שענק און באַשטעלט נאַכט-עסן. איך בין געזעסן, זיך אַרומגעקוקט און אָבסערווירט די געסט, וואָס זענען אַריין- און אַרויסגעגאַנגען. דער עולם איז געווען נישט קיין געקליבענער. צום מערסטן איז ער באַשטאַנען פון אַרבעטער, באַלעגאָלעס און גאַסן-הענדלער. די שענק האָט גלייכצייטיק געדינט אַלס אַריינפאָר-פּלאַץ פאַר פּויערים, וואָס זענען אָנגעקומען פון נאָענט און פון ווייט.

דער רוב אָנוועזנדיקע זענען, ווייזט אויס, געווען שטאָם-געסט, ווייל זיי האָבן איינער דעם צווייטן באַגריסט, ווי אַלטע באַקאַנטע, און אָן לאַנגע הקדמות האָבן זיי זיך אַריינגעלאָזט אין געשפּרעכן.

עס האָט מיר אימפּאָנירט דער אָנבליק פון די אויפריכ-טיקע פּנימער און איך האָב אויך געפּרווט אָנצובינדן אַ גע-שפּרעך מיט מיין נאָענטסטן שכן, אַ באַלעגאָלע. ער האָט מיר גערן געענטפערט. פון אים בין איך דערגאַנגען, אַז זיין בריטש-קע וועט אין אַ שעה אַרום אָפּפאָרן אין דער ריכטונג פון דער שטאָט א. ס.

היינט וואָלט איך נישט געקאָנט דערקלערן, פאַרוואָס גראָד די דאָזיקע ידיעה האָט מיר דעמאָלט צוגעגעבן חשק, אַז איך זאָל צוזאַמען מיט אים אַהינפאָרן אין דער דאָזיקער שטאָט אַריין.

אַזוי ווי איך האָב געטראַכט, אַזוי האָב איך טאַקע גע-טאָן. אין אַ שעה אַרום, אָדער אַביסל שפּעטער, בין איך שוין געזעסן לעבן דעם דראָזשקאַזש אויף די קאָזלעס. כדי צו פאַר-קירצן די צייט פון דער לאַנגער נסיעה, האָב איך מיך אַריינ-געלאָזט מיטן דראָזשקאַזש אין אַ געשפּרעך. אין לויף פון גע-שפּרעך האָב איך אים דערציילט מיין לאַגע. ער האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער מיך געפרעגט, צי איך קאָן מיך באַגיין מיט פערד. פּינק-דיק אַביסל צו וואָס ער צילט, האָב איך אָן קווענקלעניש

אַרויסגעשאָסן, אַז איך קען מיך דערויף. כּדי איך זאָל אים אָבער נאָך מער איבערצייגן דערין, האָב איך ווייטער געהאַקט שקרים, אַז מיין טאַטע איז אויך געווען אַ פורמאַן. ער האָט אַ קוק געגעבן אויף מיר מיט חשד, ווי ער וואָלט זיך נישט געגלויבט. אָבער באַלד האָט ער געזאָגט:

— אויב דו ווילסט, וועל איך דיך נעמען צו די פערד; איך האָב צען שטיק. איך האָב אויך אַ פּאָר דראָזשקעס. איך פאַרדינג זיי. אויב דו וועסט נישט זיין קיין שלימזל, וועט דיר ביי מיר גוט זיין. אויב דו וועסט טויגן, וועל איך דיך האַלטן אַפילו אויף קעסט.

אָן וואַקלעניש האָב איך מסכּים געווען אויף דעם פּאָר־שלאַג. דערנאָך האָב איך אויסגעהערט אַ לאַנגע תּורה, ווי איך דאַרף מיך באַגיין מיט די פערד, וואָס פאַר אַ פליכטן איך וועל האָבן א. אַ. וו. צום סוף האָט ער מיך ווידער גענומען אויפן פאַרהער: פון וואַנען איך קום און ווער מיינע עלטערן זענען. איך האָב אים אָנדערציילט נישט געשטויגענע זאַכן. דערפון איז בלויז איין זאַך געווען אמת, אַז איך בין אַ יתום, מיט דעם איינעם אונטערשיד אָבער, וואָס איך האָב אים גע־זאָגט, אַז איך האָב קיין טאַטן אויך נישט. נאָך יעדן ענטפער מיינעם האָט ער עפּעס נישט דייטלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ. אפשר האָט ער נישט געגלויבט, אַז איך בין אַ זון פון אַ דראָזשקאַזש; דאָס האָט אָבער גאָרנישט געשטערט, מיר זאָלן קומען צו אַ לעצטגילטיקער פאַרשטענדיקונג.

נאָך אַ נסיעה פון אַ גאַנצער נאַכט, זענען מיר שפּעט אין דער פרי געשטאַנען אויפן אָרט. נאָך אַ קורצן אָפּרו האָב איך איבערגענומען די פאַר מיר נייע פונקציע פון אַ דראָזש־קאַזש. איידער איך וועל אָבער דערציילן וועגן די ווייטער־דיקע פּאַסירונגען, מוז איך נאָך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן מיין באַלעבאָס.

דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַ ריזיקן וווקס און שמשון הגבּורס גבורה. ער איז געווען אין גאַנצן שוואַרץ באַוואַקסן און די לאַנגע באָרד דערצו האָט אים גיכער גע־

מאַכט ענלעך צו אַ ציגיינער, ווי צו אַ ייד. אויף זיין געשריי האָבן געציטערט נישט בלויז מענטשן, נאָר פערד אויך. ער איז געווען אַרבעטסזאַם. זעלטן האָב איך געזען, ער זאָל זיך אָפּרוען. שטענדיק איז ער געפאָרן מיט דראָזשקעס צווישן די שטעט א., ס. און ס... דעם דאָזיקן וועג האָבן באַדינט זעקס פון זיינע בעסטע פערד. צו הילף האָט ער געהאַט בלויז איין יינגל.

צו מיר איז אַריינגעפאַלן אַ קאַרע פערד, אַ געוועזענער „דראַגונער". איך בין זיכער געווען מיט אים אין איין עלטער. ווען איך בין אַלזאָ נאָך געווען אַ יינגעלע און האָב ערשט אָנגעהויבן צו לעבן, איז שוין דאָס אָרעמע פערד געווען אַן אויסגעדינטס און עס האָט געפירט אַ קנאַפּ-בכבודיק לעבן פון אַ יידישער שקאַפּע. אונזער גורל און אונזער מערכה זענען געווען גלייכע. מיר האָבן געדאַרפט פירן פון וואָקזאַל פּאַסאַזשירן.

ווען איך האָב שוין איינגעשפּאַנט דאָס פערד, האָט דער באַלעבאָס געהאַלטן פאַר נויטיק מיך נאָך מער צו באַקענען מיט די סודות פון באַלעגאָלישן פאַך.

— די הויפּט-זאַך, — האָט ער געזאָגט, — איז דאָס פערד. דעם פּאַסאַזשיר מוז מען אימפּאָנירן דערמיט, וואָס מען גיט ממזריש און קנאַקעריש אַ פאַר אונטער מיט דער דראָזשקע. אַלזאָ... נישט קאַרגן די בייטש. ווען די שקאַפּע וועט פּגרן, וועט מען קויפן אַ צווייטע... פאַרשטייט זיך, מען מוז זיך באַמיען, דאָס פערד זאָל זיין זאַט...

דאָ האָט ער אויף מיר אַ קוק געגעבן אויסדרוקספול, נישט זיכער, צי איך האָב פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס גייט אים. איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אַלס צייכן, אַז איך פאַרשטיי אויסגעצייכנט, — איך בין דאָך עפּעס נישט בחינם געזעסן אין תפיסה...

— געדענק, — האָט ער ווייטער געדרשנט, — אַז דו וועסט נישט זיין קיין שלימזל, וועסטו אויף אַ גלעזל שנאַפּס אייביק פאַרדינען. מיט די פּאַסאַזשירן דאַרף מען זיך באַגיין

זייער גוט און עס טאָר זיי גאָרנישט פאַרלאָרן גיין!... אָבער אויף דער סטאַציע, אַז עס וועט דיר אַמאָל געלינגען עפּעס אַראָפּצוציען, דאָס שאַדט נישט... נאָר פאָרזיכטיק, ווייל עס שמעקט מיט קרימינאַל.

— אויב עס טרעפט זיך אַ פּרעמדער פּאַסאַזשיר, דאַרף מען „טרייבן" די טאַקסע דרייפאַך. און אויב ער האַנדלט זיך, לאָז בלויז דעמאָלט אַראָפּ, ווען עס איז נישטאָ קיין פאַרשוינען... אין דעם לעצטן פאַל קאָן מען אַראָפּלאָזן אַפילו נידעריקער פון דער טאַקסע.

נאָכן ענדיקן דעם „שיעור" האָט ער מיר געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, אַז עס האָט מיר אַזש געקנאַקט אין די געלענקען, און ער האָט געהייסן רירן פון אָרט.

בין איך, הייסט עס, געוואָרן אַ דראָזשקאַזש.

אין אָנהויב איז מיר די אַרבעט גאַנץ גוט געפעלן. נאָר אין אַ חודש אַרום האָב איך עס שוין געהאַט גענוג. עס האָט מיך שוין נישט באַפרידיקט די קאַרגע הכנסות, וואָס איך האָב געצויגן פון באַלעגאָלישן פאַך. דער קרייז פון מיינע באַקאַנטע האָט זיך באַדייטנדיק פאַרגרעסערט און דערמיט אויך די הוצאות. איך האָב מקנא געווען מיינע חברים, ווען איך האָב געזען, אַז זיי גייען שיין אָנגעטאָן, אַז זיי שפּאַצירן און ווילן זיך פריילעך מיט שיינע מיידלעך און אַפילו גרעסערע חשבונות מאַכן אויף אויף זיי נישט קיין איינדרוק.

איך האָב מיך אָנגעשטויסן, פון וואַנען אַנדערע פון זיי שעפּן זייערע פאַרדינסטן.

איך האָב אויך געגאַרט נאָך אַ זאָרגלאָז לעבן. אַ געוויסע צייט האָב איך געקעמפט מיט זיך. איך האָב געפילט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועל איך מיך אונטערגעבן דעם רייץ.

און ווירקלעך, איך האָב מיך נישט באַוויזן אומצוקוקן, ווי איך בין אָן מיין ווילן ביסלעכווייז אַריינגעצויגן געוואָרן אַלס שותף אין אַזעלכע אונטערנעמונגען, וואָס אין פאַל ווען זיי וואָלטן נישט געלונגען, וואָלטן זיי געדראָט מיט קרימינאַל.

איינמאָל האָב איך, לויט אַ באַפעל פון מיין שעף, גע-

דאָרפֿט אַוועקפֿירן דריי „אָרנטלעכע געסט" — ווי מיין באַלע־באָס האָט זיך אויסגעדריקט — אַ 18 קילאָמעטער. די דריי חברה־לייט זענען געווען יונגעלייט, ווירקלעך אָנשטענדיק געקליידעט, סימפּאַטישע און אויפגערוימטע.

אויפֿן באַשטימטן „אָרט" זענען מיר אָנגעקומען צוועלף אַזייגער ביינאַכט. איך זאָג אויפֿן „אָרט", כאָטש די דאָזיקע באַצייכענונג איז נישט אין גאַנצן ריכטיק, ווייל מען האָט מיך געהייסן אָפּשטעלן זיך ביי אַ בוים, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן וועג, און וואַרטן ביז זיי וועלן צוריקקומען. דערביי האָבן זיי מיך געלערנט, ווי איך דאַרף מיך פֿאַרהאַלטן אין פֿאַל פֿון אַ „שחור" (שחור באַדייט אויף גנביש־לשון, אַז מען כאַפּט אַ גנב ביי דער גניבה, וואָס איז אויך אַ וואָרנונגס־צייכן). אַוועקגייענדיק האָבן זיי פֿאַרטיילט צווישן זיך זייערע אָריגי־נעלע אינסטרומענטן, וואָס איך האָב ביז דעמאָלט גאָר נישט געקענט.

ווען זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, בין איך געבליבן אַליין אויף די קאָזלעס, פֿול מיט שרעק און אַלערליי נישט פֿריילעכע געדאַנקען. איך האָב מיך מורא געהאַט אַפֿילו צו רירן. די צייט האָט זיך פֿאַרצויגן אומדערטרעגלעך. עס זענען פֿאַרביי שעהן און זיי זענען נאָך אַלץ נישט געווען. איך האָב אויפֿ־געכאַפּט מיטן אויער די מינדעסטע אָפּקלאַנגען, ביז איך האָב ענדלעך דערהערט איילנדיקע טריט און פֿון די שאָטנס פֿון דער שוין אָפּטרעטנדיקער נאַכט האָבן זיך אַרויסגעשניטן די פֿיגורן פֿון מיינע פּאַסאַזשירן. זיי האָבן געשלעפּט מיט זיך אַ גענוג שווערע וואַליזע.

זיי זענען אַריינגעשפּרונגען אין דער דראָזשקע און האָבן געהייסן יאָגן, וויפֿל די פֿערד וועלן נאָר באַוויזן. מען האָט מיר דאָס נישט געבראַכט צוויי מאָל איבערצוחזרן, ווייל איך האָב אַליין געוואָלט וואָס גיכער פֿאַרלאָזן דאָס אָרט, ווו איך האָב איבערגעלעבט אַזוי פֿיל שרעק און אומזיכערקייט. איך האָב געשמירט מיט דער בייטש און די פּאָר פֿערד, אויס־גערוטע „באַלעבאַטישע פֿערד", האָבן זיך געריסן פֿון די קאָ־

פיטעס, און גאַנץ גיך זענען מיר שוין געווען ווייט אַוועק פון אָרט פון דער „אַרבעט" (מיטן אויסדרוק „אַרבעט" באַצייכנט אַ גנב אַ פאַכמענישע גניבה).

די פערד זענען איצט געלאָפן פאַמעלעכער. איך האָב איצט געהאַט די מעגלעכקייט אויפמערקזאַם אונטערצוהערן זיך צום געשפּרעך, וואָס מען האָט הינטער מיר געפירט. איך האָב שוין נישט געהאַט קיין שום צווייפל בנוגע דעם כאַראַק־טער פון דער „אַרבעט". זיי האָבן אָפן געמאַכט צווישן זיך „פאַכמענישע" באַמערקונגען. אַממערסטן איבערצייגנדיק איז אָבער געווען די מתנה, וואָס מען האָט מיר געגעבן אין דער פאָרם פון אַ זילבערנעם זייגערל מיט אַ גאָלדערנער קייטל. כדי צו אַנטשפּאַנען די נערוון האָט מען מיך נאָך מכבד געווען מיט אַ שנאַפּס און אַ שטיקל ווורשט.

צו ענלעכע אונטערנעמונגען האָב איך, לויטן באַפעל פון מיין באַלעבאָס, געהערט עטלעכע מאָל. יעדעס מאָל האָב איך באַקומען אַן אַנטשפּרעכנדיקע געלט־באַלוינונג און פאַרשידענע ווערטפולע קלייניקייטן. איך מוז אָבער מודה זיין, אַז קיין נוצן האָב איך פון דעם לייכטן פאַרדינסט נישט געהאַט. געוויינלעך האָב איך עס פאַרשפּילט אין קאָרטן אין די נעסטן פון דער פאַרברעכער־וועלט. דאָרט אַהין האָב איך, אַ דאַנק די נייע באַקאַנטע חברימלעך, וואָס אַמאָל אָפּטער אָנגעהויבן אַריינצושמעקן.

ווען איך האָב פאַרשפּילט, האָב איך מיר דערפון גאָר־נישט געמאַכט. איך האָב געוווּסט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך ווידער „פאַרדינען". איך בין מער צופרידן געווען דערפון, וואָס מען האָט מיך באַשאָנקען מיט פאַרטרויען און איך בין אַ גאַסט פון דער אָדער יענער גנבישער „מלינה".

די ערשטע טיפערע באַקאַנטשאַפט מיט דעם דאָזיקן וועלטל, וואָס איך האָב איצט געמאַכט אויף דער פריי, מיט וועמעס פאַרטרעטער איך האָב מיך פריער געהאַט באַגעגנט בלויז אין די תפיסה־מויערן, האָט איצט געמאַכט אויף מיר אַן אומגעהייערן איינדרוק און האָט מיך געצויגן צו זיך מיט איר

געהיימניספולקייט. עס איז מיר געפעלן דאָס דאָזיקע זאָרג־לאָזע לעבן, וואָס די מענטשן האָבן געפירט, נישט טראַכטנדיק וועגן מאָרגן.

איך ווייס שוין אַליין נישט, ווי אַזוי עס איז געשען, אַז אַ געווויסן טאָג האָב איך געזאָגט מיין אַרבעטס־געבער, אַז מער וועל איך ביי אים נישט באַלעגאַלעווען.

ווען ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך נישט שטאַרק געוווּנדערט, ער האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס איך בין אויסן. ווייל איך בין אָבער געווען פאַר אים זייער נוצלעך, נאָך מער ווי ער האָט עס דערוואַרט, האָט ער געפרווט די זאַך דער־ליידיקן מיט אַ פשרה: ער האָט מיר צוגעזאָגט צו העכערן די שכירות. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו געבן צו פאַר־שטיין, אַז ווען מען וויל זיין אַ גנב, מוז מען זיך מיט עפּעס באַשעפטיקן, מיט וואָס עס זאָל נישט זיין, ווייניקסטנס בלויז „פאָרן אויג", כדי די פּאָליצײ זאָל נישט טשעפּען. ווייל אויב די „מענטשן" (פּאָליצײ) דערקענען, אַז איינער „אורקעוועט" (גנבעט) פּראָפעסיאָנעל, דאַן גיבן זיי אים נישט קיין מנוחה, און אויף יעדן טריט הויבן זיי דיך אָן צו פאַרפאָלגן. זיי פאָדערן כסדר „מאָנע" (געלט), אַזוי אַז שפּעטער קומט אויס בלויז צו אַרבעטן פאַר זיי.

— איך האָב עס אַליין מיטגעמאַכט אויף מיין אייגענער הויט, — האָט ער געזאָגט און בעת־מעשה זיך פאַרטראַכט. — יונגערהייט בין איך שוין געזעסן אין „קיטש" (תפיסה) צוויי מאָל. שפּעטער האָט מיר דער אויבערשטער געהאָלפן און איך האָב „פאַרדינט" אַ שיינע מטבע. איך האָב חתונה געהאַט און אָנגעהויבן באַלעגאַלעווען. אין אָנהויב האָבן מיך די „מענטשס" נאָך געפרווט צו פאַרפאָלגן, נאָר זעענדיק, אַז איך אַרבעט, האָבן זיי געמיינט, אַז איך פיר שוין אַן אָרנטלעך לעבן און האָבן מיך צו רו געלאָזט, פונדעסטוועגן, דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, עס פאַרדינט זיך נאָך מער ווי אַמאָל. פאָלג מיך, און עס וועט דיר גוט זיין; פאָרן אויג זײ ביי מיר, און פון דער זייט וועסטו קאָנען „פאַרדינען" און קיינעמס אויפמערקזאַמקייט

וועסטו אויף זיך נישט לענקען. איך ווייס, — האָט ער געזאָגט, — אַז צווייִנאַס (אַ צונאָמען) רעדט דיך אָן, אַז דו זאָלסט ווערן ביי אים אַ „פערדל" (אַ לערן־ייִנגל ביי אַ גנב; אַ לענגערע צייט פּראַקטיצירט ער אָן רעכט צו דער „חלוקה"). זיין שוועסטערל שאַרפט שוין פון לאַנג אויף דיר די ציינדלעך. מילא, איז עס זייער זאַך, וואָס דו ווילסט פון מיר אָוועקגיין. נאָר, גלויב מיר, אַזוי ווי איך בין אַ ייִד, אַז אויף דער פריי וועסטו לאַנג נישט אַרומטאַנצן, דאָס צוטרעטן צו זיין באַנדע וועט דיך באַלד אומגליקלעך מאַכן, ווייל די „מענטעס" קענען אים גוט.

די אַלע וואָרענישן האָבן אָבער נישט געענדערט מיין באַשלוס. דאָס געשפּרעך מיט „צווייִנאַסן", ווי מיין באַלעבאָס האָט זיך טאַקע אָנגעשטויסן, האָט געווירקט, אַז מיין באַשלוס זאָל זיין לעצטגילטיק. טאַקע פון „צווייִנאַסן" האָב איך מיך דערוווּסט אָט וואָס:

— אומזיסט ריזיקירסטו, — האָט צווייִנאַס געטענהט, — די „חלוקה" פון דער „אַרבעט" נעמט צו דיין באַלעבאָס, וואָס זיצט אין שטוב. אין דער זעלבער צייט איז ער אויך אַ פּאַסער און ער ווערט אַלזאָ רייך אויף גנבימס בלוט. אין דיין חלק פאַלן אַריין קוים אַ פּאָר נישטיקע גראָשנס. דו זאָגסט אים גאָרנישט, האַלט ער דיך דעריבער פאַר אַן אָרנטלעך ייִנגל. דעריבער טאַקע וועט דער באַלעבאָס דיך נישט אַזוי לייכט אָפּלאָזן. ער ווייסט אויך, אַז אויף דיר האָט ער זיך געקאָנט פאַרלאָזן און האָט דיר געקאָנט געטרויען די אַלע „יאַזדעס". נאָר זיי נישט קיין „פרייער". דו ביזט מער ווערט. דו וועסט נאָך זיין אַ וואַזשנער „יונה" (אַן אינטערנאַציאָנאַל גנבל). דו האָסט אַלע מעלות, וואָס מען דאַרף דערצו. מען דאַרף נאָר דו זאָלסט אַריינפאַלן אין גוטע הענט אַריין. ווייל דו זעסט, אין אונזער פאַך איז נויטיק שטאַרקייט, קאַלט בלוט און צו האַלטן די צונג צווישן די ציין. די דאָזיקע מעלות האָסטו, ווי איך האָב באַמערקט, דעריבער געפעלסטו מיר. איך בין אַפילו גרייט אַריינצונעמען דיך צו זיך.

ער האָט מיר אויך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויך זיין שוועסטער האָט זיך מיט מיר פאַראינטערעסירט.

צי האָב איך קענן אַזעלכע אַרגומענטן געקאָנט בלייבן ביים דראָזשקאָזש? איך מוז מיך אַפילו דאָ מודה זיין, אַז נישט אַזוי ווייט דער חשק צו ווערן אַ שותף צו „צווייגאַסן" האָט מיך געצויגן, ווי עס האָבן מיך פאַרכישופט די שוואַרצע אויגן פון זיין 18־יעריקער שוועסטער. זיי זענען אויך געווען די הויפּט־סיבה, וואָס איך האָב אָפּגעזאָגט דעם פּאָסטן.

אין זעלבן טאָג נאָך איז ביי „צווייגאַסן" אין שטוב צוזאַמען מיט זיינע שותּפים געשלאָסן געוואָרן חברשאַפט. לויט אַלע דינים האָט מען אויסגעליידיקט אַ פּאָר פלעשער שנאַפּס און צובייס און געטרונקען אויף „ברודערשאַפט".

באַלד בין איך אויך איבערגעגאַנגען אונטער דער זאָרג־פעלטיקער אויפזיכט פון „צווייגאַסעס" שוועסטערל, און איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב מיך דערפילט ווי אין גן־עדן.

דאָ מוז איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער „נעטער געזעלשאַפט", אין וועלכער איך האָב מיך געפונען. אָט דער „צווייגאַס", ווי די חברים האָבן אים גערופן און אונטער וועלכן פסעוודאָנים ער האָט אויך פיגורירט אין די פּאָליציי־אישע קאַרטאָטעקעס, איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער איינברע־כער פון אַן ערך 30 יאָר אַלט. ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט דער מוטער און 2 שוועסטערס, פון וועלכע איינע איז געווען אַ „קאָנטראָלנע" און האָט געפירט איר „פּאַך" מיט דער־פאָלג, אַנדערש געזאָגט, זי איז געווען אַן „אָפּיצערסקע" און מיט קיין ביליע לאַטעק, ווי זי האָט דערקלערט, וואָלט זי קיינמאָל נישט געגאַנגען. און מחמת דעם, וואָס אין דער דאָזיקער שטאָט איז געשטאַנען אַ סך מיליטער, צווישן וועלכע עס זע־נען דאָך דאָ אָפּיצירן, איז דאָס געשעפט טאַקע געגאַנגען ווי געשמירט.

מיין אָנטייל דערין קאָן מען אָנרופן בלויז אַ פּאַסיוער און האָט זיך באַגרענעצט מיט אויסטרינקען אַ פּאָר גלעזלעך

שנאַפּס, ווייל איך בין געווען פאַרנומען מיט מיין האַנקע. ביי איר זייט איז מיר זיס פאַרביי דער דאָזיקער האָניק־חודש.

די צווייטע שוועסטער, די 18־יעריקע, האָט זי פאַרפירט. זי האָט זיך אַליין געגעבן און איז נישט געווען אַזוי פאַר־דאַרבן, ווי איר שוועסטער.

זי האָט זיך מיר אַליין פאַרטרויט, אַז זי האָט שוין גע־האַט אַ חתן, וואָס האָט זי פאַרפירט. זי האָט זיך אַליין גע־געבן דאָס וואָרט, אַז פון מענער וועט זי זיך האַלטן ווייט, מחמת דעם אָבער, וואָס איך בין איר זייער געפעלן געוואָרן, האָט זי באַשלאָסן נאָך איינעם אויסצופּרובירן. ווען זי וועט זיך איבערצייגן, אַז איך בין ווערט איר האַרץ, דע־מאָלט וועט זי מיך באמת ליב קריגן און איך וועל זיין דער לעצטער מאַנספּאַרשוין, וועמען זי וועט נאָר גלויבן.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

די ערשטע טעג האָב איך מיך אין דעם דאָזיקן „אָנשטענדיקן הויז" געפילט אַביסל אומהיימיש. עס האָבן מיך קרעמפּירט די איבערגעווינלעכע „מנהגים", וואָס האָבן דאָ געהערשט. נאָך אייניקע טעג בין איך אָבער געוואָרן דרייסטער און האָב ביס־לעכווייז גענומען אָנטייל אין די אָרגיעס, וועלכע זענען דאָ גאַנץ אָפט פאָרגעקומען ביי נאַכט, אונטער דער פאַכמענישער אָנפירונג פון דער עלטערער שוועסטער.

מיין „שוואָגער" „צוויינאַס" האָט געהאַלטן פאַר נויטיק מיך צו לאָזן אָפּרוען. אין משך פון דער דאָזיקער צייט האָב איך מיך צוגעהערט צו זיינע פאַכמענישע לעקציעס און איך מוז מודה זיין, אַז איך האָב זיי געהערט מיט אַ גרעסערער אויפמערקזאַמקייט, ווי אַמאָל דאָרט, אין דער ישיבה.

ביי די לעקציעס האָט ער אָנגענומען אַ מינע פון אַ שטרענגן פּראָפעסאָר, וואָס ס'האָט פון אים געמאַכט אַ לעכער־

לעכע פיגור, פשוט אַ קאַריקאַטור. נישט מערקנדיק אָבער גאָרנישט, האָט ער אָנגענומען אַן אַנטשפּרעכנדיקע פּאָזע און מיט גרויס פּאַך־קענטעניש האָט ער מיר געוויזן, ווי מען דאַרף זיך נעמען צו דער זאַך, וואָס פאַר אַ געברויך צו מאַכן פון דעם אָדער יענעם אינסטרומענט, ווי אַראָפּצוררייסן אַ שלאָס, ווי צו אַרבעטן מיט אַ נאָכשליסל א. אַ. וו., א. אַ. וו.

טיילווייז האָב איך די פּראַקטיק געקאָנט אויספירן באַלד אויפן אָרט, צו דעם צוועק האָט ער מיר געגעבן אַ נאָכשליסל און האָט פאַרמאַכט פאַר מיר די טיר. נאָך אייניקע פּרוּוון האָב איך אָפּגעגעבן מיין עקזאַמען אויפן בעסטן אופן. דער פּראָפעסאָר איז פון מיר געווען צופרידן.

אין משך פון אַ פּאָר לעקציעס האָב איך שוין אויסגע־צייכנט באַהערשט דעם „גריף”, ווי צו אָפּערירן מיט די ווײַ־ניק־קאָמפּליצירטע „וויטריכס”, וואָס עס איז אַזוינס אַן איינציקער „וויטריך” און אַ דאָפּלטער.

— געדענק, — האָט ער געזאָגט, — אַז אַ גוטער גנב דאַרף קאָנען אויספירן אַלע גניבות, אָנהויבנדיק פון דער קלענסטער און ענדיקנדיק מיט אַ געפּאַנצערטן „קאַסטן”. די הויפּט־זאַך, דו זאָלסט קאָנען אין אָנהויב אָפּערירן מיטן בראָכשטאַנג און אויפשליסן אַ געוויינלעך שלאָס, צו וועלכן מען באַנוצט אַן איינצלנעם וויטריך און אַ „מאַסקאַט” (אַ דאָפּלטער וויטריך). שפּעטער וועט דיר שוין לייכטער זיין צו באַקענען זיך מיט אַלע אַנדערע שלעסער, ווי: פּאַטענטירטע, ענגלישע, פראַנצוי־זישע א. אַ. וו. און די הויפּט־זאַך געדענק, אַז דו זאָלסט נישט זיין קיין „סליחהנער” (זאָלסט נישט פאַרראַטן די גנבים־געהיימניסן). ווייס אויך וועגן דעם, אַז אַ „מענטש” (פּאָליציאַנט) איז אונזער ערגסטער שונא. ווען ער נעמט אַפילו ביי אונז „בלאַט” (אויס־קויף־געלט), זאָלסטו אים אַפילו דעמאָלט נישט געטרויען. דו קוק נישט דערויף, וואָס ער טרינקט צוזאַמען מיט אונז. ער איז אַ גוטער ביז אַ געוויסער צייט. צען מאָל וועט ער דיך אָפּ־לאָזן, אָבער ווען דו וועסט אים ביים עלפטן מאָל נישט געבן

אין יד אַריין, וועט ער באַלד „פאַרשיטן" און וועט דיך אַריינפּאַקן אין „קיטש" (תּפיסה). האַ, חבר, — האָט ער זיך צעלאַכט, — דו ווייסט נאָך נישט, וואָס דאָס איז אַ תּפיסה, אָבער איך קען דאָס שוין גוט. זאָל עס דער טייוול נעמען, בר־בר־בר,—ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט דערביי, ווי אַ שוידער וואָלט אים דורכגעגאַנגען.

איך האָב מיך געוואַקלט, צי זאָל איך אים דערציילן, אַז איך בין שוין נישט קיין „פרייער" און איך בין שוין געזעסן אין „קיטש", צי זאָל איך אים נישט דערציילן.

נאָך דעם, ווי איך האָב מיך איבערגעלייגט, האָב איך אים דערציילט וועגן מיין פּאַסירונג... איך האָב זיך אָבער פאַרווונדערט, ווען איך האָב באַמערקט, אַז אָנשטאָט מיך צו גלויבן איז עפּעס ווי אַ שאָטן פון אומצופרידנקייט דורכגעלאָפן דורך זיין פּנים. ער האָט מיך באַטראַכט אויפמערקזאַמער און צוגעגעבן נישט ווילנדיק, אַז ער וואָלט מיך בעסער געוואָלט זען אַלס „פרייער".

איך האָב אים געגעבן רעכט; איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס איז אים געגאַנגען אין דעם, אַז זיינע געהילפן זאָלן וואָס ווייניקער זיין באַקאַנט דער פּאָליציי.

נאָכן דורכגיין דעם טעאָרעטישן קורס האָב איך געוואַרט מיט אומגעדולד און גלייכצייטיק מיט שרעק, ווען איך וועל גערופן ווערן מיטצואַרבעטן און אַרויסצווייזן זיך ביי דער פּראַקטיק.

לאַנג האָב איך נישט געוואַרט.

אין אַ געוויסן טאָג אין דער פרי האָט „צוויינאַס" געהייסן זיך צוגרייטן. ער האָט דערביי אונטערגעפּאָנפּעט, אַז אויף איינער פון די פּאַראַדנע גאַסן איז דאָ „אַרבעט". מיר האָבן מיטגענומען דאָס נויטיקע געצייג און מיר זענען אַוועק אויפן אָרט. אַ געוויסע צייט האָבן מיר שפּאַצירט פאַר אַ גרויס פיר־שטאָקיק הויז. דער „מייסטער" האָט אַלע מינוט געקוקט אויפן זייגער און איז געווען אומגעדולדיק. ווארשיינלעך האָט עפּעס נישט געשטימט.

זיין נישט־דייטלעכע האַלטונג האָט אויך אָנגעהויבן צו ווירקן אויף מיר. דאָס האַרץ האָט מיר מוראדיק געקלאַפּט און איך האָב נישט געקאָנט צוזאַמענעמען די געדאַנקען.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע באַוווּסטזיניקע גרייטן זיך צו אַ גניבה, וואָס איך האָב טאַקע געזאָלט אויספירן אונטער דער לייטונג און לויט די אָנווייזונגען פון „צווייגאַסן".

פאַר די אויגן איז מיר ווידער געשטאַנען מיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט: די מאַמע, דער טאַטע, דאָס חדר, די אויפּ־זעערין, דאָס פאַרברענגען אויפן דאָרף, די ערשטע ליבע און די תּפיסה, ווייטער דעם פעטערס בעקעריי און די געשיכטע מיט די חזירים...

ווער ווייסט, ווען נישט די חזירים, וואָלט איך אפשר ווייטער רואיק געמישט די קלייען. איצט האָב איך געפילט, אַז איך בין אין גאַנצן אַראָפּ אויף אַ מיאוסן וועג, אַז איך טו דייער שלעכט.

איך, אין ווען די מאַמע האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל האָפענונג, בין איצט געפאַלן אַזוי נידעריק... די געוויסנס־פלאָגן האָבן אָנגעהויבן צו בויערן אין מיין נשמה, צו רופן מיט אַ הויכער שטימע, איך זאָל צוריקקערן, כּל־זמן עס איז נאָך צייט.

גייענדיק נאָך דעם דאָזיקן רוף, האָב איך שוין געוואָלט אַנטקומען ערגעץ און אַנטלויפן וואָס ווייטער. אָבער אין דעם דאָזיקן אַנטשיידנדיקן מאָמענט האָבן שוין אַטאַקירט אַנדערע כּוחות, בייזע כּוחות, און זיי האָבן, נאָך אַ קורצן קאַמף, באַ־זיגט מיין ווילן. ווי אַ היפּנאָטיזירט שעפּסל פאַר אַ וואָלף, האָט ער זיך צונויפגעקאָרטשעט אין זיך, ווען עס האָבן זיך נאָר באַוויזן די אויגן פון דער מאַמען און — די אויגן פון דער געליבטער, וואָס האָבן געלאָקט מיט זייער ענדלאָזער טיפקייט און פאַרזיכערט אַ הימלישע זיסקייט...—זי קוקט אַוודאי איצט אַרויס אומגעדולדיק פון פענסטער און וואַרט אויף מיין צוריקקומען... און אפשר וואַרט זי בלויז אויף מיין רויב ?... איבעריקנס, צו וואָס ברעך איך מיך אַזוי דעם קאָפּ, וואָס עס וועט זיין. צי

דערוואַרט מיך דען נישט דער אייגענער סוף אַזוי גוט מיך... ווי...

פון די דאָזיקע מחשבות האָט מיך אַרויסגעריסן דאָס הוסטן פון מיין שותף, וועלכער האָט געשפּאַנט האַרט הינטער מיר. איך האָב מיך אומגעקוקט. ער האָט אויף מיר געוווּנקען, אַז איך זאָל מיך אויסדרייען און אים נאָכגיין. ער האָט גראַד דערזען פּאַר זיך אַ „מענטש" און ער האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל אים דאָ באַמערקן.

אַביסל שפּעטער זענען מיר אַריין אין אַ קאָרידאָר און אַרויף ווייטער מיט די טרעפּ אויף דעם צווייטן שטאָק. דאָ האָט מיך דער שותף נאָכגעפירט הינטער זיך און געוויזן אַ טיר. איך האָב אַ קוק געגעבן: אַן אויפשריפט: „אינזשי-ניער אַרכיטעקט ס. פּ.". דער שותף האָט אַריינגעקוקט דורך דעם שליסל-לאָך, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט און מיר זענען ביידע אַראָפּ.

— הער מיך אויס און גיב גוט אַכטונג, — האָט ער מיר געפּליסטערט אין אויער אַריין, ווען מיר זענען אַראָפּ אין גאַס. — איצט האָסטו אַ געלעגנהייט אַרויסצווייזן דיינע פעאי-קייטן און דו וועסט אויך גוט פאַרדינען. געדענק גוט וועגן דעם, וואָס איך וועל דיר איצט זאָגן. די טיר, וואָס איך האָב דיר אָנגעוויזן, פירט צו אַ פינף-צימערדיקער דירה. דער אייגנטימער איז אַ רייכער אינזשיניער, אַן אַלטער בחור. זיי אויפמערקזאַם! יעדן פרימאָרגן, פּינקטלעך 9 אַזייגער, גייט ער פון דאַנען אַרויס אין זיין ביוראָ אַריין אין אַן אָפּגעלעגענער גאַס. אין דער דירה בלייבט דאַן קיינער נישט. ערשט אין אַ שעה אַרום, אָדער אָנדערהאַלבן, קומט אַן עלטערע פרוי און זי באַלעבאַטעוועט שוין דאָרט גאַנצע טעג. איך האָב שוין צעריסן אַ פּאָר „טרעטערס" (שיך), גייענדיק דאָ אַהער, כדי אויסצושטעלן דאָס שטיקל „אַרבעט" און אויסצוקוקן אַזאַ מינוט, ווען מען וועט עס אַמבעסטן קאָנען „מאַכן". נאָך לענגערע אָבסערוואַציעס בין איך געקומען צום באַשלוס, אַז נאָר באַלד אין דער פרי מוז דאָס געטאָן ווערן, און אויב נישט אין דער פרי,

דאַן קיינמאָל נישט... טאָ הער־זשע! באַלד וועט ער אַרויסגיין פון שטוב אין בּיוראָ אַריין. דעמאָלט וועסטו דאָרט אַריינפאַלן „אויפן גאַנצן זיכער". האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן. די הויפּט־זאַך איז צו זיין דרייסט און דאָס איבעריקע וועט זיך שוין אַליין מאַכן.

דאָ האָט ער אַ קוק געגעבן אויפן זייגערל. בעת מעשה האָט ער מיך צוגעשלעפּט צו דער וואַנט, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט באַהאַלטן.

— זיי אויפמערקזאַם, — האָט ער פאַרטגעזעצט, — אין 15 מינוט אַרום וועט זיין 9. באַלד וועט ער זיך באַווייזן. און איך וועל אים האָבן אויפן אויג, אַזוי ווי ער וועט זיך נאָר דערווייטערן פון הויז. פאַרליר נישט קיין מינוט. יעדע רגע איז טייער און קאָן דאָ אַנטשיידן. רואיק, געלאַסן עפן די טיר מיט אָט דעם וויטריך. גיב אַכטונג, פאַררוק נישט צו ווייט אין שלאָס אַריין. קוק, דאָ איז אַ צייכן, און ביים איבערדרייען הויב אים אויף אַביסל העכער.

איך קאָן דיר, ברודערקע, נאָך עפּעס זאָגן: איך האָב באַמערקט, אַז דאָ דרייט זיך אויך אַ „דזובּיש" (אַ נישט־סאָ־לידער גנב, וואָס פאַרראַט די געהיימניסן), די כאַליערע ווייסט אים, פון וואַנען ער האָט געקאָנט אויסשנאַפּן די „אַרבעט". איך שפּעקוליר שוין דאָ אַ פּאָר חדשים, און קיינעם קיין וואָרט נישט געזאָגט. עס וואָלט געווען אַ שאַנדע, ווען מיר וואָלטן זיך געלאָזט פון אונטער דער נאָז צונעמען אַ פאַרמעגן — איך זאָג דיר, אַ פאַרמעגן...

דאָ האָט ער שטאַרק געקוועטשט מיין האַנט, וועלכע ער האָט די גאַנצע צייט נישט אַרויסגעלאָזט פון זיינער. אַ מינוט האָט ער זיך פאַרטראַכט און ווייטער גערעדט:

— דו מוזט אויך געדענקען וועגן דעם: דאָרט זענען דאָ צוויי טרעפּן; איין טיר, וואָס איך האָב דיר געוויזן, פירט אין דער וווינונג אַריין דורך דער קיך. און עס איז דאָ נאָך אַ טיר פון דער גאַס, וואָס פירט אויך אין דער וווינונג אַריין. אויף יעדן פאַל עפן אויף יענע טיר. ווען דו וועסט דער־

הערן, אַז אימיצער קומט אָן פון דער פראָנט־טיר, וועסטו אַנטלויפן מיט דער הינטער־טיר און אַזוי פאַרקערט.

— געדענק אויך גוט, אַז אין שלאָף־צימער שטייט אַ שרייב־טיש. נישטער אים גוט דורך. ס'איז דאָרט געוויס דאָ... געלט און אפשר צירונג. די בעסערע פוטערס, אָנצוגן פון די שענק, פאַרפאַק. איבעריקנס, נישטער אומעטום גרינט־לעך דורך. און דאָס, וואָס איז ווערטפול, כאַפּ און מער גאָרנישט. אָ, — האָט ער אָפּגעזיפצט — אַ שאָד, וואָס איך קאָן דאָרט אַליין נישט זיין; איין בילד איז דאָרט דאָ, האָט עס אַ גרויסן ווערט. אָבער דו קענסט זיך נישט דערויף. פאַרפאַלן, איך מוז אים נאָכגיין און היטן. אפשר וועל איך נאָכאַמאָל אַריינפאַלן אַהין.

פלוצלונג האָט ער מיך אַ ריס געגעבן פאַרן אַרבל און אַ מורמל געטאָן צווישן די ציין: מאַרש, מען קאָן שוין! — און ער האָט זיך גיך אָפּגעטראָגן. אַ מינוט בין איך שטיין געבליבן. איך האָב געזען, ווי עפּעס אַן עלטערער הער איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם הויז, דרייענדיק מיטן שטעקן אין דער לופטן און זיין שותּף איז אים נאָך.

די גאַנצע צייט פון דער לעקציע האָט דאָס האַרץ שטאַרק געקלאַפּט אַזוי, אַז איצט בין איך נישט געווען אימשטאַנד צו געדענקען אַלע זיינע וואָרענישן און באַמערקונגען. איינס בלויז האָב איך מיר קלאָר געמאַכט, אַז יעדע מינוט איז דאָ טייער און אַז עס מוז שוין געטאָן ווערן. אין אַ מינוט אַרום האָב איך מיך אומבאַמערקט אַריינגעשלייכט אין קאָרידאָר אַריין.

איך בין שוין געשטאַנען ביי דער טיר און האָב גע־וואָלט אַרויסנעמען דעם וויטריך, מיטאַמאָל דערהער איך טריט, וואָס האָבן זיך דערנענטערט פון דריטן שטאָק. אימיצער איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּן. איך האָב אַלץ געטאָן, וואָס עס איז געלעגן אין מיין מאַכט, כּדי נישט אַרויסצווייזן קיין נערוועזיטעט, און איך האָב מיך געמאַכט, ווי איך גיי אויפן דריטן שטאָק אַרויף.

עפּעס אַ דאַרער הויכער הער איז פאַר מיר פאַרביי־גע־

גאַנגען און האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. איך האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז איך האָב מיך פאַרראַטן מיט מײַנע געדאַנ־קען. ער איז ווײַטער געגאַנגען און איך האָב מיך צוריקגע־קערט. ווען איך האָב דערהערט, אַז ער איז שוין אונטן, האָב איך מיך ווידער דערנענטערט צו דער טיר. אַלע ווײַלע האָב איך מיך אינסטינקטיוו אומגעקוקט און אויפגעכאַפּט דעם מינדסטן גערויש פון אונטן. איך האָב פאַרנומען די באַוועגונג פון גאַס, ווי זי וואָלט געקומען פון אַן אַנדער וועלט. איך האָב אָנ־געהויבן נערוועז צו מײַסטרעווען מיט די פינגער בײַם שלאָס.

די טיר האָט זיך געעפנט.

דער געדאַנק וועגן די גרויסע געלטער, וואָס האָבן דאָ אויף מיר געוואַרט, און וועגן דער באַלוינונג פון דער געליב־טער האָבן מיר געגעבן מוט.

איך בין אַרײַן אין קיך און האָב מיך אַרײַנגעשלײַכט אין שלאָף־צימער. די פּאַסאַדזקע, אויף וועלכער איך בין געגאַנ־גען, האָט זיך מיר אַרויסגעוויזן ווי אַ בלאָטע, אין וועלכער עס זענען געבליבן טיף שטעקן מײַנע פיס. עס האָט מיך עפּעס געשטיקט אין האַלז. איך האָב געקוקט אויף די בילדער און פאָרטרעטן און האָב נישט געקאָנט אָפּרײַסן פון זיי דאָס אויג.

עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די מענטשן קוקן אויף מיר דראָענדיק און אַ ליאַדע מינוט וועלן זיי אַראָפּגיין פון די ווענט, כדי צו וואַרפן זיך אויף מיר. אַ ווײַלע האָב איך מיך געוואַקלט. דאָס האָט אָבער געדויערט בלויז אַ צענט־חלק פון אַ סעקונדע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך בין שוין צו ווײַט פאַרפאָרן, אַז וועגן צוריקקומען אָן רויב קאָן שוין איצט קיין רייד נישט זײַן.

איך בין צוגעטרעטן צו ראַבירן.

אין ווינקל פון שלאָף־צימער האָב איך דערזען אַ קאַסע, וואָס איז געווען פאַרפעסטיקט צו דער וואַנט. איך בין שטיין געבליבן פאַר איר הילפלאָז און מיך געוווּנדערט, וואָס דער שותף האָט מיר וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט. איך האָב דורכ־געוואָרפן פיל זאַכן, וועלכע איך וואָלט סיי ווי נישט געוואָלט

מיטנעמען. צו וואָס איך טו דאָס אַלץ האָב איך אַליין נישט געוווּסט. איך בין געווען עפּעס ווי באַטויבט פון היץ און האָב פאַרגעסן, ווו איך געפין זיך אייגנטלעך. אויף אַן אויסגעשפּרייט לײַלעך האָב איך אַרויסגעוואָרפן פון שאַנק פוטערס, אַנצוגן, וואָס איז נאָר געפאַלן אין האַנט אַריין.

איך האָב מיר גאָרנישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, אַז איך גנבע אין אָט דער מינוט. די דערקלערונג פון שותף, וואָס מען דאַרף זוכן, האָב איך אין גאַנצן פאַרגעסן. איך האָב דאָס אַלץ געטאָן, ווערנדיק געשטויסן דורך עפּעס אַן איבער־מענטשלעכער קראַפט, ווי מיין ווילן וואָלט דאָ גאָרנישט עק־זיסטירט.

פּלוצלונג האָב איך דערפילט ווי עמיצנס בליק דרינגט אַריין אין מיר. מיין פּנים האָט געפלאַמט, די ליפּן האָבן גע־ציטערט נערוועז. איך האָב צוגעלייגט די האַנט צום שטערן און מיט פאַרווירענע אויגן האָב איך מיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן.

— וואָס איז דאָס ?...

קוים דריי טריט פאַר מיר איז געשטאַנען דער זעלבער הער, וועמען דער שותף האָט אָפּגעפירט. ער האָט זיך גיפ־טיק צעשמייכלט און געקוקט אויף מיר פאַרוווּנדערט. אין זיין רעכטער האַנט האָב איך באַמערקט אַ רעוואָלווער.

— שטיין און נישט רירן זיך פון אָרט, ווייל איך שיס! — האָט ער געשריגן דראָענדיק.

איך בין געשטאַנען און געקוקט אויף אים, נישט ווייני־קער פאַרוווּנדערט, ווי ער. די מאַכטלאָזע הענט האָב איך אַראָפּגעלאָזט. עס איז מיר געוואָרן דושנע און איך האָב דער־פילט, אַז דאָס גאַנצע בלוט קומט מיר אין געהירן אַריין. פון די אויגן זענען געגאַנגען טרערן.

אַ לענגערע צייט האָט ער מיך נייגעריק אָבסערווירט און זיך אָפּגערופן:

— נו, גאָספּאָדין גנב, פאַרפאַלן, עס האָט זיך נישט איינ־געגעבן. צו פאַרצווייפלען איז נישטאָ וואָס. דאָס אומגליק גייט

אונז נאָך אויף שריט און טריט. זייט מוחל, וואָס איך האָב אייך געשטערט אין דער אַרבעט, — דאָ האָט ער זיך איינגע־בויגן און מיך באַגריסט, — איצט מוזט איר אַזוי גוט זיין און אַלץ צוריקלייגן און אויפהענגען אויף זיין פּלאַץ, אַזוי ווי עס וואָלט דאָ גאָרנישט געשען.

ווען ער האָט געזען, אַז איך ציטער אויפן גאַנצן לייב און איך ריר זיך נישט פון אָרט, האָט ער צוגעגעבן שוין מיט אַ ווייניקער שפּאָטישן טאָן:

— ניין, גאָספּאָדין גנב, איך וועל אייך דאָ קיין שום שלעכטס נישט טאָן, אויב איר וועט ענטפערן דעם אמת אויף מיינע פראַגן. אויב דו וועסט, בחורל, לייקענען, וועל איך זיין געצוווּנגען דיך איבערצוגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

איך האָב געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי איך וואָלט זיך אים געוואָלט וואַרפן צו די פיס און בעטן רחמים, ווייל איך האָב מיך שוין געזען איינגעזעצט אין קרימינאַל און האָב מיר פאַר־געשטעלט דעם „קאָרידאָרשטשיק", וואָס וועט פון מיר אויפסניי אַלץ אַראָפּציען ביז צום לעצטן פאָדעם. איך האָב אים גע־וואָלט קושן די הענט, ער זאָל מיך ראַטעווען.

דאָ האָט ער מיך אָפּגעהאַלטן מיט אַ האַנט־באַוועגונג.

— נו, נו, איך זע, אַז איך האָב געטראָפן, אַז דו ביזט נאָך גאָר נישט קיין פולשטענדיק פאַרדאָרבן יינגל און עס קאָן נאָך פון דיר זיין אַ מענטש. זאָג־זשע מיר, ווער האָט דיך דאָ אַהערגעשיקט. דאָס איז דאָך נישט דיין איינפאַל, מען זאָל מיך באַגנבענען. רעד גיכער, ווער האָט דיך דאָ אַהערגע־שיקט? נאָר דעם אמת זאָלסטו זאָגן!

איך האָב געשוויגן, ווי די וואַנט. ער האָט זיך אין מיר אַריינגעקוקט אַזוי שאַרף, אַז איך האָב געמוזט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ, און ווען ער האָט געזען, אַז איך ענטפער נישט, האָט ער אַרויסגענומען דאָס זייגערל.

— איך זע, בחורל, אַז דו שווייגסט פאַרעקשנט. האַ? עס איז דיר אַ שאָד אויסצוגעבן די קאַמעראַדן? קוק, — האָט ער צוגעגעבן, — אין צען מינוט אַרום, אויב דו וועסט נישט

זאָגן, וועל איך רופן פּאָליציי. דאָרט וועט מען דיר שוין דעם פּיסק עפענען. און דערווייל זיי אַזוי גוט און לייג אַלץ צו־ריק אויף זיין אָרט. שפּעטער וועלן מיר שמועסן וועגן דעם.

איך האָב מיר געטראַכט, צי איז דאָס מעגלעך, אַז דער מענטש, וועמען איך האָב געוואָלט באַגנבענען, זאָל מיך אָפּ־לאָזן? ניין, איך האָב אים נישט אָנגעהויבן צו געטרויען. דאַן האָט עס מיך געוווּנדערט, אַז ביז איצט האָט ער זיך נאָך אויף מיר נישט געוואָרפן און אַז ער טענהט זיך אויס מיט מיר אַזוי בנעימותדיק, מעג עס זיין אַפילו שפּאַטיש. זעענדיק אָבער, ווי ער לייגט אַריין דעם רעוואָלווער אין קעשענע, בין איך ווידער אַביסל צו זיך געקומען, די נערוון האָבן זיך ביס־לעכווייז באַרויקט און איך האָב אָנגעהויבן אַריינצוקלערן, מיט וואָס זאָל איך אים דאָ „פּאַררעדן די ציין", כדי זיך צו פּאַרענטפערן. וועגן אַרויסגעבן דעם שותּף איז נישט געווען וואָס צו רעדן. בעסער שטאַרבן און דאָס נישט טאָן. איך האָב נישט געוואָלט הערן דערפון.

— וואָס וואָלט האַנקע דעמאָלסט געזאָגט?

אַזוי אומגעפער האָב איך מיר געטראַכט בעתן אויספירן דעם באַפעל. איך מוז מודה זיין, אַז טראָץ מיין בעסטן ווילן האָב איך נישט געקאָנט צוריקלייגן אַ סך זאַכן אויף זייער גע־העריקן אָרט. ביי דער דאָזיקער אַרבעט איז ער מיר נאָכגע־גאַנגען טריט ביי טריט. ווען ער האָט געזען מיין אומזיכער־קייט, האָט ער צו מיר געזאָגט מיט אַ געלעכטערל און אָנגע־שטעלט אויף מיר זיינע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך פונ־דעסטוועגן באַמערקט דער מאַנגל אין צוטרוי און גלייכצייטיק דאָס געפיל פון מורא:

— ווי איך זע, האָסטו אַ שוואַכן זכרון. נו, מילא, וועל איך דיר צוהעלפן, בחור מיינער. — ער האָט מיר דערביי גע־וויזן, ווו מען דאַרף יעדע זאַך אַוועקלייגן.

ווען איך האָב געענדיקט די אַרבעט, האָט ער מיך גע־פרעגט, צי אַלץ איז שוין אין אָרדנונג.

— נאָך נישט, — האָב איך געענטפערט און האָב אַרויס־

געצויגן פון קעשענע אַ פּאָרטפעל, וואָס איך האָב געפונען אין פאַרשלאָסענעם שופלאָד פון שרייבטיש.

ווען ער האָט דערזען דעם פּאָרטפעל, איז ער בלאַס געוואָרן און האָט אים אַרויסגענומען פון מיין האַנט אַרויס. איך ווייס אַליין נישט, וואָס עס איז דאָרט אַזעלכעס געווען, וואָס דער אַנבליק פון פּאָרטפעל האָט אים אַזוי גערירט. די גאַנצע צייט, האָב איך כסדר באַמערקט, האָלט ער די רעכטע האַנט אין קעשענע. ווייזט אויס, ער האָט מיר געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, אַז ער האָט נישט פאַרגעסן אפילו אויף איין מינוט צו זיין פאָרזיכטיק און צו פאַרזיכערן זיך, אַז איך זאָל נישט אַמאָל פּרווון צו אַנטלויפן.

באַלד האָט ער באַפוילן, איך זאָל גוט דורכנישטערן מיינע קעשענעס, צי איך האָב נישט אַמאָל נאָך עפּעס פאַר־געסן אַרויסצולייגן. איך האָב עס געטאָן. ווען אַלץ איז שוין געווען געענדיקט, האָט ער זיך ווידער גענומען צו דער אויס־פאָרשונג. ער האָט זיך באַמיט אָנצונעמען אַ דראָענדיקע מינע און האָט געזאָגט:

— איצט וועלן מיר אַ שמועס טאָן, ברודערל. קודם־כל זאָג און ווייז, ווי אַזוי ביזטו אַריינגעקומען און מיט וואָס האָסטו געעפנט די טיר און דעם שרייבטיש, און שפּעטער וועלן מיר שמועסן ווייטער.

ווילנדיק נישט ווילנדיק האָב איך געוויזן מיט וואָס און ווי אַזוי איך האָב געעפנט די טיר. די וויטריכעס האָט ער באַטראַכט פון אַלע זייטן. „אַן אויסגעצייכנטער אויפטו", האָט ער געברומט אונטער דער נאָז; דערנאָך האָט ער באַפוילן, איך זאָל מיך אַוועקזעצן ביים טיש, אויף אַ בענקל, קעגנאיבער אים. איך האָב מיך אָנגעשטויסן, אַז ערשט וועט זיך אָנהויבן די אמתע חתונה.

— פון וואַנען ביזטו? — האָט ער געפרעגט נאָך אַ מי־נוט שטילשווייגן.

— פון לאָדז, — האָב איך אַריינגעהאַקט דעם ערשטן ליגן.

— מיט וואָס באַשעפטיקן זיך דיינע עלטערן?

— כ׳האָב נישט קיין עלטערן, כ׳בין אַ יתום.

— און וואָס טוסטו אין דער דאָזיקער שטאָט און ווער האָט דיך דאָ אַהערגעבראַכט, דו זאָלסט דאָ גנבענען? שוין זאָלסטו מיר רעדן!

— כ׳בין אַליין געקומען אַהערצופאָרן, אָפּצוזוכן מיין פאַמיליע, וואָס דאַרף דאָ וווינען.

דערביי האָב איך אים דערציילט אַן אויסגעטראַכטע געשיכטע, וועלכע איך געדענק שוין איצט נישט, איך זאָל זי קאָנען געגוי באַשרייבן. געגוג, אַז איך האָב דערפילט, אַז מיין דערציילן האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווייל ער האָט זיך אויף אַ קורצע ווײַלע פאַרטראַכט. מיטאַמאָל איז אַריינגעקומען עפּעס אַ פרוי. איך האָב מיך באַלד אָנגעשטויסן, ווער זי איז.

— גוט מאָרגן! וואָס, דער הער אינזשיניער איז אין דער חיים? — האָט זי זיך געפרעגט פאַרוואונדערט. — איך האָב מיך באמת דערשראָקן, טרעפנדיק די טיר אָפן. איך האָב גערעכנט, גאָט באַהיט, אַז גנבים באַלעבאַטעווען שוין דאָ...

אויף מיר האָט זי געקוקט פאַרוואונדערט. מסתּם האָט מיין דערשראָקן פּנים און מיין אומזיכערע האַלטונג אַרויסגערופן ביי איר אַ חשד.

— איך קאָן אייך פאָרשטעלן אַ גאַסט, — האָט דער אינזשיניער געזאָגט לאַכנדיק, — כאָטש נישט קיין געבעטענער, אָבער דערפאַר אַ גענוג אָנגענעמער, — דערביי האָט ער דערציילט, וואָס פאַר איינער איך בין.

— וואָס וועט איר זאָגן דערצו? — האָט ער פאָרטגעזעצט. — אין דער פרי בין איך אַרויס פון דער היים צו גיין אין ביוראָ אַריין. און ווען איך בין שוין דאָרטן געוועזן ביי דער סאַמע טיר, האָט עס מיך עפּעס געצויגן, איך זאָל צוריקגיין. נו, און מיין פאָרגעפיל האָט מיך נישט אָפּגענאַרט: אָט ווען איך האָב געטראָפן, — האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף מיר, — ער איז זיך אַזוי געשטאַנען, ווי קיינמאָל גאָרנישט, און אויסגעליידיקט די שענק. ער איז אַזוי געווען

אריינגעטאָן אין זיין אַרבעט, אַז ער האָט אפילו נישט געהערט, ווען איך בין דאָ אַריינגעקומען. יאָ, יאָ, איך האָב געשטערט אַ מענטש אין דער אַרבעט.

ער האָט כסדר געלאַכט, געוועז אויפגערוימט און האָט שוין אַפילו אַרויסגענומען די רעכטע האַנט פון דער קעשענע. די פרוי האָט געקוקט אויף מיר אַ מינוט צייט אַ דערשראָקענע און געפרעגט:

— וואָס רעכנט איר מיט אים צו טאָן? מען דאַרף אָנטעלעפאָנירן צו דער פּאָליציי, — האָט זי צוגעגעבן.

דער אינזשיניער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און געענטפערט:

— צו וואָס פּאָליציי? איך וויל בעסער האָבן אַ גנב אין שטוב, איידער אונזער רוסישע פּאָליציי. ווען זיי וואָלטן געקומען, וואָלט ערשט רעכט געקאָנט עפּעס פאַרלאָרן גיין.

— הער אינזשיניער, — האָט די אַלטיטשקע געבעטן, — איר האָט שטענדיק ליב זיך צו וויצלען... נו, ווער האָט דאָס אַזוינס געהערט? זיצט זיך אַ גנב ביים הער אינזשיניער, ווי אַן אָרנטלעכער מענטש. דאָס איז שוין באמת נישט צו פאַר־שטיין... — דערביי האָט זי פאַרבראָכן די הענט פון פאַר־צווייפלונג.

נאָך מער האָט זי גוואַלדעוועט, ווען דער אינזשיניער האָט געהייסן מען זאָל מיר אַריינגעבן כיבוד. ער האָט מיר אַליין אַריינגעגאָסן אַ גלעזל וויין און געהייסן אויסטרינקען, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, כדי צו אַנטשפּאַנען די נערוון. דעם כיבוד האָב איך נישט אָנגענומען.

אין דעם דאָזיקן הויז האָב איך דורכגעלעבט אַלערליי געפילן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער דאָזיקער גרויזאַ־מער מענטש שפּילט זיך מיט מיר, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז, און אַ ליאַדע מינוט וועט ער זיך אויף מיר אַ וואָרף טאָן מיך צו דערהרגענען אָדער איבערצוגעבן דער פּאָליציי. איך האָב בשום־אופן נישט געקאָנט דערגיין, וואָס אייגנטלעך וויל ער.

פּלוצלונג איז ער שטיין געבליבן אין מיטן שטוב און

האָט אָנגענומען אַ דראַענדיקע שטעלונג. אַ דראָענדיקערע ווי־פֿריער. איך האָב געמיינט, אַז איצט איז שוין אַ סוף צו מיר.

דאָס איז געווען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, גוט געבויט, אַזוי אַז ער וואָלט זיך מיט מיר אַן עצה געגעבן. נישט ווילנדיק בין איך אויך אויפֿגעשפּרונגען פֿון בענקל און האָב מיך אַוועקגעשטעלט אין אַ פּאַרטיידיקונגס־פּאָזיציע. מיר האָבן זיך פֿאַרמאָסטן מיט די אויגן אַ קורצע ווײַלע, דערנאָך האָט ער זיך נאָך מער דערנענטערט צו מיר. זײַן רעכטע האַנט איז ווידער געלעגן אין קעשענע און געזאָגט האָט ער מיט אַן אַנטשלאָסענער שטימע:

— גענוג מיט דער קאָמעדיע! זאָג, ווער האָט דיך דאָ אַהערגעשיקט, אויב נישט, וועט גאַנץ שלעכט זײַן מיט דיר!

אין זײַן האַנט האָט אַ פֿינקל געטאָן דער רעוואָלווער.

איך וואָלט מיך בחינם באַמיט צו באַשרײַבן מײַן שרעק, מיט וועלכער איך האָב מיך דעמאָלט אָנגעגעסן. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפֿן. דעם שותּף האָב איך נישט אויסגעגעבן. וואַרשײַנלעך בלויז צוליב דעם, וואָס די שרעק האָט מיר אָפּגענומען דאָס לשון.

איך בין געווען זיכער, אַז אָט־אָט ליג איך אַ דערשאָסענער אויף דער פּאָדלאָגע. מיטאַמאָל האָב איך דערפֿילט, ווי מען האָט מיך אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאָלנער און אָן ווידערשטאַנד פֿון מײַן זײַט בין איך געשטויסן געוואָרן צו דער טיר צו...

איך בין געווען אַזוי באַרוישט מיט דעם אַלעם, וואָס ס'איז מיט מיר פֿאָרגעקומען, אַז אַ מינוט בין איך געשטאַנען אויף דער גאַס, ווי אַ לונאַטיקער, און נישט געוווּסט, צי חלום איך, צי איז דאָס אַלץ אויף דער וואָר. עפּעס אַ דורכגייער האָט זיך אין מיר אָנגעשטויסן. כ'האָב צוריקגעקריגן די קלאָרקייט פֿון געדאַנק און אָנגעהויבן צו גיין פֿאָראויס.

איצט האָב איך ניכטערערהייט געקאָנט אַנאַליזירן דאָס מערקווירדיקע געשעעניש. פֿון דער ערשטער מינוט אָן, ווען איך האָב דערזען, ווי ער שטייט פֿאַר מיר מיט אַ רעוואָלווער

אין האַנט, האָב איך באַקומען דעם איינדרוק, אַז עס שלאָגט שוין מיין לעצטע שעה.

איך האָב נישט איין מאָל געהערט מעשיות וועגן זעלבסט־געריכטן און לינטשערייען אויף גנבים, וועלכע ווערן געכאַפּט אין דער הייסער מינוט, און וועגן דעם, אַז אין בעסטן פאַל גיט מען זיי אָפּ צו דער פּאָליציי. דער אינזשיניער אָבער, נישט בלויז, וואָס ער האָט מיר גאָרנישט געטאָן, האָט ער מיך אַפילו פריי־געלאָזן אויך. פאַרוואָס האָט ער זיך אָבער אַזוי אויפגערעגט, ווען איך האָב זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען זיין כּיבוד? מאָדנע איז אויך געווען זיין גאַנץ געשפּרעך מיט מיר. אָדער, ווען ער האָט מיר צוגענומען דעם וויטריך און געזאָגט, אַז ער וועט אים באַהאַלטן פאַר אַן אָנדענקונג...

שפּעטער, ווען ער האָט מיר געדראָט מיט אַ רעוואָלווער, איך זאָל אויסגעבן דעם שותּף, האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ משוגענער. איך מוז מיך אָבער מודה זיין, אַז ערגעץ טיף אין מיין נשמה איז עפּעס אויסגעוואַקסן אַ גרויס דרך־ארץ צו דעם דאָזיקן מענטש. איך האָב מיך אויך דערמאָנט, ווי אין זיין שלאָף־צימער איבערן שרייבטיש איז געהאַנגען אַ צלם, אויף וועלכן איך האָב געקוקט מיט עפּעס אַ פאַנאַטישע שרעק. איז דאָס, הייסט עס, נישט געווען קיין ייד, האָב איך געטראַכט. פונדעסטוועגן האָט ער מיך, אַ ייד און אַ גנב דערצו, נישט באַוואָרנט. מיין קאָפּ האָט דאָס אַלץ נישט געקאָנט באַגרייפן. איך בין געגאַנגען פאַראויס מיט אַן אויטאָמאַטישן שריט און ווערנדיק געשטויסן דורך די דורכגייער, האָב איך מיר אין גאַנצן נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון, ווו איך בין און וווּהין איך גיי.

ביסלעכווייז האָט זיך מיר דערמאָנט דער שותּף. אַ ווילדער צאָרן האָט מיך אַרומגענומען. דאָס אַלץ איז ער שולדיק, האָב איך געטראַכט; ער האָט אים געדאַרפט היטן און מיר געבן צו וויסן, איידער ער וועט אָנקומען. אים אַרט, הייסט עס, גאָרנישט מיין הויט; ווען איך בין דאָרט אַריין, איז ער אַוודאי אַהיימגעגאַנגען און געוואַרט אויפן רויב. איך וועל אים אָנ־

לערנען, האָב איך מיר געטראַכט. איך בין נישט אַזאַ „פרייער", פאַר וועלכן ער האַלט מיך. דאָ האָב איך ווידער געטראַכט, וואָס וועט כאַנטשע זאָגן דערויף; זי וועט מיך זיכער אויסלאַכן, ווען איך וועל אַהייקומען מיט ליידיקע הענט.

איך האָב מיך דערמאָנט, אַז איידער איך בין אַוועק צו דער „אַרבעט", איז זי צו מיר אַזוי גוט געווען, ווי נאָך קיין-מאָל נישט פריער. מסתם איז די סיבה דערפון געווען די זעק מיטן רויב, וואָס איך האָב געזאָלט ברענגען. און איצט? אַ חרפה האָט מיך אַרומגענומען, וואָס איך האָב מיך אַרויסגע-וויזן פאַר אַזאַ שלימזל.

איך האָב מיר איצט פאַרגעוואָרפן אין האַרצן, אַז איך בין מיר אַליין שולדיק. איך האָב מיך דאָרט צו לאַנג געגאַפּיעט, פריער אין קאָרידאָר, און דערנאָך ערשט אינעווייניק, ווען איך האָב מיך אָפּגעשטעלט און באַוווּנדערט די בילדער, און צוליב דעם איז די גאַנצע זאַך נישט געראָטן. דאָ האָט מיך ווידער אַרומגענומען אַ האַס אויפן אינזשיניער. אין דער מינוט וואָלט איך שוין בעסער באַשטאַנען, ווען ער גיט מיך איבער דער פּאָליציי אין די הענט אַריין, איידער מיך אַזוי לייכט צו טראַקטירן, ווייזט אויס, ער האָט מיך אָנערקענט פאַר אומפּעאיק, איך זאָל אים באַגנבענען. דאָס האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ צווייפל אין מיינע כוחות און אין מיין דרייסטקייט, צי וועל איך איבערהויפּט אַמאָל זיין פּעאיק עמיצן צו באַגנבענען און צי האָב איך מיך נישט טועה געווען מיט מיין באַרוף.

עס האָט מיר, וואָס אַן אמת, נישט געשמעקט דאָס גנבישע ברויט. עס האָט זיך מיר אָבער געדאַכט, אַז עפּעס אַנדערש איז מיר נישט געבליבן. אין שטוב האַסט מען מיך. צו אַרבעטן האָב איך זיך געפילט אומפּעאיק. איך האָב שוין פאַרזוכט די פאַרבאָטענע פרוכטן פון לעבן און זיי האָבן מיר נישט שלעכט געשמעקט; אָבער כדי זיי צו געניסן, דאַרף מען האָבן אַ סך געלט. דאָס איינציקע מיטל צו באַקומען עס האָב איך געזען נאָר אין גניבה און איך האָב מיר געגעבן אַ שבועה, אַז איך וועל עס דעראָבערן. איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט

צו איבערצייגן זיך אין דעם דורך דער קורצער צייט, ווען איך האָב פאַרבראַכט ביינאַכט אין די פאַרדאָרבענע הייזלעך, ווו איך האָב אַלס דראָזשקאַרזש געפירט געסט. פריער האָב איך זיך קיינמאָל, אַפילו אין דער פאַנטאַזיע, נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַזעלכעס זאָל קאָנען עקזיסטירן. מער פון אַלע פאַרבאָטענע פרוכטן האָבן מיך צוגעצויגן פרויען. אָבער כדי צו טרעפן צו זייער איבערצייגונג, האָב איך פאַרשטאַנען, דאַרף מען האָבן אַ ים מיט געלט.

אַהיים בין איך געקומען שוין נאָך מיטאָג. ווי שטאַרק האָב איך מיך געוווּנדערט, ווען חנטשע איז מיר געפאַלן אין די אָרעמס אַריין!

— ביזט דאָ, מיין טייערער, — האָט זי רירנדיק געזאָגט, — מיר האָבן דיך שוין אַלע דאָ באַוויינט. דער ברודער האָט גע־זאָגט, אַז דו ביזט „פאַרשיט". ער האָט נישט באַוויזן דיך צו וואָרענען, איידער דער „פרייער" איז געקומען. זאָג, ליבסטער, וואָס איז געשען!?

איך האָב דערציילט אַ גאַנצע היסטאָריע, וואָס איך האָב מיר הוק־שמוק אויסגעטראַכט, אַז איך בין קוים אַנטלאָפן און אַז איך האָב דעם „פרייער" געשלאָגן א. א. וו. איך האָב גע־וואָלט אין אירע אויגן אָנגיין פאַר אַ העלד, וואָס עס האָט זיך מיר טאַקע איינגעגעבן; זי האָט מיך צוגעדריקט, זי האָט מיך געקושט און שטאָלץ אויסגערופן:

— איך האָב געזאָגט דעם ברודער, אַז דו ביזט נישט אַזאַ „פרייער", אַז דו זאָלסט זיך לאָזן „פּאַקן". איך בין צו־פרידן מיט דיר, — האָט זי געזאָגט אַ שטראַלנדיקע.

— ווו איז דער ברודער? — האָב איך געפרעגט.

— דער ברודער איז געלאָפן אין דער פּאָליציי אַריין און אויך צו אַ „מאַכער". אפשר וועט זיך לאָזן עפּעס מאַכן, — האָט ער געזאָגט, — מען זאָל דיך אַרויסרייסן פון זייערע הענט.

— וואַרט צו! — האָט זי צוגעגעבן. — איך וועל לויפן,

אים דערציילן, אַז דו ביזט דאָ אַ גאַנצער און געזונטער, — און זי איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

אין אַ שעה אַרום איז אָנגעקומען דער שותף; פאַר אים האָב איך גאָרנישט באַהאַלטן. איך האָב אים געמאַכט פאָרווורפן, פאַרוואָס ער האָט מיך נישט געוואָרנט. ער האָט מיך אויסגע־פרעגט וועגן די פּרטים. ווען איך האָב געענדיקט דעם באַ־ריכט, האָט ער זיך פאַרכמורעט און מיט אַן אַנטשלאָסענער שטימע האָט ער אויסגערופן:

— איך מוז דעם „פרייער" „מאַכן" און איך וועל אים „מאַכן",—דו פאַרשטייסט? - פאַר יעדן פרייז. היינט איז אים גע־לונגען מיך צו איבעררעשן און דיך דאָרט צו פּאַקן. מער וועט זיך אים אַזעלכעס נישט איינגעבן. זאָל ער וויסן, אַז מיר שפּאַסן נישט... אויף „שלאָם" (באַגנבענען בעתן שלאָפן) מוז איך אים „מאַכן"... איך וועל אפשר די קאַסע אויך „מאַכן", — האָט ער צוגעגעבן אַ פאַרטראַכטער.

זעענדיק, אַז איך ווער נישט באַגייסטערט, האָט דער שותף אויף מיר אַ קוק געגעבן פאַרדעכטיק.

איך האָב געענטפערט מיט אַן אומזיכערער שטימע, אַז מער וועל איך אַהין נישט גיין, ווייל איך קאָן נישט. — איבע־ריקנס, — האָב איך געזאָגט, — מיר וועלן סיי־ווי־סיי איצט דאָרט גאָרנישט מאַכן: מסתּם וועט ער נאָך דער מעשה אַלע ווערטפולע זאַכן האַלטן אין דער געפּאַנצערטער קאַסע. איך האָב זי געזען מיט די אייגענע אויגן... קיין שום מענטש אין דער וועלט וועט זי נישט עפענען, — האָב איך צוגעגעבן מיט איבערצייגונג.

— ווייס־זשע וועגן דעם איין מאָל פאַר אַלע מאָל, דו „פרייער", אַז דאָס, וואָס מענטשלעכע הענט בויען אויף, קאָנען מענטשלעכע הענט צעשטערן. אויב עס האָט זיך געפונען איין מענטש, וואָס האָט די קאַסע אויפגעבויט, וועט זיך געפינען אַ צווייטער, וואָס וועט זי קאָנען צעברעכן. נאָך אַלעם, זע איך, ביזטו אַ גרויסער נאַר. זאָרג דיך נישט, נישט בלויז אַזעלכע כיטרע „פרייערס", ווי דאָס אינזשיניערל, האָב איך שוין „גע־

מאַכט״, איך האָב שוין געמאַכט וויכטיקערע „אַרבעט״; זיין „קאַסטן״ איז פאַר מיר אַ גאָרנישט. איך האָב שוין נישט איי־נעם אַזעלכן אויפגעריסן, — האָט ער צוגעגעבן.

איך האָב געקוקט אויף אים מיט אומצוטרוי, הערנדיק זיינע באַרימערייען; איך בין דעמאָלט געווען זיכער, אַז קיין שום קראַפט אין דער וועלט וועט נישט באַווייזן פון אַזאַ אייזערנער פעסטונג עפּעס צו גנבענען. זעענדיק מיין נאַרישע מינע, האָט ער ווייטער געדרשנט:

— זאָל דיר וועגן דעם דיין מאָן־קעפּל נישט ווי טאָן; בין איך נישט „צוויינאַס״, אויב איך וועל אים נישט „מאַכן״ נאָך היינטיקע וואָך. ער וועט זיך אַזוי גיך נישט ריכטן אויף אונזער וויזיט, קאָן עס טאַקע אַמבעסטן געראָטן.

— איך וועל קיינמאָל נישט אַהינגיין! איך האָב שוין איין מאָל דאָס געזאָגט און זאָג עס נאָך אַ מאָל. איך וויל נישט אַ צווייט מאָל אַריינפאַלן אין זיינע הענט אַריין, — האָב איך צוגעגעבן.

דער שותף האָט זיך נאָך די לעצטע ווערטער מיינע שפּאָטיש און עפּעס געהיימניספול צעשמייכלט. עס איז דער־גאַנגען צו אַ שאַרפן ווערטער־אויסטויש. זיין שוועסטער, די עלטערע, איז אָנוועזנד געווען די גאַנצע צייט פון אונזער געשפּרעך. דאָס האָט מיך שטאַרק געוווּנדערט, דען ער האָט מיך אַליין געלערנט, אַז אַ פרוי, אַפילו אַן אייגענע שוועסטער, דאַרף נישט וויסן פון גאָרנישט. איצט האָט זי אָנגעהויבן צווישן אונז שלום צו מאַכן.

ערשט פון איר מויל האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זי אַליין האָט דאָס אויפגעגעבן די „אַרבעט״. דער זילבער אינ־זשיניער, האָט זי מיר דערציילט, איז געווען איר שטענדיקער גאַסט.

עס זענען ווידער פאַרביי אַ פּאָר טעג. איך האָב מיך אויך באַטייליקט אין דער טאָגטעגלעכער אַרבעט אַלס „טאַלטל־גייער״ (גנבים, וואָס קומען אַריין אין אָפענע געוועלבער אָדער וווינונגען און גנבענען עפּעס צו אומבאַמערקט). דער ראש פון

אונזער באַנדע, צווייגאַס, האָט נישט באַלעמוטשעט. אויב עס איז נישט געווען עפּעס בעסערס צו טאָן, האָט ער אונז צע־שיקט איבער דער שטאָט, און מיר האָבן זיך באמת נישט צוריקצוקומען ליידיק, פאַרשידענע זאַכן פון טעגלעכן געברויך איז אונז שטענדיק געלונגען צוצוגנבענען. אַליין האָט ער אָבער זיך נישט באַטייליקט אין אַזעלכע עקספּעדיציעס, נאָר האָט אַכטונג געגעבן פון דער ווייטנס. ווען איינער פון די „פערד־לעך" (לערן־יינגלעך ביי גנבים) איז אָבער „פאַרשיט" געוואָרן, דאַן האָט „צווייגאַס" אינטערוועגירט. די אינטערוועניץ איז גע־ווען אָפּהענגיק פון „פערדל" גופא. אויב עס איז געווען אַ פּעאיק „פערדל", דעמאָלט האָט „צווייגאַס" זיך באמת אַרויס־צוקריגן אים אויף „בלאַט" (לאַפּווקע). ווען ער האָט זיך אַריינגעקריגן אין תּפיסה, האָט ער אים אַריינגעגעבן די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געזעסן אין תּפיסה, „וואַלוווקעס" (פּעקלעך עסן). ווען דאָס „פערדל" האָט נישט געהאַט די גע־שיקטקייט און פעאיקייט, ווי דאָס גנבישע פאַך פאַרלאַנגט עס, האָט ער געגוג געהאַט, ווען ער האָט מיט דעם פּאָליציאַנט אויסגעטרונקען אַ גלעזל שנאַפּס, כּדי צו באַרואיקן דאָס גע־וויסן. דער שענקער, ווו „צווייגאַס" האָט אין אַזעלכע פאַלן געטרונקען, האָט זיך אויסגעצייכנט אָריענטירט, לויט דער צאָל פון די אויסגעטרונקענע גלעזלעך, וויפל „פערדלעך" די פּאָלי־ציי האָט דעם טאָג פאַרהאַלטן.

די „פערדלעך" זענען ס׳רוב באַשטאַנען פון יתומים, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון „השגחת יתומים", אין עלטער פון 12 יאָר און העכער. „צווייגאַס" האָט זיי גע־האַט, וויפל ס׳הארץ האָט אים נאָר פאַרגלוסט; ער האָט אפילו געקאָנט זיך אויסקלייבן די, וואָס זענען אים אַממערסטן גע־פעלן, דערביי האָט ער גענומען אין אַכט די געשיקטקייט און די פיזישע קראַפט. עס האָט אויך געטראָפן, אַז אַזאַ יתום האָט געבראַכט צו פירן אַזעלכן, וואָס האָט געהאַט עלטערן, וואָס עס איז אים אין דער היים געווען צו ענג, אָדער מען האָט אים דאָרט געשלאָגן, אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געוואָלט

זיצן אין חדר. דאָ אָבער האָט ער געקריגן צו עסן, אַ נאַכט־לעגער, אַפילו צוקערלעך אויך. אַן אַנצוג איז שוין געווען אָפּהענגיק פון דער פעאיקייט פון „פערדל" גופא.

די אַפּוטראָפּוסטע — די „מאַמע" פון די „פערדלעך" און צוקונפטיקע „קרימינאַליסטין"—איז געווען „צוויינאַסעס" מאַמע, אַ 50־יאָריקע יידענע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ביבלישע מכשפה.

איך מוז אָבער מודה זיין, אַז זי האָט אויסגעצייכנט דער־פילט איר אויפגאַבע און זי האָט געקאָנט די באַנדע איינ־האַלטן אין די ראַמען, אַזוי אַז עס האָט נישט געטראָפן קיין פאַל, אַז אַ „פערדל" זאָל אין דער פּאָליציי אויסגעבן דעם אַפּוטראָפּוס אָדער זיין מאַמע.

אין אָנהויב פון מיין קאַריערע ביי „צוויינאַסן" האָט זיין מאַמע געפּרוווט אויך איבער מיר צו הערשן. אָבער כאַנטשע האָט עס פאַרכאַפּט און זי האָט זיך אויסשליסלעך מיט מיר פאַרנומען. דעם כבוד, וואָס עס האָט מיך דערמיט געטראָפן, האָב איך, ווי זי האָט אַליין מודה געווען, געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם אומשטאַנד, וואָס איך האָב געקאָנט לייענען און שרייבן. איך האָב נישט איין מאָל באַקומען ליבע־געזאַנגען פאַר די שיינע בריוו, וואָס איך האָב זיי געשריבן צו קרובים אין אַמעריקע. אַלס ענטפער זענען אָנגעקומען דאָלאַרן. מיט איין וואָרט, איך בין דאָ אָנגעגאַנגען פאַר אַ געבילדעטן. איך בין דאָ געווען אַ פּריווילעגירט „פערדל" און האָב מיטן ערשטן מאָל באַלד אָנטייל גענומען אין די בעסערע עקספּעדיציעס מיט „צוויינאַסן" אַליין אין דער שפּיץ, וואָס עס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גרויסן כבוד.

כאַנטשע האָט מיר פאַרזיכערט, אַז זי וועט אויך היטן מיינע אינטערעסן, אַז איך זאָל נישט באַשווינדלט ווערן דורכן ברודער, וועגן וועלכן זי האָט זיך אויסגעדריקט, אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ קיין גרעסערער אויסוואורף, ווי ער. און דער ברודער האָט מיך ווידער געוואָרנט, אַז איך זאָל מיט איר זיין פאָרזיכטיק און נישט רעדן וועגן קיין „אַרבעט",

ווייל אַזאַ „געמיין שטיק", ווי זי איז, געפינט זיך אַפילו נישט אין גיהנום.

וואָס מיר אָנבאַלאַנגט, האָב איך געהאַלטן, אַז ביידע זע־נען מסתּם פולשטענדיק געררעכט. דערפאַר האָב איך אין האַרצן באַשלאָסן צו זיין פאָרזיכטיק, ביז איך וועל מיך נישט שאַפן אַן אייגענע מיינונג וועגן דער געליבטער און דעם שותּף.

אין אַ געוויסן טאָג, צו אָוונט־צו, ווען איך בין אַהיים־געקומען, האָב איך נישט געטראָפן כאַנטשען. דאַקעגן פון אַ העכערן שטאָק, ווו עס זענען פאָרגעקומען די נאַכט־אָרגיעס און ווו עס האָט געוווינט איר שוועסטער, האָב איך דערהערט געלעכטערס און עפּעס משונהדיקע קולות. איך האָב באַלד דערהערט צווישן אַנדערע אויך כאַנטשעס געלעכטער. דאָס האָט מיך נאָך מער פאַרוואונדערט, ווייל ביז איצט האָט זי נישט בלויז זיך נישט באַטייליקט אין די נאַכט־אָרגיעס, נאָר זי איז דאָרט קיינמאָל נישט אַרויפגעקומען. בין איך אַלזאָ אַרויפגעגאַנגען זען, צי איך בין מיך נישט טועה.

די טיר איז געווען פאַרשלאָסן.

איך האָב אומישנע נישט געוואָלט אָנקלאַפּן, מען זאָל מיר עפענען, נאָר מיט אַ וויטריך האָב איך געעפנט די טיר און איך בין געבליבן שטיין אויף דער שוועל.

פאַר מיינע אויגן האָט זיך פאָרגעשטעלט אַן אויסערגע־וויינלעך, אומגלויבלעך בילד:

אַרום טיש זענען אַרומגעלאָפן אין די תּחתּונים צוויי מאַנספּאַרשוינען, נאָך וועלכע עס האָבן זיך געיאָגט מיט גע־וואַלדיקע קולות עטלעכע פרויען, אין גאַנצן נאַקעטע, בלויז אין די זאָקן. צווישן די פרויען האָב איך דערקענט כאַנטשען אויך. זי איז געזעסן אויף די קני פון אַ הויכן מאַנספּאַרשוין און האָט געלאַכט האַלב־באַוווסטזיניק מיט אַ נערוועזן שיכּורן געלעכטער. אויסגעליידיקטע פלעשער זענען געווען פול אָנ־געשטעלט אויפן טיש.

אַ פאַרדרוס האָט מיך אַרומגעכאַפּט און אַ מערקווירדיק געפיל איז איז מיר אויפגעגאַנגען. וואָס עס האָט זיך דעמאָלט

געטאָן אין מיין נשמה, בין איך נישט אימשטאַנד צו באַשרייבן. ווען נישט די מורא פאַר זיי, ווייל זיי זענען געווען אַ גאַנצע חברה, וואָלט איך מיך געוואָרפן אויף דער אומטרייער גע־ליבטער. איך האָב שוין געוואָלט אַוועקגיין, איך זאָל כאָטש דערויף נישט קוקן. דאָ האָט מיך די שוועסטער דערזען, זי האָט זיך געוואָרפן צו מיר, און מיך אַריינגעשלעפט אין דער מיט אַריין. איך האָב מיך מיט אַלע כוחות געוואָלט באַפרייען, אָבער די העלדישע רוסישע אָפיצירן זענען איר געקומען צו הילף און מען האָט מיך מיט כוח אַוועקגעזעצט ביים טיש. זיי האָבן אויך געפרוווט מיך אויסצוטאָן. אָבער איך האָב מיך פאַרביסן פאַרטיידיקט. דאָך, ווילנדיק נישט ווילנדיק, טרינקען האָב איך געמוזט מיט זיי און ביי יעדן גלעזל האָב איך גע־מוזט האַלטן אַ טאָסט:

— דאָ זדראַסטוויעט וואָינאַ! (זאָל לעבן די מלחמה!)

— דאַלאָי גערמאַניאַ! (נידער מיט דייטשלאַנד!).

און נאָך אַנדערע אויסרופן לכבוד דער מלחמה. כאַנטשע האָט זיך מיר אָנגעהאַנגען אויפן האַלז און האָט געוויינט מיט פאַרשיכּורטע טרערן. זי איז געווען פולשטענדיק שיכּור. איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָ איז געשען, וואָס אויך זי געפינט זיך דאָ. די פאַרוויילונג האָט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ערשט צומאָרגנס נאָך מיטאָג, ווען איך האָב מיך אויפגעוועקט אויף מיין געלעגער, האָב איך מיך געוווּ־דערט, ווי אַזוי און ווען מען האָט מיך דאָ אַוועקגעלייגט.

ווען איך האָב מיך אָנגעטאָן, איז שוין געווען נאָך דריי אַ זייגער. דער קאָפּ האָט מיר נאָך ווי געטאָן, אַזוי אַז איך האָב זיך קוים געקאָנט האַלטן אויף די פיס. איך בין געווען בייז אויף זיך אַליין און האָב באַשלאָסן באַלד זיך דורכצושמו־עסן מיט כאַנטשען, וואָס עס זאָל באַדייטן איר אויפפירונג און וואָס עס האָט זיך דאָ געטאָן די נאַכט.

אין דער היים איז זי ווידער נישט געווען; איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי איז ביי דער שוועסטער, בין איך אַרויף אין דער הויף. מען האָט מיך דאָ פריילעך באַגריסט. „צווײ־

נאַס" מיט דער מאַמען זענען אויך דאָרט געווען. אַלע האָבן געקוקט אויף מיר נייגעריק און גלייכצייטיק פּראָוואָצירנדיק. איר שוועסטער האָט זיך די ערשטע ציניש אָפּגערופן צו מיר:

— וואָס, שוואָגערשי, וועט ווערן מיט דיין געליבטער, ווען מען וועט אויך דיך נעמען אין דער מלחמה אריין? — און זי איז אויסגעבראָכן מיט אַ געלעכטער.

— אויף וואָס פאַר אַ מלחמה? — האָב איך געפרעגט. — איך ווייס נישט וועגן קיין שום מלחמה, דאָס האָט אייך דער נעכטיקער בראָנפן דעם קאָפּ צעמישט.

— וואָס, דו ביזט אַראָפּגעפאַלן פון דער לבנה? — האָט זיך „צווייגאַס" אָנגערופן. — קיינער רעדט איצט נישט וועגן עפּעס אַנדערש, נאָר וועגן דער מלחמה מיט די דייטשן.

איך האָב מיט נייגעריקייט אויסגעהערט זיינע מיינונגען. ער האָט געגעבן צו פאַרשטיין אַ צופרידענער, אַז איצט וועלן ערשט אָנקומען גוטע צייטן פאַר דאַמעלעך. דערביי האָט ער אָנגעוויזן אין דער ריכטונג פון דער שוועסטער.

די שוועסטער האָט זיך אַריינגעמישט אין געשפּרעך:

— הער, שוואָגערשי, אויב דו וועסט איצט נישט זיין קיין נאַר, וועסטו זיך גוט אונטערפּיטערן. כאַנטשע וועט האָבן דערפאָלג און זי וועט גוט פאַרדינען. זעסט, ערשט נעכטן איז די מלחמה אויסגעבראָכן און שוין צערייסט מען אונז. איצט וועלן די נקבות געוויגן ווערן מיט גאָלד צוגלייך.

— זע, דורך די נעכטיקע נאַכט האָב איך מיט כאַנטשען פאַרדינט 159 רובל. נו, און פאַר אייך זענען אויך געקומען גוטע צייטן. די פּאָליצייַ וועט זיין פאַרנומען מיט דער מלחמה און אייך וועט מען לאָזן אין גאַנצן צורו; איר וועט קאָנען גנבענען אויפן גאַנצן „זיכער".

זי האָט אויסגערעכנט נאָך אַ סך נוצלעכע זאַכן, וואָס די מלחמה וועט ברענגען, און האָט זיך ווידער משוגע צעלאַכט אויפן גאַנצן קול.

כאַנטשע איז די גאַנצע צייט פון געשפּרעך געשטאַנען אָנגעלענט ביים פענסטער און האָט טרויעריק געקוקט אין מיין

זייט; ווייזט אויס, אַז נאָך דער אָפּגעהוליעטער נאַכט האָט זי נישט געוואָגט צו דערנענטערן זיך צו מיר. זי האָט געוווּסט, אַז איך וועל קיינמאָל נישט איינגיין דערויף, אַז זי זאָל פאַרדינען מיט איר קערפּער.

— זאָג מיר, כאַנטשע, — האָב איך זי געפרעגט, — וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדייטן?... ווי שעמסטו זיך נישט, — האָב איך צוגעגעבן, צעקאָכנדיק זיך וואָס אַמאָל מער. דערביי האָב איך איר אַריינגעזאָגט מוסר, וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט. עס איז אַזש דערגאַנגען צו אַ מחלוקה צווישן מיר מיט איר פאַמיליע.

— דו, ברודערל, זײ נישט אַזאַ חכם, — האָט זיך אַריינגעמישט „צוויינאָס״, — הויב נישט אַזוי אויף דאָ דיין קולעכל; איך וועל באַווייזן איינס צוויי מיט דיר זיך אָפּצורעכענען.

עס איז אַנטשטאַנען צווישן אונז אַ דראָענדיקער ווערטעראויסטויש. עס האָט נישט קיין סך געפעלט, עס זאָל קומען צו אַ געשלעג.

כאַנטשע איז געווען אויף מיין זייט, זי האָט זיך אוועקגעשטעלט צווישן מיר מיטן ברודער. די מאַמע ווידער האָט מיר אויסגערעדט, אַז איך בין אַ בחינמדיקער פרעסער און אַז פון מיר וועט קיינמאָל נישט זיין קיין גוטער גנב.

איר שוועסטער האָט ווידער געזאָגט צו מיר מיט כעס:

— אַ שיינער „קאָכאַנעק״! ביי אַזאַ קאָכאַנעק קאָן מען פגרן פון הונגער. אַ פיינער גנב איז ער מיר, וואָס לאָזט זיך פּאַקן ביי דער אַרבעט און קאָן קיינמאָל גאָרנישט צולאַקכענען...

די אַוואַנטורע האָט זיך ערשט דעמאָלט אָפּגעשטעלט, ווען כאַנטשע האָט מיך אַראָפּגעשלעפּט מיט זיך אונטן אַראָפּ.

כאַנטשע איז געווען אַ לייכטזיניק מיידל, אָבער דאָך נישט קיין פאַרדאָרבענע. זי האָט זיך אויפגעצויגן אָן אַ טאַטן, ווען זי האָט קיינמאָל נישט געקענט. איך בין זיכער, אַז די מוטער גופא וואָלט נישט געווען אימשטאַנד נענטער אָפּצושילדערן דאָס אויסזעז פון כאַנטשעס טאַטן. אירע קינדער זע-

נען געווען „פֿאַרדינטע", ווי זי פּלעגט זיך אַליין וועגן דעם אויסדריקן, זי האָט זיך מיט דעם גאָרנישט באַהאַלטן.

איר מוטער האָט געהאַט הינטער זיך זייער אַ שטורמישע פֿאַרגאַנגענהייט. זי האָט מיר איינמאָל דערציילט, אַז יונגערהייט איז זי געווען אַ בילד־שיינהייט און נישט איין אַוואַנטורע האָט זי אַרויסגערופֿן צווישן אירע פֿאַרערער. שפּעטער האָט זי גע־האַלטן אַן אויסגעלאַסן הויז אין כאַרבין, און אַפֿילו איין סאַמע כינע. אַלס צייכן פֿון דער אַמאָליקער שיינקייט, מיט וועלכער זי האָט אַזוי שטאָלצירט, זענען איר פֿאַרבליבן בלויז די אויגן, גרויסע שוואַרצע אויגן, ווי די נאַכט. איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט אויסהאַלטן איר דורכדרינגלעכן בליק. די טעכטער האָבן אויך געהאַט אַזעלכע אומרואיקע אויגן, וואָס עס האָט זיי צוגעגעבן חן. אויך איצט האָט זי אויסגעהאַלטן אַן אויס־געלאַסן הייזל, און ווען די טעכטער זענען אונטערגעוואַקסן, האָט די עלטערע ווייטער געפֿירט דאָס געשעפֿט. זי ווידער האָט צוגעהאָלפֿן דעם זון און פֿאַרזאָרגט, ווי איך האָב שוין דערציילט, די „פּערדלעך". כאַנטשע האָט זיך לאַנג איינגע־עקשנט און נישט געוואָלט ווערן קיין „אָפֿיציעלע". עס האָבן נישט געהאָלפֿן אַלע ווענדונגען פֿון דער מאַמען, שוועסטער און ברודער, וועלכער האָט זי געשלאָגן דערפֿאַר, וואָס זי איז אַ נאַרישע גאַנז.

נישט איין מאָל האָט מיר די שוועסטער געזאָגט, אַז כאַנטשע איז אַ בילד־שיינע און זי דאַרף עס קאָנען געהעריק אויסנוצן אויף צו מאַכן געלט, און נישט זיך האַלטן דאָרט ביי אַ געליבטן... די שוועסטער האָט איר אויך געגעבן צו פֿאַר־שטיין, אַז אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרטאַכליעוועט זי בלויז איר שיינ־קייט אָן שום נוצן...

איצט האָט זי זיך אונטערגעגעבן דעם דרוק פֿון דער פֿאַמיליע. די נידערטרעכטיקע מאַמע האָט איר געגעבן צו פֿאַר־שטיין, אַז איצט, ווען עס איז אַ מלחמה, איז די בעסטע צייט און געלעגנהייט צו מאַכן אַ פֿאַרמעגן. נאָך אַ סך אַנדערע פֿאַרלאָקונגען האָט זי געשילדערט דער ווידערשפּעניקער טאָכ־

טער. כאַנטשע האָט דאָס אַלץ נישט גערן אָנגענומען. אָבער זי האָט זיך אונטערגעגעבן. זי האָט מיר אַלץ דערציילט, וואָס עס איז געשען אין דער נאַכט. דער העלדישער אָפיציר, וואָס האָט זי געהאַלטן אויף דער קני, האָט איר דערפאַר געגעבן אַזש הונדערט רובל, ער זאָל זי האָבן. זי האָט נישט געוואָלט בשום אופן, אָבער זיי האָבן געדראָט, אַז זיי וועלן זי אין גאַנצן פון שטוב אַרויסוואַרפן, אויב זי וועט דערצו נישט איינשטימען. די שוועסטער האָט זיך באַקלאָגט, אַז צוליב איר וועלן די געסט אויפהערן אויך זי צו באַזוכן; זיי האָבן זי אַזוי לאַנג געפייניקט, ביז זי האָט איינגעשטימט.

ווען איך האָב זי אויסגעהערט, האָט מיך אַרומגענומען אַ רחמנות און איך האָב זי שטאַרק באַדויערט. זי האָט איצט געוועבט פאַר מיר פלענער פאַר דער צוקונפט:

— זעסט, מיין געליבטער, בייזער דיך נישט אויף מיר; איך וועל פאַרדינען אַ סך, גאָר אַ סך געלט, דערנאָך וועלן מיר אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע. דאָרט וועלן מיר ערשט חתונה האָבן, ווי ביי יידן פירט זיך, — האָט זי נאַאיוו געענדיקט.

זי האָט פאַר מיר אויך פאַרטרויט, אַז זי ליבט מיך באמת און זי האָט באַשלאָסן אַליין זיך מקריב צו זיין דערפאַר, ווי זי האָט געזאָגט, אַז איך זאָל נישט גיין גנבענען.

— איך וויל נישט, אַז דיר, טייערער, זאָל דראָען קרימינאַל; און מיר דראָט העכסטנס אַ פּאָר טאָג אין „לאַביי" (ווענעריש שפיטאָל), אָבער איך וועל זיין פאָרזיכטיק, — האָט זי טרויעריק געענדיקט.

כאַנטשע האָט געוווּסט אַלץ פון מיין לעבן. איך האָב איר אַליין דערציילט וועגן דער ישיבה, וועגן דער מאַמען, וועגן סאָניען. זי האָט דערפילט, אַז איך אַליין לאָז זיך אויך נישט גערן אַריין אין דעם לעבן, דערפאַר האָט זי געמיינט, אַז איך וועל מיט פאַרגעניגן מסכים זיין, אַז זי זאָל גיין פאַרדינען אויף דער גאַס. אָנשטאָט דעם האָב איך געדאַרפט געבן ס'וואָרט, אַז איך וועל מיט איר חתונה האָבן. איך האָב, דעם

אמת זאָגנדיק, אויסגעשעפּט דעם גאַנצן זאַפּאַס פון מיין וואָרט־קונסט, אָפּצוהאַלטן זי פון דעם שריט, ווייל איך וועל מיך מודה זיין, עס איז מיר נישט אַזוי ווייט געגאַנגען וועגן איר, ווי איך בין געווען אייפערזיכטיק.

זי אָבער האָט פאַרעקשנט דערקלערט, אַז זי וועט פאַר־דינען אַזוי פיל געלט, אַז עס וועט גענוג זיין פאַר אונז ביידן. כּדי מיר צו איבערצייגן, האָט זי אַרויסגעצויגן פון זאָק אַ פּאָר באַנקנאָטן צו 10 רובל און געבעטן, איך זאָל זיי צונעמען.

דאָס איז געווען אַ העלפט געלט פון דעם פאַרדינטן הונדערטער. דאָס איבעריקע האָט צוגענומען די מאַמע.

— נעם, — האָט זי זיך געבעטן, זעענדיק מיין וואַקלעניש.

איך בין געווען פאַרדאַרבן אויף אַזוי פיל, אַז נאָך אַ קורצער וואַקלעניש האָב איך דאָס געלט באַהאַלטן אין קעשענע, כאָטש איך האָב גוט געוווּסט, אַז עס איז פאַרדינט געוואָרן מיט איר קערפּער...

איך האָב איר שאַרף אָנגעזאָגט, אַז איך וועל דאָס קיינ־מאָל נישט דולדן. זעענדיק מיין ווידערשטאַנד, האָט זי ענד־לעך צורו געלאָזט, נאָר מיטן תּנאַי, אַז איך וועל מיך מיט יענער נישט זען.

כ׳ווייס נישט, צי איך האָב זי געליבט, דאָך איז צווישן אונז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אונז צוגעבונדן צו זיך. איך האָב געליטן פון איר צער, און איר טרויער האָט זיך באַלד איבערגעטראָגן אויף מיר; אין אַזעלכע מינוטן האָב איך מיך געוואָרפן אין רויש פון הוליאַנקעס און שיכּרות, כּדי וועגן דעם אַלעם נישט טראַכטן.

עס זענען פאַרביי אַ פּאָר וואָכן, וועגן דער מלחמה האָבן שוין געזונגען די פויגעלעך אויף די דעכער און יעדעס קינד האָט שוין גערעדט דערפון. אומעטום האָט מען געזען מילי־טער און אפילו פאַרוווּנדעטע.

טראָץ דער בקשה פון כאַנטשען, איך זאָל נישט גיין גנבענען, האָב איך איצט מיט נאָך אַ גרעסערן ברען געזוכט עמאָ־ציעס אין די געפאַרן, וואָס האָבן מיר געדראָט ביי די גניבות.

איך האָב איר דאָס געטאָן צו להכעיס, ווייל זי האָט גאַנצע נעכט פאַרבראַכט אויסער דער היים. עס האָבן אַפילו גע־טראָפן טעג, ווען מיר האָבן זיך איבערהויפּט נישט געזען. איך האָב אויך געמאַכט פאַרשידענע באַקאַנטשאַפטן און האָב איצט געהאַט אַ סך חברים און חברטעס פון דער פאַרברעכע־רישער וועלט.

פון טאָג צו טאָג האָב איך געפילט, אַז איך קייקל מיך אַראָפּ וואָס אַמאָל נידעריקער און נידעריקער. דערמאָנענדיק זיך אָן דער מאַמען און דעם טאַטנס שטוב, האָב איך מיר קלאָר געמאַכט מיין לאַגע און דעמאָלט האָב איך מיך גע־וואָלט אַרויסרייסן פון דעם לעבן. עס האָט מיר אָבער נישט געקלעקט קיין מוט דערויף, און כאָטש איך האָב געפילט מיין געפאַלנקייט, האָב איך מיך דאָך נישט געקאָנט איינהאַלטן און געטאָפּטשעט אין דעם זומפּ וואָס אַמאָל ווייטער און ווייטער.

די פאַרשידענע חרטה־געפילן, וואָס זענען מיר באַפאַלן, האָבן אָנגעהאַלטן קוים אַ רגעלע. און אַפילו נאָך אַזאַ דער־שיטערונג האָב איך מיך מיט נאָך מער ברען אַריינגעוואָרפן אין די אָרעמס פון פאַרברעכנס און הוליאַנקעס.

מיט איין וואָרט: פון טאָג צו טאָג האָב איך געוווּנען מער פריינט און יעדער פון „אונזערע" האָט גערן מיך גע־וואָלט האָבן פאַר אַ שותּף. די סיבּות פון דעם דערפאָלג דאַרף מען אין אַ גרויסער מאָס זוכן דערין, וואָס איך האָב געהאַט אַלס געליבטע די אין די דאָזיקע קרייזן פּאָפּולערע שיינע שוועסטער פון „צווייגאַסן", צו וועלכער יעדער האָט זיך גע־חנדלט. עס האָט אויך געווירקט מיין פיזישע קראַפט, וואָס ווערט אין דער פאַרברעכער־וועלט אַממייסטן געשעצט, און איבעריקנס אויך דאָס, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, וואָס איך בין אָנגעגאַנגען פאַר אַ געבילדעטן. עס האָט זיי אימפּאָנירט, וואָס אַ געוועזענער קאַנדידאַט אויף אַ רבֿ האָט געהערט צו זייער „געשעצטער" געזעלשאַפט. מען האָט זיך צו מיר תּמיד צוליב דעם באַצויגן מיט דרך־ארץ, ווייל כאָטש איך בין דאָ געוועזן אַן אָנפאַנגער, האָט מען מיך פאַרבעטן אויף „דין־

תּורהס״ און מען האָט דאָרט גערן אויסגעהערט מיין מיינונג.

דאָס געשעעניש, וואָס איז באַלד דערנאָך פאָרגעקומען, האָט מיך נאָך מער פּאָפּולער געמאַכט צווישן אייגענע; וועל איך עס טאַקע דאָ דערציילן.

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

אין אַ געוויסן טאָג איז ביי אונז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז אין דער היינטיקער נאַכט דאַרפן מיר דורכפירן אַ ריזיקאַלישע אונטערנעמונג.

די אַרבעט איז באַשטאַנען דערין, וואָס מיר האָבן גע־דאַרפט אויסליידיקן אַ יוּוועליר־געשעפט. דאָס איז געווען אַן אויפגאַבע נישט אַזוי לייכט דורכצופירן, ווייל דער נאַכט־וועכ־טער וואָס איז באַקאַנט געווען מיט זיין געטריישאַפט, האָט פלייסיק געהיט דאָס געשעפט און ער איז געווען אויף אַזוי פיל פאָרזיכטיק, אַז יעדע פאָר מינוט האָט ער באַטאַפּט די שלעסער און האָט געפּרוּווט די אייזערנע שטאַבעס ביי די לאָדנס. דער דאָזיקער וועכטער האָט נישט איינעם קאַליע געמאַכט די „אַרבעט״ ביי די גנבים... ווען זיי האָבן זיך אויף דער דאָזיקער גאַס, און אַ פאָר חברה־לייט האָט ער אַפילו שוין אַריינגעפּאַקט אין קרימינאַל אַריין. עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס עס האָט אין אונז געברענט דער חשק נקמה צו נעמען אָן אים, און יעדער פון אונז האָט געהאָפט, אַז ער וועט אים אָפּטאָן עפּעס אַ שפּיצל. זיין שם, וואָס ער האָט געהאַט צווישן די קרעמער אַלס גנבים־בענדיקער, וואָלט דעמאָלט אַראָפּגעפאַלן ביז צום לעצטן שטאַפּל.

עס איז געווען אַ קילע האַרבסט־נאַכט. אַרום האַלבער נאַכט האָבן מיר, דריי מענער און איין פרוי, זיך דורכגע־שלייכט, ווי שאָטנס, אין דער ריכטונג פון דער גאַס, וווּ עס האָט געזאָלט אויסגעפירט ווערן דער פּלאַן, וואָס „צווייגאַס״

האָט אויסגעאַרבעט. יעדער פון אונז האָט גוט געקענט זיין אויפגאַבע. מיר זענען געווען גרייט אַפילו אין פייער אַריינצושפרינגען אויפן באַפעל פון אונזער הערשער. מיר האָבן איינשטימיק אָנערקענט, אַז זיין פּלאַן איז פשוט געניאַל און די אַרבעט מוז זיך אונז איינגעבן. פונדעסטוועגן, טראָץ אונזער אַבסאָלוטער זיכערקייט, איז עס נישט אַראָפּ פון אַ האַרץ־קלאַפּעניש, וואָס מוז יעדן גנב ביי אַזאַ אונטערנעמונג שטענדיק באַגלייטן.

ענדלעך זענען מיר צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. דאָס מיידל האָט אונז דערלאַנגט דאָס „געפעס" (אויף גנבים־שפּראַך אינסטרומענטן, וואָס מען באַנוצט צו אַ גניבה), ווייל אויף אַ פּרוי וועט קיינער אַזוי גיך נישט אויפמערקזאַם ווערן, האָט זי שטענדיק געטראָגן די גנבישע אינסטרומענטן. דערנאָך פלעגט זי זיך דערווייטערן, כדי אויסצופירן אירע ווייטערדיקע אויפגאַבן.

כדי מיר זאָלן נישט ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם וואַכזאַמען וועכטער, האָבן מיר אין אַן אַנטשפּרעכנדיקן מאָמענט זיך אַריבערגעגנבעט אויף דער צווייטער זייט גאַס און מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין טויער קעגנאיבער דעם געוועלב.

— געוואַלט! — ראַטעוועט! — גנבים! — באַנדיטן! — האָט זיך אַרום אונז דערהערט אַ מוראדיק קול, וואָס רופט נאָך הילף. דאָס דאָזיקע געוואַלט איז געקומען פון עק גאַס.

ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, איז דער וועכטער כסדר געשטאַנען און געהיט. עס איז אַלזאָ גאָרנישט קיין ווונדער, אַז אויף אַזאַ פאַרצווייפלטן געשריי פון אַ פּרוי, וואָס רופט נאָך הילף, האָט ער אַהינגעאיילט מיט דער גאַנצער פאַרע. אויף דעם טאַקע האָבן מיר געוואַרט, כדי אויסצונוצן דעם מאָמענט, און מיר זענען גלייך צוגעשפּרונגען צו דער טיר פון געשעפט און מיט נאָכגעמאַכטע שליסלען האָבן מיר אין איין מינוט געעפנט די שלעסער און פאַמעלעך, אָן ווידערשטאַנד, אויפגעהויבן אין דער הויך דעם באַוועגלעכן לאָדן (זשאַלוזיע).

„צווינאַס" האָט זיך אַריינגעשלייכט מיט צווי לעדערנע זעק־לעך אינעווייניק אַריין. איך ווידער האָב פּאַמעלעך אַראָפּגע־רוקט דעם לאָדן און האָב פאַרשלאָסן פונקט אַזוי, ווי עס איז געווען פריער, און האָב מיך צוריק באַהאַלטן קעגנאיבער אין טויער אַריין, אויף דעם אָפּגערעדטן פּאָסטן, פון וואַנען איך האָב געדאַרפט אָבסערווירן די ווייטערדיקע געשעענישן.

דער וועכטער איז אַ דאַנק דעם הילפס־אַלאַרם נישט דאָ געווען אַ האַלבע שעה צייט. איך האָב אים אָבער אָבסער־ווירט, ווען ער איז צוריקגעקומען. ער האָט זאָפאָרט אויס־געפּרוווט די שלעסער פון אַ גאַנצער ריי געוועלבער. ער האָט געטאַפּט אַלע טירן און לאָדנס און געשאָלטן אויפן קול, אויף וואָס די וועלט שטייט נאָר, די אַלע לאָבוזעס און גנבים, וואָס גיבן נישט קיין רו די מענטשן.

באַלד האָט ער זיך דערנענטערט צום יוועליר־געשעפט. קיין אויג האָב איך פון אים נישט אַראָפּגעלאָזן. מיט כעס האָט ער געשלעפּט די שלעסער און האָט באַטראַכט די שטאַבעס פון דעם שוי־פענסטער. אין ערשטן אויגנבליק האָט זיך מיר גע־דאַכט, אַז ער האָט דאָרט עפּעס באַמערקט, ווייל ער איז דאָרט געבליבן שטיין לענגער ווי ביי אַנדערע געשעפטן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך דערווייטערט אַ פּאָר טריט פון „אונזער" געוועלב און האָט זיך אָנגעלענט אָן דער וואַנט. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם שטעקן און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן מיט פּאַמעלעכע שריט צו שפּאַנען הין און צוריק אויף דעם שטיקל גאַס, ברומענדיק עפּעס אונטער דער נאָז.

ווי צוגעקאָוועט צו דער מויער בין איך געשטאַנען אין טויער און אָבסערווירט יעדע באַוועגונג זיינע. יעדע מינוט האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַן אייביקייט. מיט אַמאָל האָט זיך דאָס טירל פון טויער, אין וועלכן איך בין געשטאַנען, געעפנט. איך האָב אַ ציטער געטאָן. דאָס איז געווען דער דריטער שותף, וועמען איך האָב דאָ טאַקע דערוואַרט.

ער האָט זיך צו מיר צוגעשלייכט שטיל, ווי אַ שלאַנג.

ערשט, ווען ער איז געשטאַנען אויג אויף אויג לעבן מיר, האָב איך אים דערזען.

— וואָס הערט מען דאָ? — האָט ער מיר איינגערוימט אין אויער אַריין. — אַלץ, וואָס געהערט צו מיר, האָב איך אויסגעפירט. דער פּלאַן האָט זיך אונז ביז איצט אויסגעצייכנט איינגעגעבן. דו האָסט געהערט דאָס גערודער, וואָס זי האָט אָנגעמאַכט? איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי איך שלאָג זי מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. ערשט ווען דער בעזים (אַ נאַכט-וועכטער אויף גנבים-לשון) האָט זיך דערנענטערט, בין איך אַנטלאָפן. עס דאַכט זיך מיר, אַז זי האָט אַפילו געחלשט און מען האָט טעלעפאָנירט נאָך דער קאַרעטקע פון דער גיכער מעדיצינישער הילף. איך זאָג דיר, זי איז אַ וואַזשנע מויד. איר ראָלע האָט זי גלענצנד געשפּילט. דערנאָך האָב איך אויך פאַרלאָשן אויף דער גאַס דעם לאַמטערן, עס זאָל נישט זיין אַזוי ליכטיק. און דאָ, ווי איז עס צוגעגאַנגען?

— ביז איצט גייט אַלץ גוט, — האָב איך געענטפערט, — נאָר קוק, דער פאַרשאָלטענער שומר וויל זיך איצט נישט דערווייטערן פון דאַנען אויף קיין איין שריט. וואָס וועט זיין, אַז ער וועט זיך שפּעטער אויך נישט רירן פון אָרט, און עס וועט קומען די צייט אַרויסלאָזן אים פון דער „אַרבעט"?... וואָס וועלן מיר דעמאָלט, ברודער, טאָן?

— וואָס מיר וועלן טאָן? — האָט געענטפערט דער שותף. — מיר וועלן מוזן אָננעמען אַלערליי מיטלען, מען זאָל אים אומבאַדינגט פונדאַנען באַזייטיקן, און באין ברירה וואָלט מען געמוזט אַפילו אָנווענדן קראַפט...

דערביי האָט ער מיר אונטערגערוקט אַ רעוואָלווער אונטער דער סאַמע נאָז, כדי מיר צו ווייזן, אַז ער איז נישט קיין פּחדן.

איך מוז מיך אויפריכטיק מודה זיין, אַז אויפן אָנבליק פון דעם דאָזיקן מערדערישן אינסטרומענט, וועלכן איך האָב ביז איצט, אַזוי לאַנג ווי איך לעב, נישט געהאַט אין האַנט, איז מיר נישט גוט געוואָרן און אַ שוידער האָט מיך דורכגע-

נומען. וואָלט איך, הייסט עס, געדאַרפט אַפילו אַ מענטש דער־מאָרדן? ניין! קיינמאָל נישט! אַ גניבה דאָס איז אַן אַנדער זאַך, אָבער אַ מערדער, פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט. כ'האָב מיר דעמאָלט נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ מענטש זאָל איבערהויפּט קאָנען פעאיק זיין צו אַזאַ זאַך.

מיר זענען ביידע געשטאַנען איינער לעבן אַנדערן, איינ־הערנדיק זיך אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. פון צייט צו צייט האָט די שטילקייט איבערגעריסן אַ פייפל פון דעם נאַכט־וועכטער, וואָס האָט געקלאַפּט מיט זיין געקאָוועטן שטעקן איבער דעם שטיינערנעם טראָטואַר. טראָץ אונזער גאַנצער זיכערקייט, וואָס איינער האָט זיך באַמיט פאַר דעם צווייטן אַרויסצוווייזן, האָבן מיר ביידע געהערט דאָס קלאַפּן פון אייגענעם האַרץ. מיר האָבן ביידע געטראַכט וועגן איין זאַך, — אַז די דאָזיקע שרעקלעכע אומזיכערקייט זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן.

דער דאָזיקער הויכגעערטער קאָלעגע מיינער האָט ערשט נישט לאַנג צוריק פאַרלאָזט די תפיסה־מויערן אין אָריאָל, וווּ ער איז אָפּגעקומען 4 יאָר „אַרעסטאַנטן־ראָטע". אין מיינע אויגן איז ער אויסגעוואַקסן פאַר אַ העלד. איך וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז עס איז מעגלעך אַזש פיר יאָר צו זיצן, ווען איך וואָלט נישט מיט מיינע אייגענע אויגן געקענט דעם מענטש. נאָך דערצו זיצן אין אָריאָל. שוידערלעכע זאַכן האָט מען דער־ציילט. פאַר אַ ליאַדע עבירה האָט מען דאָרט פאַרשמיסן ביז צום טויט. „צוויינאַס" האָט אים צוגענומען צו דער אונטער־נעמונג אַלס שותף, דערביי האָט ער אים נישט געלאָזט צופיל ריזיקירן. ער וויל בעסער אַליין, זאָגט ער, אַריינגיין אינעווי־ניק אין געשעפט אַריין און ריזיקירן. ביי יעדער גניבה, האָט ער געזאָגט, איז אַכציק פּראָצענט דערפאָלג אויף דער זייט פון דער פּאָליציי. ער האָט געוואָלט געבן די מעגלעכקייט אַזאַ מאַרטירער און עלטערן קאָלעגע, וואָס איז אַזוי לאַנג געזעסן הינטער די קראַטן, צו כאַפּן אַ לייכט פאַרדינסטל. דער מנהג ווערט געניטן אָפּגעהיטן אין דעם גנבים־וועלטל, אַז ווען דער גנב איז אָפּגעזעסן אַ לענגערן אורטייל, דאַרף מען אים נעמען

אויף אַרבעט, כּדי ער זאָל פאַרדינען, דערבײַ טאָר מען אים נישט לאָזן צופיל ריזיקירן און אַ חלק קריגט ער שטענדיק גלײַך מיט אַלעמען.

ענדלעך נאָך אַ לאַנג און אומגעדולדיק וואַרטן האָט זיך אין דעם שוי־פענסטער באַוויזן דער אָפּגערעדטער „צינג" (אַ וואָרנונגס־צייכן). דאָס איז געווען אַ צייכן, וואָס איז אונז גע־געבן געוואָרן, אַז די אַרבעט איז שוין געענדיקט. מען דאַרף איצט נאָר טראַכטן וועגן אַרויסקריגן צווייגאַסן פון דער פּו־לאַפּקע צוזאַמען מיט דעם רויב... אָבער ווי אַזוי?

אַזוי ווי ער וואָלט זיך אויף אונז פאַרנומען, האָט זיך דער וועכטער, ווי אויף צו־להכעיס, אַוועקגעשטעלט לעבן דריטן געוועלב, אָנגעלענט אויפן שטעקן, ווי ער וואָלט נישט געהאַט בדעה קיינמאָל פון דאַנען זיך צו רירן. מיר האָבן געוואַרט מיט אויסדויער, ווייל מיר האָבן גוט געוווּסט, אַז צו זיינע פליכטן געהערט אַ האַלבע גאַס. מיר זענען זיכער געווען, אַז פריער צי שפּעטער מוז ער זיך דערווייטערן.

ענדלעך האָט ער גערירט פון אָרט. מיר האָבן אָפּגע־אָטעמט לייכטער. אָבער נאָך דעם, וואָס עס איז איצט געשען, איז אונז דאָס בלוט אין די אָדערן פאַרגליווערט געוואָרן. אָט האָט ער געמאַכט אַ פּאָר שריט און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דעם געשעפט, אויף וועלכן עס איז געווען געווענדעט אונ־זער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט געפּרוּווט די שלעסער, האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק אַריין יעדע ווײַלע, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעלענט מיט די פּלייצעס אָן דער זשאַלוזיע פון דער טיר און האָט אויסגעפּיפן עפּעס אַ לידל. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט באמת געוווּסט, וואָס עס טוט זיך דאָ, אַז מיר זענען דאָ פאַראַן, אָבער ער לאַכט זיך אויס פון אונז און ער היט נאָך איצט אָפּ, אַז דאָס פויגעלע זאָל בלייבן אין דער שטייג ביז אין דער פרי. וואָס לענגער איך האָב אָבסערווירט זיין זיכערקייט, אַלץ גרעסערע פאַרצווייפלונג האָט מיך אַרומגענומען. עפּעס האָט דאָ געמוזט געשען; מסתּם האָט ער עפּעס דערשנאַפּט, אָבער וואָס? דער שותף, וואָס האָט זיך מער געקענט אויף די

ואָכן, ווי איך, האָט זיך אויך אָנגעהויבן באַאומרואיקן און האָט מיר איינגערוימט דירעקט אין אויער אַריין:

— ווייסט וואָס, ברודערשי... אויב עס וועט ווייטער אַזוי גיין און דער „בעזים" (נאַכט־שומר) וועט פון דאַנען נישט אָפּ־טרעטן ביז אין אַ שעה אַרום, וועלן מיר אים מוזן „לירן" (הרגענען). האָסט פאַרשטאַנען?

איך האָב אים צו גוט פאַרשטאַנען; אַ ציטער איז מיר דורכגעלאָפן דורכן גאַנצן קערפּער. קיינמאָל האָב איך מיך נישט געפונען אין אַזאַ סיטואַציע. צוריקגיין פון דאַנען, האָט געהייסן נעמען אויף זיך די קאָנסעקווענצן; מען וועט מיר מאַכן אַ „דין־תורה".

וואָס עס הייסט אַ „דין־תורה" האָב איך שוין געוווּסט. איך בין איין מאָל געווען אַן עדות, ווי טרויעריק זי האָט זיך געענדיקט פאַרן אָנגעקלאָגטן. איך האָב געזען, ווי ער האָט געבעטן רחמים, מען זאָל אים מוחל זיין. אָבער די גרויזאַמע ריכטער האָט עס נישט גערירט. געהאַנדלט האָט עס זיך וועגן דעם, וואָס דער אַרעסטירטער האָט זיך מודה געווען אין דער פּאָליציי, אַז ער ווייסט ווער עס איז באַגאַנגען די גניבה, אין וועלכער מען האָט אים חושד געווען. היינט־זשע וואָס וואָלט ערשט מיך געטראָפן, ווען איך וואָלט זיך דערשראָקן און אַנט־לאָפן פון פּאָסטן און איבערגעלאָזט דעם שותּף אויף הפקר פאַר דער פּאָליציי?

דאָ האָב איך זיך דערמאָנט די ווערטער פון „צווייגאַסן", וועלכע ער האָט מיר אויף די לעקציעס כסדר איבערגעחזרט: „אַ שותּף איז פאַר אַ גנב אַלץ: אַ טאַטע, אַ ברודער, אַ שוועס־טער; מען דאַרף אים אָפּהיטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ, און אין פאַל פון אַ געפאַר מוז מען פאַר אים דעם לעצטן טראָפּן בלוט אָפּגעבן". ווען איך האָב אים דעמאָלט געפרעגט, פאַרוואָס ער טוט נישט אַזוי מיט די „פערדלעך", האָט ער מיר געענטפערט, אַז עפּעס אַנדערש איז אַ „פערדל" און עפּעס אַנדערש איז אַ שטענדיקער שותּף, מער נאָך — אַ שוואָגער; מוז איך דאָך אים געוויס ראַטעווען. נו, און דער ריזיקער רויב האָט אויך עפּעס

אַ שטיקל באַדייטונג און קיינמאָל וואָלטן זיי מיר דעם שאָדן נישט מוחל געווען.

ערשט האָב איך אַ קוק געגעבן אויפן שותף און האָב מיך געטראַכט: „אַט דער מענטש, וואָס שטייט לעבן מיר און דריקט נערוועז דעם רעוואָלווער אין קעשענע, ווען איך וועל אים נישט וועלן העלפן, צי וועט ער מיך נישט באַלד באַשטראָפן אויפן אָרט? ער וועט זיכער פון דאַנען ליידיק נישט אָפּטרעטן און וועט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום זאַך".

טרויעריקע געדאַנקען זענען דאָס געווען. ערשט איצט האָב איך דערפילט, אַז דאָס לעבן, וואָס איך האָב מיר אויסגעקליבן, איז פיל געפערלעכער, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט. ביז איצט האָב איך געמיינט, אַז מען דאַרף זיך היטן בלויז פאַר דער פּאָליציי. איצט ערשט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף זיין זייער פאָרזיכטיק אין צוזאַמענלעבן מיט די אייגענע חברים, ווייל פאַר דער קלענסטער עבירה דראָט מיר אַ „דין־תורה".

דער נאַכט־וועכטער איז נישט אָפּגעטרעטן. עס איז שוין אַוועק די אָפּגערעדטע שעה, וואָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן פאַר אַן אייביקייט. הילפלאָז בין איך געשטאַנען, קוקנדיק אויף די אַלאַרמירנדיקע צייכנס פון אינעווייניק, וואָס „צווייגאַס" האָט אונז געגעבן און וועלכע זענען בלויז פאַר אונז געווען פאַרשטענדלעך. ווייזט אויס, אַז ער האָט דערפילט די געפאַר, וואָס האָט אים באַדראָט.

אויפן הימל האָבן זיך באַוויזן די ערשטע ליכט־שטראַלן פון טאָג, און דער וועכטער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט; יעדע רגע האָט זיך אונז אויסגעוויזן פאַר אַ גאַנץ לעבן. די זאַך האָט נישט געטאָרט אָפּגעשלעפּט ווערן. אין אַ ווייל אַרום האָט געדאַרפט נעמען טאָגן. עס האָט אים געדראָט פאַרשיט צו ווערן. דאָס איז אָבער נאָך גאָרנישט. אונזער שותף, אויב מען וועט אים נישט אין גאַנצן דערהרגענען, וועט ער פון דאַנען זיכער אַוועקוואַנדערן אַ צעביילטער און אַ צעהרגעטער דירעקט אין תפיסה־שפּיטאָל אַריין.

פלוצלונג ביז איך געפאַלן אויף אַ זעלטענע המצאה און

איך האָב מיך אַליין געוואונדערט, ווי אַזוי זי איז אַנטשטאַנען אין מיין „פריייערישן" קאָפּ.

— ווייסטו וואָס? — האָב איך געזאָגט צום שותף, וועלכער האָט שוין געפאָדערט מען זאָל „לירן" (דערהרגענען) דעם וועכטער און נישט וואַרטן לענגער. — דו בלייב דאָ, דאָ האָסטו די שליסלען, און איך וועל דורכגיין דורכן הויף און וועל אַרויסקומען אויף דער צווייטער זייט גאַס; דאָרט וועל איך אָנהויבן הויך צו מייסטרעווען מיט דער „שאַפּרע" (אַ לאַנג אייזן, וואָס גנבים באַנוצן עס, פון איין זייט האָט עס אַ שפּיץ און פון דער צווייטער זייט אַ צוועגל) ביים געוועלב, וואָס געפינט זיך אויפן עק גאַס אַזוי, אַז ער זאָל דאָס דערהערן. אויב ער האָט זיך צופעליק אָנגעלענט דאָ אין דער זשאַלוזיע, וועט ער באַלד קומען צו לויפן צו מיר, פאַרליר־זשע דעמאָלט נישט קיין צייט און לאָז „צווייַנאַסן" אַרויס פון אינעווייניק. אויב דער שומר ווייסט אָבער, אַז מען איז דאָרט דאָ, און ער שפּילט זיך בלויז מיט אונז, וועלן מיר דעמאָלט מוזן אים „לירן" — געמאַכט?

דער שותף האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ מיט חשד און געענטפערט:

— נו, מילא, פּרוּוו! אָבער, ווען עס וועט זיך דיר נישט איינגעבן, טאָ געדענק, באַלעמוטשע נישט און קום באַלד צוריק!

כ'האָב מיך דורכגעשלייכט שטיל דורכן הויף, דערנאָך דורך דעם הינטער־געסל. דאָ מוז איך באַמערקן, אַז דער הויף איז געווען אַ דורכגאַנגס־הויף, און ביידע טירן האָט דער שותף געעפנט מיט אַ וויטריך, כדי מיר זאָלן האָבן דורך וואַנען זיך אָפּצוטראָגן. איך בין גיך אַהינגעלאָפן, אָבער מיטן געדאַנק, אַז אויב די המצאה וועט זיך מיר נישט איינגעבן, וועל איך גלייך פון דאָרט אָפּציען (אַנטלויפן) צום וואָקזאַל, כדי צו אַנטלויפן פון דער דאָזיקער שטאָט.

אין אַ ווײַלע אַרום בין איך שטיין געבליבן ביים געוועלב; כ'האָב אָנגעמאַכט אַזאַ גערויש ביי די שלעסער, אַז דער וועכטער, וואָס איז געווען דערווייטערט מיט אַ 100 טריט, האָט עס זיכער געדאַרפט דערהערן. עס איז פאַרביי אַ פּאָר מינוט

און ווען איך האָב שוין געטראַכט, אַז מיין פּלאַן האָט זיך נישט איינגעגעבן, האָב איך דערהערט די געדעמפּטע טריט פון וועכ־טער און האָב לייכטער אָפּגעאָטעמט. ער, הייסט עס, ווייסט וועגן גאָרנישט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, און איך בין גיך צוריקגעלאָפן צו די שותפים.

אַלץ איז דורך גלאַטיק איבער אַלע דערוואַרטונגען. דער יועכטער האָט זיך געכאַפּט, אַז מען האָט אים „געפירט אין באָד אַריין". אָבער דעמאָלט איז שוין געווען צו שפּעט. פונדער־ווייטנס האָבן מיר דערהערט זיין אַלאַרם. מיר האָבן אָבער באַ־וויזן זיך אָפּצוטראָגן מיטן רויב.

עס האָט נישט געדויערט קיין 15 מינוט און מיר זענען שוין געזעסן זיכערע אין איינער פון די „מלינות" נאָענט פון דער אייגענער גאַס, ווו די גניבה איז באַגאַנגען געוואָרן.

ווען „צוויינאַס" האָט דערהערט דעם פּאָרטל, וואָס איך האָב באַנוצט, כדי אים צו ראַטעווען, האָט ער מיך אַ כאַפּ געגעבן אין די אָרעמס אַריין און האָט מיך געלויבט ביז אין הימל אַריין.

אַלע אָנוועזנדיקע האָבן מיך געקלאַפּט איבער די פּלייצעס אַלס צייכן פון אָנערקענונג. גיך האָט עס זיך צעטראָגן צווישן אונזערע לייט און איך האָב געוווּנען נאָך מער אַכטונג. אַפילו וועטעראַנען פון גנבים־פאַך, וואָס האָבן נישט פון איין תפיסה־בעקערײ ברויט געגעסן, האָבן ביים טרעפן זיך מיט מיר דער־לאַנגט די האַנט, וואָס מען האָט באַדאַרפט באַטראַכטן פאַר אַ נדויסן כבוד.